STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06453

OBLOMOV

Ivan Aleksandrovich Goncharov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבלאמאוו

רָאמאַן אין פיר טיילַען, דרַיי ביכער

פון

א. א. גאָנטשאַראָוו.

Copyright 1921
by Farlag "Culture"
New York

3.

— וואָס מאכסטו, איליאַ? איך בין זער צופרידען וואָס מיר זעען זיך ווידער! ווי געהט עס דיר? ביסטו כאָטש געזונט? — האָט געפרעגט שטאָלץ.

— שלעכט מיט מיר, ברודער אנדרעי, — האָט, זיפצענדיג, געענטפערט אָבלאָמאָוו, — ניט געזונט, ברודער.

— ביסט ניט געזונט? — האָט אַ פאַרזאָרגטער געפרעגט אנדרעי.

— פון גערשטען לייד איך! ערשט לעצטע וואך איז איינער ארונטער פון מיין רעכטען אויג און איצט באַוויי׳זט זיך שוין אַ נייער ווידער.

שטאָלץ האָט זיך צולאכט.

— דאָס אלץ? — האָט ער געפרעגט. — פון אַ סך שלאָפען קומט עס דיר!

— עס ברענט דאָך אַ שרעק! דו האָסט געמעגט הערען וואָס ניט לאנג צוריק האָט דער דאָקטאָר מיר אָנגעזאָגט. „נאָך אויסלאנד, זאָגט ער, פאָרט גלייך אוועק, אַז ניט קאָן זיין זער שלעכט: איר קאָנט קריגען אַן אפּאָפּלעקציע.

— וואָס האָסטו באַשלאָסען?

— איך פאָר ניט.

— פארוואָס?

— דו הער זיך נאָר איין וואָס ער האָט נאָך אָנגערעדט: „וואוינט אויף אַ בארג, פאָרט קיין עגיפּטען, אָדער גאָר קיין אמעריקא...”

— איז וואָס? — האָט קאַלטבלוטיג ארויסגערעדט אנדרעי, — צוויי וואָכען וועט דיר נעמען קיין עגיפּטען און קיין אמעריקא — דריי.

א. א. גאַנטשאַראָוו

— דו, אַנדרעי, אויך שוין געגען מיר? איין קלוגער מענש איז געווען איז ער אויך אַרונטער פון זינען. וועלכער מענש פּאָרט דאָס קיין אַמעריקאַ און קיין עגיפּטען! ענגלענדער בלויז: גאָט האָט זיי שוין אַזוי באַשאַפן! דערצו האָבען זיי ניט וואו צו וואוינען ביי זיך אין דער היים. אָבער ווער פּאָרט פון אונזערע מענשען? דאָס קאָן נאָר טאָן ביי אונז אַ פאַרצווייפעלטער מענש וועמען דאָס לעבען איז ניט ניחא.

— ניט קיין זער גרויסע העלדענטאַטען! זעץ זיך אויף אַ קאָלאַס, צי אויף אַ שיף, אָטעם דיר פרישע לופט, באַטראַכט פרעמדע לענדער, שטעט, זיטען, מען זעט וואונדערבאַרע זאַכען... עי, דו! נו, איצט דערצעהל מיר וואָס הערט זיך אין אָבלאָמאָווקע?

— אַך! — האָט אַרויסגערעדט אָבלאָמאָוו אַ מאַך טוענדיג מיט דער האַנט.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— דאָס לעבען נעמט אויפברוויזען.

— אַ דאַנק גאָט דערפאַר! — האָט געזאָגט שטאָלץ.

— וואָס הייסט: אַ דאַנק גאָט דערפאַר! אָט ווען עס זאָל גלעטען איבער'ן קעפּעל איז עפּעס אַנדערש, אָבער עס טשעפּעט זיך, ווי עס טשעפּען זיך אין דער שול שלעכטע אינגלעך צו אַ פרידליכען, רואיגען אינגעל, — אָט גיט עס אַ קניפּ הינטערוויילאַכטס און אָט גיט עס מיר אַ זעץ אין פּנים אַריין... איך קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטען!

— דו ביסט שוין אַביסעל צופיל אומרואיג. אָבער וואָס האָט פּאַסירט? — האָט געפרעגט שטאָלץ.

— צוויי אומגליקען!

— וואָסערע אומגליקען?

— איך בין אינגאַנצען רואינירט.

— ווי אַזוי?

— אָט וועל איך דיר פּאָרלעזען וואָס דער סטאַראָסטאַ שרייבט... האַ? וואו איז דער בריף? זאַכאַר! זאַכאַר!

זאַכאַר האָט אויפגעזוכט דעם בריף. שטאָלץ איז אים

דורכגעלאָפען מיט די אויגען און צולאַכט זיך, מסתמא, פון דעם סטאַראָסטאַ'ס סטיל.

— אַ סאר א דרעה־קאָפּ איז דאָס דיין סטאַראָסטאַ! — האָט ער געזאָגט. — ער האָט אַליין אָפּגעלאָזען די פּויערים און איצט קלאָגט ער זיך נאָך! בעסער זיי אינגאנצען אוועק־צוגעבען די פּאַספּאָרטען און זאָלען זיי זיך געהן וואו זיי ווילען נאָר אליין.

— גאָט איז מיר דיר! וואָס רעדסטו? אַלע וועלען עס דאָך וועלען! — האָט זיך אָפּגערופען אַבלאָמאָוו.

— זאָלען זיי! — האָט אַ זאָרגלאָזער אָפּגעענטפערט שטאָלץ. — ווער עס לוינט זיך וועט בלייבען, און אויב אַי־מיצען לוינט זיך ניט צו זיין ביי דיר, לוינט זיך דיר ניט צו האַלטען אים.

— וואָס איס קאָן איינפאלען! — האָט געזאָגט איליאַ איליטש. — די פּויערים אין אַבלאָמאָווקע זיינען פרידליכע מענשען, היימזיצער; וואָס וועלען זיי זיך עפּעס געהן ארומ־שלעפּען!...

— ווי עס זעט אויס,—האָט אים איבערגעשלאָגען אַנדרעי, — ווייסטו ניט, אז אין ווערכליעוו וויל מען אויפבויען אַ האַפען און מען פּראָיעקטירט דורכצופירען אַ שאָסיי; אַזוי ארום וועט אַבלאָמאָווקע זיך געפינען ניט ווייט פון אַ הויפּטוועג, און אין שטאָדט געהט מען פאַראַנשטאַלטען אַ יאַר־מאַרק.

— אוי, גאָט מיינער!— האָט געזאָגט אַבלאָמאָוו. — אַ נייע צרה אויף מיין קאָפּ! אַבלאָמאָווקע ליגט זיך אין אַזאַ שטילען ווינקעל, אָן אַ זייט, און מיטאמאָל נאַ דיר גאָר אַ יריד, אַ שאָסיי! די פּויערים וועלען זיך צוגעוועהנען צו דער שטאָדט, סוחרים וועלען זיך נעמען באַווייזען אין דאָרף — מיר זיינען פאַרלאָרען! אַן אומגליק קלייבט זיך אויף אונז!

שטאָלץ האָט זיך ווידער צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט אַבלאָמאָוו ווייטער גערעדט. — עס איז אַן אמת'ר אומגליק! ביז אַהער זיינען זיך די פּויערים געווען רואיגע מענשען, ניט קיין גוטע, ניט קיין שלעכ־

טע, טועז זיך זייער ארבייט, האָבען ניט קיין גרויסע אויגען; אָבער איצט וועלען זיי ווערען צולאָזען! ... עס וועט זיך שוין איננאַנצען ניט לוינען...

— יאָ, געוויס, אויב עס וועט אזוי זיין, ווי דו זאָגסט, איז טאקע שלעכט, — האָט געזאָגט שטאָלץ. — ווייסטו וואָס, איליא? ריכט איין א שול אין דאָרף.

— מיינסט ניט, אז עס איז צו פרי? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו. — בילדונג איז שעדליך פאַר'ן פּויער: לערן אים נאָר עפּעס אויס, וועט ער אויפהערען צו אקערען אפילו.

— נארישקייטען! די פּויערים וועלען דאָך לעזען ווי אזוי צו אקערען! אָבער דאָך הער זיך איין: דו מוזט אליין זיין אין דאָרף און טאקע נאָך היי־יאָר.

— יאָ, ביסט גערעכט; אָבער מיין פּלאַן איז נאָך ניט פאַרטיג אין גאַנצען, — האָט אָבלאָמאָוו אויף גיך באמערקט.

— און מען דאַרף גאָר איננאנצען קיין פּלאַן ניט! — האָט געזאָגט שטאָלץ. — אלץ וואָס דו דאַרפסט איז ארויסצו־פאָרען. אויפ'ן פּלאַץ וועסטו זען וואָס דו האָסט צו טאָן. דאכט זיך, אז דו שלעפּסט זיך שוין זער לאנג ארום מיט דעם פּלאַן, פאַרוואָס איז ער נאָך אלץ ניט פאַרטיג? וואָס דען טוסטו די גאַנצע צייט?

— אוי, ברודער אנדרעי! דו מיינסט אפנים, אז איך האָב בלויז צרות פון דאָרף און דאָס איבעריגע געהט שוין ווי עס באַדאַרף צו זיין! און וואָס טוט מען צו מיין צווייטען אומ־גליק?

— וואָס נאָך פאַר אַן אומגליק?

— מען טרייבט מיך ארויס פון דער דירה!

— וואָס הייסט, מען טרייבט?

— פשוט: זייט אזוי גוט, זאָגט מען מיר, און קלייבט זיך ארויס פון דער דירה.

— וואָס פאַר אַן אומגליק איז דאָס?

— ביי דיר איז עס קיין אומגליק ניט, — האָט זיך אָפּ־גערופען אָבלאָמאָוו, — און איך האָב מיר שוין די זייטען און

אַבלאַמאָוו

די פּלייצע אויסגעריבען, טראַכטענדיג וועגען דעם אומגליק. פאַרגעס ניט, אַז איך בין אַליין, אַלץ מוז איך טאָן אַליין: דאָס דאַרף מען, יענעס דאַרף מען, דאָ דאַרף מען צאָלען, דאָרט דאַרף מען צאָלען, און אינמיטען גאָר גענה און קלייב זיך איבער! אָן אַ שיעור געלט געהט אַוועק! איך ווייס אַליין ניט אויף וואָס! אויב עס זאָל אַזוי ווייטער געהן, וועל איך בלייבען אָן אַ גראָשען געלט.

— ווי אַ מענש האָט זיך דאָס צובאַלעוועט: ס'איז אים שווער ארויסצוקלייבען זיך! — האָט שטאָלץ ארויסגערעדט מיט ערשטוינונג. — יאָ, הער זיך נאָר איין, איליאַ, אויב דו האָסט אַ סך געלט,גיב מיר פינף הונדערט רובעל, איך דאַרף זיי גלייך האָבען, מאָרגען גיב איך זיי דיר צוריק.

— איך ווייס אַליין ניט, לאָמיר זיך דערמאָנען... ניט לאַנג צוריק איז פון דאָרף אָנגעקומען טויזענט רובעל, געבליבען איז... אָט וועל איך אַ קוק טאָן...

אַבלאָמאָוו האָט גענומען זוכען אין די שופלאָדען.

— אָט האָסטו... צען, צוואַנציג, צוויי הונדערט... אָט האָסטו נאָך צוואַנציג. געוועזען נאָך קופּערנע מטבעות... זאַכאַר! זאַכאַר!

זאַכאַר איז אויף זיין פריערדיגען אופן אראָפּגעשפּרונגען פון אויווען און אריין אין צימער אריין.

— נעכטען האָב איך דאָ צוויי גריוונעס אַוועקגעלייגט. וואו זיינען זיי?

— וואָס חלומ'ען זיך אייך אַלץ צוויי גריוונעס, איליאַ איליטש? איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז דאָ זיינען קיין צוויי גריוונעס ניט געוועזען.

— וואָס הייסט ניט געוועזען? מען האָט דאָך זיי מיר געגעבען רעשטע פון די אַפּעלסינען.

— איר האָט עס זיכער אימיצען אַוועקגעגעבען און פאַרגעסען וועמען, —האָט געזאָגט זאַכאַר, אומדרעהענדיג זיך צו דער טיר.

שטאָלץ האָט זיך צולאַכט.

— אי, איז דאס א חברה. — האט שטאלץ זיי פארגע־וואָרפען. — ווייסען ניט וויפיל געלט זיי האבען אין טאש.

— ניט לאנג צוריק, דאכט זיך, האט איר מיכעי אנדרעי־איטש'ן אוועקגעגעבען עפעס געלט, — האט זאכאר פרובירט צו דערמאָנען.

— יאָ, גערעכט, טאראנטיעוו האט צוגענומען נאָך א צען רובעלדיגען און איך האב אינגאנצען אָן דעם פארגעסען, — האט זיך אָבלאָמאָוו אָפגערופען צו שטאָלצ'ען.

— פארוואס לאזטו די דאזיגע בהמה צו זיך אין הויז אריין? — האט געפרעגט שטאָלץ.

— ער קומט ווי צו זיך אהיים אָדער נאָך בעסער ווי אין א טראקטיר אריין, — האט זיך אריינגעמישט זאכאר. — צו־גענומען דעם שררה'ס א העמד און וועסט, איז עס ווי אין וואסער אריין! לעצטענס האט ער געוואלט צונעמען אויך דעם פראק... א, פאטערל, אנדרעי איוואניטש, ווען איר זאלט אים כאטש קאנען אביסעל אָפהאלטען...

— ניט דיין דאגה, זאכאר! קאנסט געהן! — האט אָב־לאָמאָוו זיך אָפגערופען.

— גיב מיר א בויגען שרייב פאפיר, — האט שטאָלץ געבעטען, — איך דארף עפעס אָנשרייבען.

— זאכאר, גיב אנדרעי איוואניטש'ן א בויגען פאפיר, — האט געזאגט אבלאָמאָוו.

— איר ווייסט דאָך, אז עס איז ניטאָ קיין פאפיר, — האט זיך פון קאָרידאָר אָפגערופען זאכאר און אפילו זיך ניט אומגעקערט אין צימער אריין.

— גיב וואָסער־עס־איז שטיקעל פאפיר, — איז צוגע־שטאנען שטאָלץ.

אָבלאָמאָוו האט א זוך געטאָן אויפ'ן טיש: אפילו קיין שטיקעל איז ניט געווען.

— גיב מיר כאטש דיין וויזיט־קארט.

— איך האב שוין לאנג קיין וויזיט־קארטען ניט, — האט זיך אָבלאָמאָוו אָפגערופען.

אַבלאַמאָוו

— וואָס טוט זיך דאָ מיט דיר? — האָט איראָניש אַרויס־געררעדט שטאָלץ. — און דו ווילסט זיך דאָס פאַרנעמען מיט מאַכען פּלענער? זאָג מיר נאָר? קומסטו ערגעץ? זעסטו עמעצען?

— ווער האָט צייט צו געהן! איך געה זער זעלטען, איך זיץ אַלץ אין דער היים, בין פאַרנומען מיט מיין פּלאַן, איצט איז צוגעקומען דער אומגליק מיט דער דירה... טאַראַנטיעוו האָט זיך אָנגעבאָטען צו זוכען פאַר מיר א דירה...

— קומט עמעץ צו דיר?

— געוויס... עס קומט טאַראַנטיעוו, אַמאָל קומט אַלעקסעיעוו, ניט לאַנג צוריק איז דער דאָקטאָר ביי מיר אָפּגעטראָטען... פּענקין איז געווען, סודבינסקי, וואָלקאָוו..

— איך זע ביי דיר קיין ביכער ניט, — האָט געזאָגט אַנדרעי.

— אָט ליגט א בוך! — האָט באַמערקט אָבלאָמאָוו און אים אָנגעוויזען אויפ'ן טיש, וואו עס איז געלעגען א בוך.

— וואָס פאַר א בוך איז עס? — האָט געפרעגט שטאָלץ און אַריינגעקוקט אין בוך אַריין, — „א רייזע אין אפריקא". און די זייט אויף וועלכער דו האָסט זיך אָפּגעשטעלט איז פאַר־שימעלט. מען זעט ביי דיר קיין צייטונגען ניט... דו לעזט ניט קיין צייטונגען?

— ניין, די שריפט איז צו קליין, מאַכט קאַליע די אויגען... און דערצו זע איך ניט די נויטוועגדיגקייט אין צייטונגען: אויב עס איז דאָ עפּעס נייעס, רעדט מען וועגען דעם א גאַנצען טאָג, וואו דו זאָלסט נאָר ניט געהן, הערסטו אַלץ וועגען דעם.

— וואָס איז מיט דיר, איליא? — האָט שטאָלץ געזאָגט, קוקענדיג אויף אָבלאָמאָוו'ן מיט דערשראָקענע אויגען. — וואָס טוסטו? דו ליגסט דאָך ווי א שטיק טייג און באַוועגסט זיך ניט.

— ריכטיג, אַנדרעי, ווי א שטיק טייג, — האָט טרויעריג געזאָגט אָבלאָמאָוו.

— מיט דעם װאָס דו אנערקענסט עס, רעכטפערטיגסטו זיך נאָך ניט.

— ניין, איך זאָג בלויז נאָך דיינע װערטער; איך רעכט־פערטיג זיך ניט, — האָט ארויסגערעדט אָבלאָמאָװ מיט א טיפען זיפץ.

— מען מוז אָבער באפרייען זיך פון דעם דאָזיגען שלאָף.

— פריער האָב איך עס פּרובירט איז עס מיר ניט גע־לונגען, אָבער איצט. צו װאָס? קיין שום זאך רייצט ניט, די נשמה רייסט זיך ניט מער, דער שכל דרעמעלט זיך רואיג!

— האָט ער מיט אַ קוים באמערקטער פארביטערטקייט ארויס־גערעדט. — לאָמיר װעגען דעם בעסער ניט ריידען... דו דער־צעהל מיר בעסער פון װאַנען קומסטו איצט.

— פון קיעװ. אין א צװיי װאָכען ארום פאָר איך קיין אויסלאנד. קום אויך מיט מיר.

— יאָ, פארװאָס ניט... — האָט אָבלאָמאָװ באשלאָסען.

— זעץ זיך טאַקע גלייך אװעק און שרייב אָן א ביטע װע־גען אָן אויסלענדישען פּאַס, און גיב זי אָפּ מאָרגען.

—ניט אנדערש װי מאָרגען!...— האָט אָנגעהויבען אָב־לאָמאָװ, כאַפּענדיג זיך. — מען יאָגט דאָך ניט, טאָ װאָס איילט איר זיך אזוי? מען רעדט ארויס א װארט און זיי שוין... ב׳וויים, אפשר צום ערשטען זיין אין דאָרף, און דערנאָך ערשט...

— פארװאס דערנאָך? דער דאָקטאָר האָט דאָך געהייסען! צום אלעם ערשטען װארף פון זיך ארונטער די פעטקייט און די שװערקייט פון דיין קערפּער, װעט שוין פון זיך אליין פארשװינדען דער שלאָף, װאָס ליגט אויף דיין נשמה. מען דארף קערפּערליכע און גייסטיגע גימנאַסטיק.

— ניין אנדרעי, פון דעם אלעם װער איך פארמאטערט: איך בין ניט איבריג געזונט. ניין, דו פאָר דיר שוין בעסער אליין, און איך װעל בלייבען װאו איך בין...

שטאָלץ האָט א קוק געטאָן אויף דעם ליגענדיגען אָבלאָ־מאָװ׳ן, אָבלאָמאָװ האָט א קוק געטאָן אויף אים.

אבלאמאוו

שטאַלץ האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אַבלאָמאָוו האָט אַ זיפץ געטאָן.

— דו פוילסט זיך אפנים אפילו צו לעבען? — האָט אים געפרעגט שטאָלץ.

— יאָ, אנדרעי, אין דעם איז אויך דאָ אַ סך אמת: איך פויל זיך.

אנדרעי האָט געזוכט אין קאָפּ אַ פראגע, וואָס זאָל אָנ־נעמען אַבלאָמאָוו'ן פאר דער לעבער, דערווייל האָט ער אים שווייגענדיג באטראכט און מיטאמאָל זיך צולאכט.

— וואָס טראָגסטו עפּעס צוויי פארשידענע זאָקען? — האָט מיט אמאָל באמערקט שטאָלץ. — און דאָס העמד טראָג־סטו פארקערט.

אַבלאָמאָוו האָט אַ קוק געטאָן צום ערשטען אויף די פיס, דערנאָך אויפ'ן העמד.

— דו ביסט גערעכט, — האָט ער שעמענדיג זיך מודה געווען, — אַ שטראָף פון גאָט איז אויף מיר אָט דער זאכאר! דו קענסט דיר גאָרניט פאָרשטעלען ווי ער האָט מיך אויסגע־מאטערט! ער ענטפערט אָפּ, זידעלט זיך, אָבער קיין שטאָך ארבייט טוט ער ניט.

— אַך, איליא, איליא! — האָט ארויסגערעדט שטאָלץ.

— זיי זיכער, אַז איך וועל דיר אזוי ניט איבערלאָזען. אין אַ וואָך ארום וועסטו זיך ניט דערקאָנען. שוין היינט אָווענט וועל איך דיר איבערגעבען אַ גענויעם פּלאַן וואָס איך קלייב זיך צו טאָן מיט דיר און מיט מיר, און איצט טו זיך אָן. איך וועל דיך שוין איצט אביסעל אויפטרייסלען! זאכאר! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — איליא איליטש וויל זיך אָנטאָן.

— וואָס איז מיט דיר אזאַ איילעניש? אָט דארפען באלד קומען טאראנטיעוו מיט אלעקסיעוו'ן צום מיטאָג. דערנאָך האָבען מיר געזאָלט...

— זאכאר, העלף איליא איליטש'ן זיך אָנטאָן, — האָט, ניט אכטענדיג אויף זיינע רייד, געזאָגט שטאָלץ.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— צו אייער באַפעל, אנדרעי איוואניטש, איך וועל נאָר פריער אָפּפּוצען די שיך, — האָט געזאָגט זאַכאַר.

— פינף אַזייגער אין אָוונט און די שיך זיינען נאָך ניט אָפּגעפּוצט?

— אייגענטליך זיינען זיי שוין יאָ געפּוצט, שוין איבער אַ וואָך ווי זיי שטעהען אויסגעפּוצטע, נאָר אַזוי ווי דער שררה איז פון דאַמאָלט ניט ארויס פון הויז, זיינען זיי ווידער פאַר־שטויבט געוואָרען.

— גיב זיי אַזוי. דו טראָג אַריין אין גאַסט־צימער מיין טשעמאָדאַן; איך וועל זיך ביי אייך אָפּשטעלען. איך געה זיך איבערטאָן און דו זיי אויך פאַרטיג. מיטאָגען וועלען מיר אויפ׳ן וועג, דערנאָך וועלען מיר צופאָרען אין א צוויי־דריי הייזער, און...

— אַזוי פּלוצים... לאָז מיך קומען צו זיך... לאָז מיך איבערטראַכטען... איך בין דאָך אַפילו ניט ראַזירט...

— האָסט ניט צו וואָס צו טראַכטען און קראַצען זיך דעם נאַרען... — האָט זיך אָפּגערופען שטאָלץ. — גאָלען וועסטו זיך אויפ׳ן וועג: איך וועל דיך שוין צופירען צו א ראַזירער.

— וואו קלייבסטו זיך דאָס צו פאָרען? — האָט באַ־קימערט אויסגעשריען אָבלאָמאָוו. — צו אומבאַקאַנטע? וואָס דיר קאָן איינפאַלען! איך וועל שוין ליבערשט מיר צוגעהן צו איוואַן געראַסימאָוויטש׳ן: שוין דריי טעג ניט געווען.

— ווער איז דער איוואַן געראַסימאָוויטש?

— דער, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר געדינט.

— אָ, איך ווייס שוין! א גרויער, יאָ? אסור צי איך ווייס וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען דו האָסט, וואָס דו פאַרברייננגסט דיין צייט מיט אַזאַ אידיאָט!

— אָ, אנדרעי, ווי שאַרף דו דריקסט זיך אַמאָל אויס וועגען מענשען! און ער איז דאָך זער א וואוילער מענש, דאָס איינציגע שלעכטע אין אים איז, וואָס ער טראָגט ניט קיין האָלענדישע העמדער.

אבלאמאוו

— אָבער וואָס טוסטו ביי אים? וועגן וואָס רעדט איר? — האָט שטאָלץ געפרעגט אָבלאָמאָוו'ן.

— ביי אים אין הויז איז אזוי געמיטליך, אזוי היימליך. די צימערען זיינען קליינינקע, די סאָפעס זיינען טיפע, מען קאָן פארזונקען ווערען אין זיי, אז מען זאָל זיך ניט ארויסזען. מיט עפיי און קאקטוסען זיינען פארשטעלט די פענסטער, מער ווי א טוץ קאנארייען זיינען ביי אים פאראן, דריי הינט האָט ער, אזוינע גוטע הינט! מיט דעליקאטעסען איז פול דער בור־פעט. די גראוויורען ביי אים אין הויז שטעלען פאר סצענען פון פאמיליען־לעבען. אז מען קומט אהין ווילט זיך ניט אוועק־געהן. זיצסט דיר אָן דאגות, טראכסט וועגן גאָרניט, האָסט בלויז דאָס באוואוסטזיין, אז נעבען דיר זיצט א מענש... אמת, ניט זער קיין קלוגער, האָסט מיט אים קיין סך ניט וואס צו ריידען, דערפאר אָבער א גוטער, א גלייכגילטיגער, ניט קיין כיטרער, א מענש אָן פרעטענציעס, וועט דיך אונטער די אויגען ניט באריידען.

— וואָס טוט איר אָבער דאָרט?

— וואס מיר טוען? אז איך קום, זעצען מיר זיך איינער געגען דעם צווייטען אויף דער סאָפע; ער — רויכערט..

— און דו?

— איך רויכער אויך, איך הער זיך איין ווי די פייגעל זינגען. שפעטער ברענגט מארפא אריין דעם סאמאָוואר.

— טאראנטיעוו, איוואן גערואסימיטש! — האָט שטאָלץ געזאָגט, ציענדיג די אקסלען. — טו זיך שוין גיכער אָן, — האָט ער אונטערגעיאָגט אָבלאָמאָוו'ן.

— און טאראנטיעוו'ן, ווען ער וועט קומען, זאָג, — האָט ער צוגעלייגט, וועגנדענדיג זיך צו זאכאר'ן, — אז מיר מיטאָגען ניט אין דער היים און אז איליא איליטש וועט דעם גאנצען זו־מער ניט עסען אין דער היים, און אז צו הערבסט וועט ער זיין זער פארנומען, און אז עס איז אוממעגליך צו טרעפען זיך מיט אים...

— איך וועל זאָגען, אלץ וועל איך זאָגען, — האָט זיך אָפּ־

א. א. גאנטשאראוו

גערופֿען זאַכאר. — און וואָס זאָל איך טאָן מיט'ן מיטאָג?

— טייל זיך מיט'ן מיטאָג מיט וועמען דו ווילסט.

— צו אייער דינסט, הער.

אין א צען מינוט ארום איז שטאָלץ אריינגעקומען אָן אויסגעפּוצטער, א ראַזירטער, א פּארקאמטער, אָבער אָבלאָמאָוו איז נאָך אלץ געזעסען אויף זיין בעט און פאמעליך פארשפּי־לעט זיך דאָס העמד; אָבער די קנעפּלעך זיינען ניט אריינגע־פאלען אין די לעכלעך. אויף די קני איז פאר אים געשטאנען זאכאר, ווי א שיסעל, האָט ער געהאלטען א שמוציגען שטיוועל אין דער האנט, זייענדיג גרייט אים אָנצוטאָן, ווען דער הער וועט פארטיג ווערען מיט'ן פארשפּילען זיך דאָס העמד.

— דו האָסט נאָך די שיך ניט אָנגעטאָן? — האָט שטאָלץ פארוואונדערט געפרעגט. — גיכער, איליא, גיכער!

— אָבער צו וואָס? וואָס וועל איך דאָרט טאָן? — האָט מיט טרויער געזאָגט אָבלאָמאָוו. — איך וויל ניט... לאָז מיך צו רו...

— גיכער, גיכער, — האָט צוגעאיילט שטאָלץ.

4.

כאטש עס איז שוין ניט געווען זעהר פרי, האָבען זיי דאָך באוויזען צו באזוכען וועמען זיי האָבען געדארפט וועגען געשעפט, דערנאָך האָט שטאָלץ געכאפּט אויפ'ן וועג עפּעס א גאָלד־הענדלער און מיט אים געהאט מיטאָג, דערנאָך זיינען זיי אוועק אויף דער זומער־וואוינונג פון דעם הענדלער אויף א גלעזעל טיי, באגעגענט דאָרט פיל מענשען, און אָבלאָמאָוו איז פון פולשטענדיגער איינזאמקייט מיטאמאָל אריינגעוואָרפען געוואָרען אין דער געזעלשאפט פון א סך מענשען. אהיימגע־קומען זיינען זיי זעהר שפּעט ביי נאכט.

אזוי אין דער צווייטער טאָג, דער דריטער, די גאנצע וואָך אומבאמערקטערהייט פּארביי. אָבלאָמאָוו האָט פּראָטעסטירט, באקלאָגט זיך, דיסקוטירט, אָבער ער האָט זיך געלאָזט איבער־רעדען און אומעטום באגלייט זיין פריינד.

איינמאָל ווען זיי זיינען שפּעט אהיימגעקומען, איז אָב־לאָמאָוו באזונדערס שטארק ארויסגעטראָטען געגען אָט דעם גאנצען טומעל.

— גאנצע טעג, — האָט ער, אָנטועענדיג דעם שלאָפראָק, געגומען ברומען, — נעמט מען ניט ארונטער די שטיוועל פון די פיס. ניין, עס געפעלט מיר ניט אייער פּעטערסבורגער לע־בען! — האָט ער ווייטער גערעדט, לייגענדיג זיך אויף דער סאָפע.

— וואָס פאר א לעבען געפעלט דיר יאָ? — האָט אים שטאָלץ געפרעגט.

— ניט אזא ווי דאָס.

— וואָס, אייגענטליך געפעלט דיר ניט אין דעם פּעטערס־בורגער לעבען?

— אלץ. דאָס שטענדיגע אומאויפהערליכע ארומלויפען, דער שפּיל פון די קליינע ליידענשאפטען, באזונדערס די גיי־

ציגקייט, דאָס פארקריכען יענעם דעם וועג, די רכילות, די באַ־רעדענישען, דאָס באקוקען יענעם פון קאָפּ ביז די פיס. און הערט מען זיך איין צו זייערע רייד, הויבט זיך דער קאָפּ אָן צו דרייען, ווערסט טעמפּ. לויט'ן אויסזען, דאכט זיך, זיינען זיי גאַנץ קלוגע מענשען, מענשען מיט ווירדע, אָבער הערען הערט מען פון זיי בלויז: „דעם האָט מען געגעבען, דער האָט באקו־מען אין אַרענדאַ". „פארוואָס קומט דאָס אים?" הערט זיך א צווייטע שטימע. „דער האָט נעכטען פארשפּילט אין קלוב"; „דער נעמט דריי הונדערט טויזענט!" לאנגווייליג, לאנגווייליג, לאנגווייליג! וואו איז דאָ דער מענש? וואו איז דאָ די ווירדע פון'ם מענשען? וואו האָט ער זיך באהאלטען? פארוואס האָט ער זיין נשמה אויסגעביטען אויף אזוינע קליינינקייטען?

— עפּעס מוז דאָך פאָרט פארנעמען דעם מענש און די געזעלשאפט, האָט געזאָגט שטאָלץ, — יעדער איינער האָט זיך זיינע אינטערעסען. דאָס איז דאָס לעבען...

— וועלט, געזעלשאפט! איך גלויב, אז דו שיקסט מיך געדענגווייליג אין אָט דער וועלט אריין, כדי איך זאָל פארלירען יעדען פארלאנג צו דער דאָזיגער וועלט. קוק זיך איין, אנדרעי, צום צענטער פון די אינטערעסען, וואָס פארנעמען די דאָזיגע געזעלשאפט: עס איז פלאך, ניטאָ קיין טיפער געפיל. זיי זיינען מתים, אָט די מענשען פון דער געזעלשאפט, זיי זיינען פארשלאָפען, זיי זיינען פיל ערגער פון מיר. וואָס איז דאָס ציל פון זייער לעבען? גוט, זיי ליגען ניט אין בעט, נאָר זשומען די טעג אָפּ ווי פליגען, אָבער וואָס קומט דערפון ארויס? געהסט אין זאל אריין קאָנסטו זיך ניט אפּוואונדערען ווי סי־מעטריש עס זיינען אויסגעזעצט די געסט, ווי טיפזיניג און רואיג זיי זיצען ביי די קאָרטען. אַ, יאָ! זעהר א א גרויסע לעבענס אויפגאבע! יעדער זוכענדער מוח דארף ארונטערנע־מען א ביישפּיל פון זיי! זאָג, זיינען דאָס ניט קיין מתים? שלאָפען זיי ניט זייער גאנץ לעבען? מיט וואָס בין איך ערגער פון זיי, ווען איך ליג מיר אין דער היים?

— דאָס איז שוין אַלט ווי די וועלט, וועגען דעם האָט מען

אַ ב ל אַ מ אַ ו ו

שוין טויזענטער מאָל גערעדט! — האָט באַמערקט שטאָלץ.— האָסט ניט קיין נייערע ארגומענטען?

— און אונזער יוגענט, די בעסערע אַפילו, וואס טוט זי? זי שלאָפט דאָך אַפילו ווען זי פאָרט ארום אויף ניעווסקי פּראָספּעקט, אָדער ווען זי טאַנצט. פּוסט־און־פּאַס פאַרברענגען זיי די טעג. און גיב נאָר א קוק מיט וויפיל שטאָלץ און אומבאַגרייפליכער ווירדע, און מיט וואָס פאַר א אפשטויסענדען בליק זיי קוקען אויף די, וואָס זיינען אָנגעטאָן ניט ווי זיי, וואָס האָבען ניט דיזעלבע אמטען און ראַנגען ווי זיי. און די דאָזיגע אומגליקליכע מענשען שטעלען זיך נאָך פאָר, אַז זיי שטייען העכער פון דער מאַסע; „מיר פאַרנעמען אַזוינע אַמטע ווי זעלטען ווער אַנדערש; מיר זיצען אין די ערשטע רייען; בלויז אונז האָט גראַף נ. געלאַדען צו זיך אויפ׳ן באָל“... און קומען זיי זיך צוזאַמען, שיכור׳ן זיי זיך אָן און צושלאָגען זיך, ווי ווילדע! דאָס הייסט לעבעדיגע, ניט פאַרשלאָפענע מענשען! און ניט בלויז די יוגענט איז אַזוי, גיב א קוק אויף די דערוואַקסענע! ווען זיי קומען זיך צוזאַמען פרעסען זיי זיך אָן, פילסט ניט ביי זיי קיין גוטהאַרציגקייט, קיין גוטסקייט, קיין אינטערעס פון איינעם צום צווייטען. זיי קומען צו א פּעסט, צו א מיטאָג אָן א פונק פון פרייד, ווי עס וואָלט געלעגען אויף זיי א חוב; אָן וואַרעמקייט ,אַזוי ווי זיי וואָלטען געקומען בלויז דערפאַר, וואָס זיי זאָלען זיך קאָנען אויסגרויסען מיט דער איינלאַדונג. ביים מיטאָג מיט דריי טעג צוריק, האָב איך ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס באַרעדען די אָפּוועזענדיגע; כאָטש געה און קריך אונטער׳ן טיש ארונטער! „דער איז א אידיאָט, דער איז א געמיינער מענש, דער — א גנב, יענער — קאָמיש“ — דאָס איז וואס זיי האָבען צו זאָגען איינער וועגען דעם צווייטען! און רעדענדיג דאָס, קוקען זיי איינער אויפ׳ן צווייטען מיט אויגען, וואס זאָגען: „זאָל זיך נאָך דיר פאַרמאַכען די טיר, און דו וועסט באַקומען די זעלבע פּאָרציע“.. צו וואָס קומען זיי זיך צוזאַמען, אויב זיי האָבען וועגען זיך אַזא מיינונג? פאַר־

א. א. גאַנטשאַראָוו

וואָס דריקען זיי אזוי היים זיך איינער דעם צווייטען די הענט? ניטאָ ביי זיי קיין אמת געלעכטער, קיין אמת מיטגעפיל! אלץ וואָס זיי זוכען איז א הויכען ראנג, א נאָמען. „איך בין געוועזן ביי דעם, דער איז געוועזן ביי מיר", האלטען זיי זיך אין איין בארימען... וואס איז דאָס פאר א מין לעבען! וואָס קאָן איך זיך ביי זיי אויסלערנען, וואָס פאר א נוצען קאָן איך האָבען דערפון?

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, איליא? — האָט געזאָגט שטאָלץ. — דו ארגומענטירסט ווי א פארצייטיגער מענש: אין אלע אלטע ביכער געפינט מען די זעלבע טענות. אָבער דאָס איז שוין אויך עפּעס ווערט: שלאָפסט אמוועניג־סטענס ניט, טראכסט אביסעל. וואס נאָך האָסטו צו זאָגען? רעד ווייטער.

— וואָס איז דאַרט דאָ ווייטער צו רעדען? גיב נאָר א קוק: קיין איינער האָט ניט קיין פרישען, געזונטען אויסזען.

— די שולד פון קלימאט, — האָט אים איבערגעשלאָגען שטאָלץ, — דו לויפסט דאָך ניט ארום, דו ליגסט דאָך שוין אויף איין פּלאַץ, און דאָך איז דיין פּנים אויך זער צוקנייטשט.

— קיין איינער פון זיי האָט ניט קיין קלאָרען, רואיגען בליק, — האָט אָבלאָמאָוו ווייטער גערעדט, — איינער נעמט זיך אָן פון צווייטען מיט עפּעס אזא פיינליכער פארזאָרגטקייט, מיט אזא בענקשאפט, מיט אזא קרענקליכער גייציגקייט. זיי ווערען בלייך, ווען א צווייטען געהט גוט, ווען א חבר זייערער האָט ערפאָלג. איינער איז באזאָרגט דערפון, וואָס מאָרגען איז שוין ענדליך דער פּראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגען פינף יאָר און, ווי עס זעט אויס, וועט דער צווייטער צד געווינען. און ער איז גאנצע פינף יאָר געווען פארנומען מיט דעם איינ־ציגען געדאנק, ווי יענעם צו באגראבען און אויף דעם אומגליק פון זיין חבר אויפצובויען זיין גליק. איינער פילט זיך אומ־גליקליך, וואס ער איז פאראורטיילט יעדען טאָג צו ארבייטען ביז פינף אין אָוונט, און א צווייטער זיפצט וואָס ער איז ניט אזוי גליקליך ווי דער...

אבלאמאוו

— דו ביסט אן אמת'ר פילאזאף, איליא! — האט גע־זאגט שטאלץ. — אלע דאגה'נען, בלויז דו אליין דארפסט גארנישט ניט!

— נעם, למשל, אט דעם גלען העך אין די ברילען. — האט ווייטער גערעדט אבלאמאוו. — ער איז צוגעשטאנען צו מיר, צי איך האב געלעזען די רעדע פון א געוויסען דעפוטאט, און ער האט אויסגעשטעלט אויף מיר א פאר אויגען, ווען איך האב אים געזאגט, אז איך לעז בכלל קיין צייטונגען ניט. און ער האט אנגעהויבען צו רעדען וועגען לואי פיליפ'ן, ווי ער וואלט געווען זיין פאטער. דערנאך האט ער זיך צוגעטשעפעט צו מיר, וואס איז מיין מיינונג וועגען דעם, וואס דער פראנ־צויזישער געזאנדטער האט פארלאזען רוים. היינט האט מעב־מעט־אלי געשיקט א קריגס שיף קיין קאנסטאנטינאפאל, ברעכט ער זיך גלייך דעם קאפ: צו וואס? מארגען ליידט דאן קארלאס א נידערלאגע, איז ער זער צוטראגען. דא גראבט מען א קאנאל, דארט האט מען אוועקגעשיקט אן אפטיילונג מילי־טער, — מאכט ער דאס א טומעל, ווי אויף אים וואלט געשיקט געווארען דאס מיליטער. זיי קלייבען יעדע זאך פאנאנדער פון אלע זייטען, אבער זיי אליין איז לאנגוויליג; דורך די אלע גע־שרייען הערט זיך א ניט אונטערבראכען שנארכען. זיי רעדען בלויז, דער גאנצער ענין אינטערעסירט זיי ניט! וואס צו טאן האבען זיי ניט, ווארפען זיי זיך אויף אלע זייטען, ניט צילענדיג זיך אין ערגעץ! אונטער זייער אלץ ארומנעמענדיגען גייסט ליגט פארבארגען פוסטקייט, א גלייכגילטיגקייט צו אלץ אין דער וועלט. אבער אויסקלייבען פאר זיך א באשיידענעם, מיזאמען וועג און געהן אויף אים — דאס הייסט לאנגוויליג; דא העלפט שוין ניט דאס גרויסע וויסען, דא קאן מען שוין ניט שיטען קיין זאמד אין די אויגען.

— אט זעסטו, איליא, מיר האבען זיך ניט פאנאנדערגע־ווארפען. אבער וואו איז אונזער מיזאמער וועג? — האט געפרעגט שטאלץ.

אבלאמאוו איז מיט אמאל אנטשוויגען געווארען.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— לאָמיך נאָר ענדיגען דעם פּלאַן... — האָט ער געזאָגט. — זאָל זיי נעמען דאָס גוטע יאָר! — האָט ער צוגעלייגט מיט ערגעניש. — איך האָב צו זיי גאַרניט! איך זע אָבער אין דעם אַלעם ניט קיין נאָרמאַל לעבען. ניין, דאָס איז קיין לעבען ניט! דאָס איז א פאַרקריפּלונג פון דעם אידעאַל פון לעבען, וואָס די נאַטור האָט אונז אָנגעוויזען...

— וואָס איז אזוינס דער אידעאַל פון לעבען? — האָט געפרעגט שטאָלץ.

אָבלאָמאָוו האָט ניט געענטפערט.

— זאָג שוין מיר אמאָל, וואס פאר א סארט לעבען האָסטו פאר זיך אָנגעצייכענט? — האָט שטאָלץ ווידער אמאָל געפרעגט.

— איך האָב מיר שוין אָנגעצייכענט.

— וואָס פאר א לעבען? זיי ניט איינגעשפּארט און דערצעהל שוין אמאָל, וויאזוי?

— וויאזוי? — האָט איבערגעפרעגט אָבלאָמאָוו און איבערגעקערט זיך אויף דער פּלייצע. — ווי אזוי? צום ערשטען וואָלט איך אוועק אין דאָרף אריין.

— ווער שטערט דיר אין דעם?

— דער פּלאַן איז נאָך ניט פאַרטיג. און אוועקפאָרען וואָלט איך ניט אליין, נאָר מיט א ווייב...

— אזוי גאָר! נו, זאָל זיין מיט מזל! אָבער אויף וואָס וואַרטסטו? נאָך אין דריי־פיר יאָר ארום וועט שוין קיינער ניט וועלען חתונה האָבען מיר דיר.

— וואָס קאָן איך מיר העלפען? איך האָב קיין מזל ניט!

— האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו. — די אומשטענדען ערלויבען ניט.

— וואָס רעדסטו? און אָבלאָמאָווקע? און די דריי הונדערט נפשות?

— דאָס איז ניט גענוג אויף צו קענען דורכקומען מיט א פרוי.

— פאר צווייען ניט גענוג?

— און קינדער?

אבלאמאוו

— ווייס נאָר ווי אויפצוציען די קינדער, וועלען זיי שוין אליין זארגען פאר זיך, ווען זיי וועלען עלטער ווערען.

— ניין, פון אדעליגע קינדער מאכט מען ניט קיין האנד־ווערקער! — האָט אים טרוקען איבערגעשלאָגען אַבלאָמאָוו. — און אפילו אויסער קינדער איז מען אויך מער ווי צוויי. עס רעדט זיך בלויז אזוי, אין צווייען מיט דער ווייב, אין אמת'ן אָבער, ווי נאָר מען האָט חתונה, הויבען זיך אין הויז באַווייזען עפּעס פארשידענע ווייבער. גיב א קוק אין דעם ערשטען בעס־טען פארהייראטען הויז און דו וועסט דערזען פארוואנדטע און ניט פארוואנדטע, און אזוי ווייבער, און וואוינען זיי ניט דאָ, קומען זיי יעדען טאָג אויף א טאַסע קאַפע, אָדער גאר צום מיטאָג... ווי אזוי קאָן מען מיט דריי הונדערט נפשות אויס־האלטען א גאנצען פאנסיאָן?

— אַנגענומען, אז דו ביסט גערעכט. וואס וואָלסטו אָבער געטאָן, ווען מען זאָל דיר אוועקשענקען א דריי הונדערט טויזענט רובעל? — האָט מיט גרויס נייגעריגקייט געפרעגט שטאָלץ.

— איך וואָלט זיי גלייך אוועקגעטראָגען אין לאָמבארד אריין, — האָט זיך אָפּגערופען אַבלאָמאָוו, — און געלעבט פון די פּראָצענטען.

— דאָרט צאָלט מען א קליינעם פּראָצענט; פארוואס ניט בעסער אָפּגעבען דאָס געלט אין א האנדעלס־געזעלשאפט, לאָ־מיר זאָגען אין אונזערער.

— ניין, אנדרעי, מיך וועסטו ניט אריינגנארען.

— וואָס? דו וואָלסט אפילו מיר מורא געהאַט צו גע־טרויען?

— יאָ, געוויס! ניט איך האָב מורא דיר צו געטרויען, אָבער אלץ קאָן אמאָל פּאסירען: די געזעלשאפט קאָן אמאָל באנקראָטירען און איך בלייב דאמאָלט אָן א גראָשען ביי דער נשמה.

— זאָל זיין אז דו ביסט גערעכט; אָבער וואָס וואָלסטו אָנגעהויבען צו טאָן?

— איך וואָלט מיר געקומען אין מיין ניי, געמיטליך־

א. א. גאָנטשאַראָוו

אויסגעבויט הויז; ארום מיר וואוינען ליבע שכנים, דו, למשל... ניין, דו ווערסט שוין אין דיין לעבען ניט קאָנען איינזיצען אויף איין פלאַץ.

— און דו אליין וואָלסט געקענט שטענדיג זיצען אויף איין פלאַץ? קיינמאָל ניט ארויסצופאָרען?

— אין ערגעץ ניט.

— פארוואס האלט מען אין איין בויען אומעטום באַנען, שיפען, אויב דער אידעאל פון לעבען איז צו זיצען אויף איין פלאַץ? לאָמיר זיי מאכען א פארשלאג אפצושטעלען דאָס אלץ; מיר קלייבען זיך דאָך אין ערגעץ ניט צו פאָרען.

— אָן אונז, — האָט געענטפערט אָבלאָמאָוו, — איז נאָך דאַ א סך מענשען אויף דער וועלט; ס'איז וויייניג פארהאַן הענדלער, אַנגעשטעלטע, באאמטע, פארוואלטער און אזוי פוסט און פאסניקעס, וואָס האָבען קיין אייגען ווינקעל ניט? זאָלען די לייט פאָרען.

— און ווער ביסטו אזוינס?

אָבלאָמאָוו האָט געשוויגען.

— צו וועלכען שטאנד אין דער געזעלשאַפט רעכענסטו זיך צו?

— פרעג זאכאר'ן, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו.

שטאָלץ האָט בוכשטעבליך אויסגעפאָלגט אָבלאָמאָוו'ס פארלאנג.

— זאכאר! — האָט ער א געשריי געטאָן.

זאכאר איז אריינגעקומען מיט פארשלאָפענע אויגען.

— ווער אזוינס ליגט דאָרט? — האָט שטאָלץ געפרעגט.

זאכאר האָט זיך מיטאמאָל אויפגעטשוכעט, און מיט פאר־דאכט, פון דער זייט, האָט ער א קוק געטאָן אויף שטאָלצ'ן און דערנאָך אויף אָבלאָמאָוו'ן.

— וואָס הייסט ווער? איר זעט דען ניט?

— איך זע ניט, — האָט געזאָגט שטאָלץ.

— וואָס הייסט, ווער עס ליגט דאָרט? דאָרט ליגט דער פריץ איליא איליטש.

אבלאמאוו

ער האט זיך צושמייכעלט.
— איצט קאנסטו געהן.
— פריץ! — האט ווידערהאלט שטאלץ און צוקייכט זיך פאר געלעכטער.
— דזשענטעלמען, — האט מיט ערגערניש אים פאריכט אבלאמאוו.
— ניין, ברודער, דו ביסט א פריץ! — האט לאכענדיג נאכאמאל געזאגט שטאלץ.
— וואס איז דער אונטערשיד? — האט געזאגט אבלא־מאוו. — א דזשענטעלמען איז א פריץ.
— א דזשענטעלמען איז אזא פריץ, — האט אים ער־קלערט שטאלץ, — וואס טוט זיך אליין אן די זאקען און טוט זיך אליין אויס די שיך.
— געוויס, אן ענגלענדער טוט אלץ אליין, ווייל ביי זיי איז ניטא קיין סך באדינער, אבער א רוסישער...
— דו דערענדיג מיר אויסצומאלען דעם אידעאל פון דיין לעבען... גוטע באקאנטע ארום; וואס ווייטער? ווי פאר־ברענגסטו דיינע טעג?
— איך הויב זיך אויף אין־דער־פרי, — האט אנגעהויבען אבלאמאוו, פארלייגענדיג די הענט ארום נאקען, און איבער זיין פנים האט זיך צוגאסען אזא רואיגקייט: אין געדאנק איז ער שוין געווען אין דארף. — דער מארגען איז א שעהנער, דער הימעל בלוי, קיין איינציג וואלקענדעל זעט זיך ניט, — האט ער געזאגט; — לויט מיין פלאן דארף איין טייל פון הויז מיט א באלקאן זיין געווענדט צום מזרח, צום גארטען, צו די פעלדער, די צווייטע — צום דארף. ערוואַרטענדיג דאס אויפ־שטעהן פון מיין פרוי, טו איך מיר אן דעם שלאפראק און געה מיר דערווייל אביסעל שפאצירען אין גארטען ארום; אין גאר־טען באגעגען איך דעם גערטנער, צוזאמען באגיסען מיר די בלומען, שערען אונטער די בושען, די בוימער. איך קלייב צוזאמען א בוקעט פאר מיין פרוי. דערנאך נעם איך א וואנע, אדער געה צום טייך זיך באדען. ווען איך קום צוריק איז שוין

דער באַלקאָן אָפּען; די פרוי אין א יאַקעל, אין א לייכט הייבעל, וואָס האַלט זיך קוים, אָט, אָט, פאַלט עס אַרונטער פון קאָפּ... דאָס וואַרט זי אויף מיר. „דער פרישטיק איז פאַרטיג", זאָגט זי. אַ, וואָס פאַר א קוש! אַ, וואָס פאַר א פרישטיק! דער טיש איז גערעקט מיט צוויבאַק, מיט שמאַנט, מיט נאָר וואָס אויסגעשלאָגענע פוטער.

— און דערנאָך?

— דערנאָך טו איך אָן דעם ראָק, אָדער א פּשוט רעקעל און, אַרומנעמענדיג די פרוי ביי דער טאַליע, געה איך אַוועק מיט איר אין דער אומענדליך טיפער אַליי; מיר געהען זיך שטיל, פאַרטראַכט, שווייגענדיגערהייט, אָדער פאַנטאַזירען אויפ'ן קול, צעהלען די מינוטען פון גליק, ווי מען צעהלט דאָס קלאַפּען פון פולס; הערען ווי עס שלאָגט און עס שטאַרבט אָפּ דאָס האַרץ; זוכען מיטגעפיל אין דער נאַטור... מיר געהען אַרויס צום טייכעל, צום פעלד... קוים וואָס עס מורמעלט דאָס טייכעל; דער ווינט באַוועגט די זאַנגען... מען זעצט זיך אין שיפעל... דאָס ווייב רודערט, קוים וואָס זי הויבט אויף דעם רודער...

— א פּאָעט ביסטו, איליא, באמת א פּאָעט! — האָט אים איבערגעשלאָגען שטאָלץ.

— יאָ, א פּאָעט אין לעבען, ווייל דאָס לעבען איז פּאָעזיע! ווער הייסט די מענשען מיאוס מאַכען דאָס לעבען? דערנאָך קאָן מען זיך אַריינכאַפּען אין דער אָראַנזשערי, — האָט אָבּלאָמאָוו פאָרטגעזעצט, ווערענדיג אַליין מיטגעריסען פון דעם אָנגעצייכענטען גליק.

— באַקוקען די ווייַנטרויבען, — האָט ער ווייטער גערעדט, — הייסען דעקען דעם טיש, האָבען א לייכטען ביס און וואַרטען אויף געסט... אָט קומט אָן פאַר דער פרוי א צושריפט פון עפּעס א מאַריא פּעטראָוונא מיט א בוך און מיט נאָטען, אָט האָט עמעץ געשיקט א מתנה אָן אַנאַנאַס, אָדער ביי דיר אַליין איז צייטיג געוואָרען אָן אַרבוז — שיקסטו אים אַוועק צו א גוטען פריינד אויף מאָרגען צום מיטאָג און געהסט אַליין אויך

אבלאַמאָוו

אריבער... און אין דער קיך איז דערוויילּ לעבעדיג; דער קוכאר אין א ווייסען פארטוך ווי שניי האַלט אין איין באוועגען זיך; דאָ נעמט ער ארונטער איין פאַן, דאָ שטעלט ער אוועק א צווייטע, דאָ מישט ער, באלד נעמט ער וועלגערען טייג.. די מעסער האַלטען אין איין קלאַפּען... דאָ בראָקט מען גרינס, דאָ פּארפּערטיגט מען געפּראָרענס... עס איז אנגענעם א קוק צו טאָן אין קיך אריין, זען ווי אַלץ ווערט צוגעגרייט. דערנאָך זיך צולייגען אויף דער סאָפע; די פרוי לעזט פאר א נייע זאך... עס קומען געסט, לּמשל, דו מיט דיין פרוי...

— מיך געהסטו אויך חתונה מאַכען?

— אומבאדינגט! נאָך א צוויי־דריי נאָענטע באקאנטע. מיר הויבען אָן פון דאָס ניי דעם געשפּרעך, וואָס מיר האָבען נעכטען אונטערבראָכען; עס הערען זיך וויצען, אָדער מען שווייגט אזוי שעהן, מען ווערט פארזונקען אין געדאנקען — ניט וועגען א פארלּאָרענער שטעלע, וועגען עפּעס א פּראצעס; מען פילט דאָס פארגעניגען פון ערפילטע וואונשען, פארלאנגען. מען הערט ניט קיין שטעכווערטלעך אויף דעם אדרעס פון דעם, וואָס איז נאָר וואָס ארויס, דו פילסט ניט אויף זיך קיין בליקען, וואָס זאָגען דיר צו דיך אויך אזוי צו באהאנדלען, ווי נאָר דו וועסט הינטער זיך פארמאכען די טיר. וועמען דו האָסט ניט גערן, ווער עס איז דיר ניט נאָענט, מיט דעם קומ־סטו זיך ניט צוזאמען. אין די בליקען פון דיינע פריינד זעסטו מיטגעפילּ, און אין די וויצען — אן אמת'ן, און ניט קיין בייז־ווילּיגען געלעכטער... און וואָס עס איז אין די אויגען, איז אין הארץ! נאָכ'ן מיטאָג געהט מען ארויס אויף דער טעראסע...

— דו מאָלסט פאר מיר א לעבען, פּונקט אזא ווי עס האָט זיך געפירט ביי די זיידעס און עלטער־זיידעס.

— ניין, ניט אזא, — האָט זיך אפּגערופען אבלאָמאָוו כמעט א באליידיגטער. — איז דאָס ווי ביי די זיידעס? איז דען מיין פרוי פארנומען מיט איינגעמאכטס, לייוונט? פּאטשט זי דען די דינסט־מיידלעך? הערסט דאָך אז איך רעד וועגען ביכער, נאָטען, פּיאנאָ, עלעגאנטע מעבעלּ.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— און דו אַליין?

— נו, איך וואָלט קיין פּאַראַיאַריגע צייטונגען ניט געלעזען און געגעסען וואָלט איך אויך ניט דאָס, וואָס אונזערע זיידעס האָבען געגעסען. איך וואָלט מיין קוכאַר אויסגעלערנט אין ענגלישען קלוב צו קאָכען, אָדער גאַר ביים געזאַנדטען.

— וואָס ווייטער?

— וואָס ווייטער? ווען עס וועלען קומען די הייסע טעג, וואָלטען מיר אוועקגעשיקט א וואָגען מיט א סאַמאָוואַר אין פעלד אריין און צווישען די קופּעס אָפּגעשניטען היי, וואָלטען מיר גליקליך פאַרבראַכט ביז׳ן אָוונט. די פּויערים געהען אהיים פון פעלד, די קאָסעס אויף די פּלייצעס. אָט געהט פאַרביי א וואָגען מיט היי. פון דער הויך, פון היי אַרוים זעט זיך א פּויעריש באַבלימט היטעל און א קינדיש קעפּעל. עס געהט א מחנה באָרוויסע פּויערטעס, זיי רעדען אויפ׳ן קול. דערזעענדיג די באַלעבאַטים, ווערען זיי שטיל, נויגען זיך טיף איין... איינע פון זיי, מיט א פאַרברענטען האַלז, מיט אנטבלויזטע עלענבויגענס, מיט שעמעוודיג־אַרונטערגעלאָזענע, אָבער כיטרע אויגען, פאַרטיידיגט זיך כלומרשט פון דעם פּריצ׳ס לאַסקעס, אָבער זי איז גליקליך... שאַ!.. דאָס ווייב זאָל דאָס נאָר ניט זען... גאָט זאָל באַהיטען...

און אָבלאָמאָוו מיט שטאָלצ׳ן האָבען זיך צוקייכט פאַר געלעכטער.

— עס ווערט פייכט אין פעלד, — פאַרענדיגט שטאָלץ, — עס ווערט פינסטער. דער נעבעל הענגט איבער דעם פעלד; די פערד ציטערען אויף. עס איז צייט אהיים צוגעהן. אין הויז ברענען שוין פייערען, פון קיך טראָגט זיך א קלאַפּעריי פון מעסער... עס הערט זיך מוזיק... קאַסטאַ דיוואַ... קאַסטאַ דיוואַ... איך קאָן אָן אויפרעגונג זיך ניט דערמאָנען, ווי יענע פריילין האָט דאָס געזונגען! אָ, וויפיל טרויער האָט זי אריינגעלייגט אין די טענער! קיינער אַרום ווייסט ניט וואָס עס קומט מיט איר פאָר... זי איז אַליין... איר האַרץ ווערט באַשווערט פון א געהיימניס... זי פאַרטרויט איר סוד דער לבנה...

אבלאמאוו

— דו האסט ליב די אריע? איך בין זער דערפון צו־פרידען; אלגא איליגסקאיא זינגט וואונדערבאר די דאזיגע אריע. איך וועל דיך באקאנען מיט איר — אט וואס עס הייסט א קול, אט וואס עס הייסט זינגען! און אליין וואס פאר א וואונדערבארע איז זי! מעגליך, אז איך אורטייל זי פארטייאיש: איך האב א שוואכקייט צו איר... אבער דו געה ניט אוועק אן א זייט, — האט צוגעלייגט שטאלץ, — דערצעהל ווייטער.

— נו, — האט אויף ס'ניי אנגעהויבען אבלאמאוו, — וואס נאך? האסט שוין פאר זיך אלץ!.. די געסט צוגעהען זיך און מארגען צוטיילען זיי זיך: ווער עס געהט פישען, ווער עס נעמט א ביקס, און ווער עס פארברענגט אזוי זיך די צייט...

— דאס אלץ?

— וואס נאך ווילסטו? דו וואלסט ניט געוואלט אזוי לעבען? — האט געפרעגט אבלאמאוו, — דיר געפעלט ניט אזא לעבען?

— און דאס גאנצע לעבען אזוי? — האט געפרעגט שטאלץ.

— ביז גרויע האר, ביז אין קבר אריין. דאס הייסט א לעבען!

— ניין, דאס איז קיין לעבען ניט!

— פארוואס איז דאס קיין לעבען ניט? וואס פעלט דיר אוים? דו דערמאן זיך נאר: זעסט ניט קיין בלייך געזיכט, קיין ליידענד געזיכט, קיין שום זארג, קיין שום דאגות וועגען סענאט, וועגען דער בערזע, וועגען רעפארטען, וועגען אמטען, ראנגען. הערסט בלויז הארציגע געשפרעכען. מען דארף קיינמאל זיך ניט איבערקלייבען אויף א נייער דירה, — דאס אליין איז שוין ווערט אלץ אין דער וועלט! און דאס איז ביי דיר קיין לעבען ניט?

— דאס איז קיין לעבען ניט! — האט איינגעשפארטערהייט ווידערהאלט שטאלץ.

— וואס דען איז עס לויט דיין מיינונג?

— דאס איז... (שטאלץ האט זיך פארטראכט און געזוכט

א פאסענדען אויסדרוק, ווי אָנצורופען אַט אזא לעבען). דאָס איז אָבלאָמאָוויזם, — האָט ער ענדליך ארויסגערעדט.

— אָ־בלאָ־מאָוויזם! — האָט פּאַמעליך ארויסגערעדט איליא איליטש, וואונדערענדיג זיך פון אזא מין זאָנדערבארען אויסדרוק און געגומען אים ארויסרעדען זילבענווייז. — אָב־לאָ־מאָ־וויזם!

זאָנדערבאר און אויפמערקזאם האָט ער געקוקט אויף שטאָלצ׳ן.

— טאָ ווי דארף זיין לויט דיין מיינונג דאָס לעבען? וואו איז ניטאָ קיין אָבלאָמאָוויזם? — האָט ער גיך ארויסגע־רעדט. — זוכען דען ניט אלע דאָס, וועגען וואָס איך חלום? — האָט ער מוטיגער צוגעלייגט. — דער ציל פון אלע אייערע יאָ־גענישען, מלחמות, האנדעל, פּאָליטיק, איז עס דען ניט איין גרויס זוכען פון דעם פארלאָרענעם גן־עדן?

— אפילו דיינע אוטאָפּיעס זיינען אָבלאָמאָווישע, — האָט אים געענטפערט שטאָלץ.

— אלע זוכען רו, — האָט זיך אָבלאָמאָוו פארטיידיגט.

— ניט אלע, און דו אליין האָסט מיט צען יאָר צוריק גע־זוכט עפּעס אנדערש אין לעבען.

— וואָס האָב איך דאָס אזוינס געזוכט אין לעבען? — האָט מיט אומגלויבען געפרעגט אָבלאָמאָוו, און געזוכט אין גע־דאנק אויפצופרישען די פארגאנגענהייט.

— דערמאָן זיך, — האָט שטאָלץ געזאגט, — וואו זיינען דיינע ביכער, דיינע איבערזעצונגען?

— זאכאר האָט זיי ערגעץ־וואו באהאלטען, — האָט גע־ענטפערט אָבלאָמאָוו, — וואלגערען זיך מסתמא ערגעץ אין א ווינקעל.

— אין א ווינקעל! — האָט שטאָלץ ארויסגערעדט מיט פארוואורף. — אין דעם ווינקעל ליגען מסתמא אויך דיינע שטרעבונגען „דינען, ווי לאנג עס וועט קלעקען כוחות, ווייל רוסלאנד דארף האָבען הענט און מוחות צו באארבייטען אירע אומענדליכע אוצרות (דיינע ווערטער); ארבייטען, כדי זיסער

אבלאמאוו

זאָל זיין די רו, און רוען — הייסט לעבען מיט דער צוווייטער, מיט דער אריסטאָקראַטישער זייט פון לעבען, מיט'ן לעבען פון קינסטלער, דיכטער". און די שטרעבונגען האָט אויך זאַכאַר פּאַרוואַרפען אין א ווינקעל? דו געדענקסט, אז נאָכ'ן שטודירען האָסטו געוואָלט באַרייזען פרעמדע לענדער, כדי בעסער צו פארשטעהן און ליבען דאָס אייגענע לאַנד? „דאָס גאַנצע לעבען דאַרף זיין איין גרויסע קייט פון דענקען און טאָטען, — האָסטו דאַמאָלט באַהויפּט, — אַרבייט אומאויפהערליכע, און שטאַרבען מיט דעם באוואוסטזיין, אז דו האָסט דיין אויפגאַבע ערפילט". א? אין וועלכען ווינקעל וואַלגערט זיך דאָס אַרום ביי דיר?

— יאָ, יאָ... — האָט געזאָגט אַבלאַמאָוו, אויפגערעגטערהייט נאָכפאָלגענדיג שטאָלצ'ס יעדען וואָרט, — יאָ... דאַכט זיך... אָ, יאָ, — האָט ער א זאָג געטאָן מיט אַמאָל דערמאָנענדיג זיך די יוגענט, — מיר האָבען זיך דאָך, אַנדרעי, געקליבען צום ערשטען באַרייזען גאַנץ אייראָפּאַ אין דער לענג און אין דער בריים, צופוס דורכגעהן די שווייץ, אָפּברענען זיך די פיס אין וועזואוויוס. מיר זיינען דאַמאָלט שיער ניט אַרונטער פון זינען! אָ, וויפיל נאַרישקייטען האָבען מיר עס דאַמאָלט אָנגערעדט!

— נאַרישקייטען! האָט מיט פאַרוואורף איבערגע'חזר'ט שטאָלץ. — האָסטו ניט מיט טרערען אין די אויגען גערעדט, קוקענדיג אויף ראַפאַעלס מאַדאָנען: „גאָט מיינער! וועט מיר קיינמאָל ניט געלינגען א קוק צו טאָן אויף די אָריגינאַלען און פאַרשטיינערט ווערען פון שרעק, וואָס איך שטעה פאַר די ווערק פון מיקעל אַנדזשעלאָ, טיציאַן און מיינע פיס טרעטען אויף דער ערד פון רוים? איז מיר באַשערט דאָס גאַנצע לעבען צו זען בלויז אין אָראַנזשעריען די אַלע מירטען, ציפּרעסען און אָראַנזשען און ניט אין זייער געבורט-אָרט? ניט אָנאָטעמען זיך מיט איטאַליענס לופט, ניט אָנטרינקען זיך מיט דער בלויקייט פון אירע הימלען!" אָ, וויפיל גרויסאַרטיגע פייערווערק האָסטו אַרויסגעלאָזען דאַמאָלט פון דיין קאָפּ!

א. א. גאָנטשאַראָוו

— יאָ, יאָ! איך געדענק דאָס אַלץ! — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו, פאַרזינקענדיק אין ערינערונגען. — דו האָסט מיך דאַמאָלט גענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט: „לאָמיר שווערן, אַז מיר וועלן ניט שטאַרבן, איידער מיר וועלן דאָס אַלץ זען"...

— איך געדענק, — האָט ווייטער גערעדט שטאָלץ, — ווי דו האָסט מיר אַמאָל געבראַכט אַלס מתנה צו מיין געבורטסטאָג אַן איבערזעצונג. איך היט עס אָפּ ביז דעם היינטיגן טאָג; איך געדענק, ווי דו פלעגסט זיך איינשפאַרן מיט דעם לערער פון מאַטעמאַטיק און געוואָלט אַלץ דערגעהן, צו וואָס אייגענטליך דאַרפסטו וויסן וועגן מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען. ענגליש האָסטו זיך אָנגעהויבן צו לערנען און ניט דערלערענט זיך! און ווען איך האָב געפּלאַנט צופאָרען קיין אויסלאַנד, און דיר אויך פאָרגעשלאָגן צו באַזוכן דייטשע אוניווערסיטעטן, ביסטו אויפגעשפּרונגען, אַרומגענומען מיך, פייערליך מיר דערלאַנגט די האַנד, „איך בין דיינער, אַנדרעי, איך וועל זיין דאָרט, וואו דו" — דאָס זיינען דיינע ווערטער. פון אייביג אָן ביסטו אַ שטיקל אַקטיאָר. אָבער וואָס איז געוועזן די ענדע? איך בין צוויי מאָל געווען אין אויסלאַנד, שטודירט אין פאַרשידענע אוניווערסיטעטן, און קלאָר געוואָרען אין אייראָפּאַ, ווי אין אַן אייגענעם גוט. אמת, רייזען זיינען אַ לוקסוס וואָס ניט יעדער קאָן און דאַרף אונטערנעמען; און רוסלאַנד? איך קאָן רוסלאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. איך בין שטענדיק פאַרנומען...

— אַמאָל וועסטו דאָך אויך זיך אָפּרוען, — האָט באַמערקט אָבלאָמאָוו.

— קיינמאָל ניט. פאַרוואָס זאָל איך עס טאָן?

— ווען דו וועסט פאַרטאָפּלען דיין פאַרמעגען, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו.

— ואפילו ניט דאַמאָלט, ווען איך וועל עס פאַרפירפאַכען, — האָט געענטפערט שטאָלץ.

— טאָ צו וואָס מיסטו זיך אַזוי, — האָט נאָך אַ קורצען

אַבלאָמאָוו

שטילשווייגען, באַמערקט אַבלאָמאָוו, — אויב דער ציל פון דעם אַלעם איז ניט צו פאַרזאָרגען זיך אויף שטענדיג און קאָנען אָפּלעבען די יאָרען אָן זאָרג און אָן ארבייט?

— דאָרפישער אבלאַמאָוויזם! — האָט ארויסגערעדט שטאָלץ.

— אָדער, — האָט ווייטער גערעדט אבלאמאָוו, — דערגרייכען צו א הויכען ראַנג אין דינסט, צו א שטאַנד אין דער געזעלשאפט, און דערנאָך אין א בכבוד'יגען גאַרנישט־ניט־טאָן פאַרברענגען רואיג די טעג.

— פעטערסבורגער אַבלאַמאָוויזם! — האָט אים דערויף געענטפערט שטאָלץ.

— טאָ ווען־זשע זאָל מען לעבען? — האָט מיט ערגערניש אבלאַמאָוו געענטפערט אויף שטאָלץ'ס באַמערקונג. — וואס איז דער געדאַנק פון מוטשען זיך א גאַנץ לעבען?

— די מי אַליין איז דער ציל, און קיין אנדערע זאַך. די ארבייט — דאָס איז די פאָרם, דער אינהאַלט, און דער ציל פון לעבען, יעדענפאַלס פון מיין לעבען. נעם א ביישפּיל פון דיר: דו האָסט ארויסגעטריבען ארבייט פון דיין לעבען, קוק זיך אום אויף וואס איז דיין לעבען געגליכען! איך וועל נאָך אַן איינציג מאָל פּרובירען דיך אויפהויבען. און אויב דו וועסט נאָכדעם אויך אַלץ זיצען דאָ מיט טאַראַנטיעוו'ן, מיט אַלעקסעיעוו'ן, ביסטו א פאַרלאָרענער אויף אייביג, דו וועסט אפילו זיך אַליין שווער ווערען. איצט אָדער קיינמאָל ניט! — האָט ער פאַרענדיגט.

אבלאַמאָוו האָט זיך איינגעהערט צו זיינע רייד, קוקענדיג אויף אים מיט דערשראָקענע אויגען. זיין פריינד האָט אים אַזוי ווי אונטערגעשטעלט א שפּיגעל און ער האָט זיך דערשראָקען, דערזעענדיג זיך אין אים.

— זידעל מיך ניט, אנדרעי, און בעסער העלף מיר טאַקע ארויס! — האָט ער אָנגעהויבען, זיפצענדיג, — איך אַליין ווער דערפון געפּייניגט; און ווען דו וואָלסט מיך כאָטש היינט אויסגעהערט און געזען, ווי איך באַוויין זיך און ווי איך גראָב

א. א. גאָנטשאַראָוו

פאַר זיך אַליין אַ קבר, וואָלט דיין מויל געגען מיר קיין פאָר־וואורף ניט אַרויסגעבראַכט. איך ווייס אַלץ, איך פאַרשטעה אַלץ, נאָר קיין כוחות און קיין ווילען איז ניטאָ! גיב מיר דיין ווילען, דיין פאַרשטאַנד און פיר מיך וואו דו ווילסט אַליין. נאָך דיר וועל איך אפשר געהן, אָבער אַליין וועל איך זיך פון אָרט ניט רירען. דו ביסט גערעכט: „איצט אָדער קיינמאָל ניט". אין אַ יאָר אַרום — וועט שוין זיין צו שפּעט.

— ביסטו עס דער איליאַ? — האָט געזאָגט שטאָלץ. — אַ, איך געדענק דיך נאָך ווען דו ביסט געווען אַזאַ אײדעל, אַזאַ לעבעדיג אינגעל; געדענקסט דאָס געדטעל מיט די צוויי שוועסטער? געדענקסט, ווי דו האָסט זיי געבראַכט רוסאָ'ן, שילער'ן, געטע'ן, בייראָן'ען און געגרויסט זיך געגען זיי?

אָבלאָמאָוו איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער.

— און דו געדענקסט נאָך דאָס אַלץ, אַנדרעי? גאָט מיי־נער! איך האָב צוזאַמען מיט זיי פאַנטאַזירט, גע'חלום'ט וועגען דער צוקונפט, ענטוויקעלט פּלענער, געדאַנקען און . . . געפיהלען, באַהאַלטען עס פון דיר כדי דו זאָלסט מיר ניט אויס־לאַכען. און דאָרט איז דאָס אַלץ טאַקע אָפּגעשטאָרבען און קיינמאָל צוריק ניט אויפגעלעבט! און וואו איז דאָס אַלץ אַוועק, פאַרוואָס האָט עס זיך פאַרלאָשען? און קיין שום שטור־רעמס און קיין שום איבערקערענישען האָבען דאָך מיט מיר ניט פּאַסירט; איך האָב קיין שום זאַך ניט פאַרלאָרען; קיין שום משא ליגט ניט אויף מיין געוויסען; עס איז ריין ווי אַ גלאָז; מיין זעלבסט־ליבע איז איצט אַזוי פריש ווי אַמאָל און דאָך צוקריכט אַלץ אונטער מיינע הענט; איין גאָט ווייס פאַר־וואָס!

ער האָט אַ זיפץ געטאָן.

— ווייסט, אַנדרעי, אַז אין מיין לעבען האָט קיינמאָל ניט אויפגעפלאַמט ניט קיין ערלייזענדער און ניט קיין פאַר־ניכטענדער פייער? מיין לעבען איז ניט געווען ענליך צו אַ פרי־מאָרגען אויף וועלכען עס פאַלען איינציגווייז פאַרבען,

אבלאמאוו

שטראלען, וואס ווערט שפעטער פארוואנדעלט אין א טאג און פלאמט אויף העל, ברענט, און דערנאך ווערט עס שטיל און שטילער, בלייבער און לעשט זיך אוים אין אוונט. ניין, מיין לעבען האט זיך אנגעהויבען פון אוונט! עס איז זאג־דערבאר, אבער אזוי איז עס! פון דער ערשטער מינוט, וואס איך האב זיך דערקאנט, האב איך דערפילט, אז איך לעש זיך, אז איך ווער פארלאשען. איך האב גענומען אויסגעהן ביים שרייבען די פאפירען אין דער קאנצעלאריע; איך האב גע־לאשען זיך שפעטער, ווען איך האב ארויסגעלעזען פון די בי־בער אמת׳ן מיט וועלכע איך האב אבער אלץ ניט געוואוסט ווי אנצוהויבען צו לעבען; איך בין אויסגעגאנגען, ווען איך האב פארבראכט מיין צייט מיט די חברים, הערענדיג זייערע רכילות, זייערע פלוידערייען, קוקענדיג אויף זייערע צוזאמענ־קונפטען אן וועלכען עס איז ציל, אן וועלכער עס איז נייגונג פון איינעם צום צווייטען; איך בין אויסגעגאנגען און גע׳־פטר׳ט מיינע כוחות מיט מינע׳ן: געצאלט איר מער ווי א העלפט פון מיין איינקונפט און זיך איינגערעדט, אז איך האב איר ליב; איך בין אויסגעגאנגען אויף מיינע איינזאמע שפא־צירונגען אויף ניעוסקער פראספעקט, אויף די אוועדען; איך בין אויסגעגאנגען און גע׳פטר׳ט אויף קלייניגקייטען דאס לע־בען און דעם שכל . . . אפילו די זעלבסט־ליבע גע׳פטר׳ט — און אויף וואס? אויף באשטעלען קליידער ביי א בארימטען שניידער? כדי איינגעלאדען צו ווערען אין א בארימט הויז? כדי פירשט נ. זאל מיר רייכען די האנד? און די זעלבסט־ליבע איז דאך דאס זאלץ פון דעם לעבען! א, אויף וואס איז עס אוועק? אדער איך האב דאס לעבען ניט פארשטאנען, אדער דאס גאנצע לעבען איז גארנישט ווערט! און פון עפעס בעסערס האב איך ניט געוואוסט, ניט געזען, קיינער האט מיר ניט אנגעוויזען. ווי א קאמעט העל און גיך האסטו זיך באווי־זען און גלייך פארשוואונדען געווארען, און איך האב אלץ פאר־געסען און בין אויסגעגאנגען. . .

אויף אבלאמאוו׳ס דאזיגע רייד האט שוין שטאלץ געענטפ־

פערט מער מיט אַ נאַכלעסיגען שמייכעל. שווייגענדיגערהייט האָט ער זיך איינגעהערט.

— ניט לאַנג צוריק, — האָט ווידער אָנגעהויבען אָבלאָמאָוו, — האָסטו געזאָגט אַז מיין פּנים איז ניט מער פריש, אַז עס איז צוקנייטשט. אמת, איך בין אַן אַלטער, אָפּגעטראָגענער ראָק. די שולד איז ניט פון קלימאַט, ניט פון צופיל אַרבייט, נאָר דערפון, וואָס צוועלף יאָר איז אין מיר געווען איינגעשלאָסען אַ פייער, וואָס האָט געזוכט אַן אויסוועג, און האָט בלויז געברענט זיין תפיסה, אָבער האָט זיך ניט דורכגעריסען און איז אויסגעגאַנגען. אַזוינע צוועלף יאָר זיינען אַוועק, ליבער אַנדרעי, און איך האָב פאַרלאָרען שוין אין גאַנצען דעם לוסט אויפצוּוואַכען פון שלאָף.

— פאַרוואָס האָסטו זיך ניט אַרויסגעריסען, ערגעץ אַנטלאָפען, נאָר שווייגענדיג אונטערגעגאַנגען? — האָט אים שטאָלץ געפרעגט מיט אומגעדולד.

— וואו האָב איך געזאָלט לויפען?

— וואוהין? אפילו צו דיינע פויערים אויף דער וואָלגאַ! אויך דאָרט איז פאַראַן מער באַוועגונג, פאַראַנען אינטערעסען, צילען, אַרבייט. איך וואָלט געלאָפען אפילו קיין סיביר.

— אָ, סאַר אַ שטאַרקע מיטלען דו שרייבסט פאָר! — האָט אָבלאָמאָוו אַרויסגערעדט אַ דערשלאָגענער. — בין איך דען דער איינציגער? גיב אַ קוק: מיכאַילאָוו, פעטראָוו, סעמענאָוו, אַלעקסעיעוו, סטעפּאַנאָוו . . . וועסט ניט איבערצעהלען: אונזער נאָמען איז — לעגיאָן.

שטאָלץ איז נאָך אַלץ געווען אונטער דעם איינדרוק פון דער וידוי און האָט אַלץ געשוויגען. דערנאָך האָט ער אַ זיפץ געטאָן.

— יאָ, אַ סך וואַסער איז שוין פון דאַמאָלט אַוועק! — האָט ער געזאָגט. — איך וועל דיך אַזוי ניט איבערלאָזען, איך וועל דיך אַוועקפירען פון דאַנען, צום ערשטען קיין אויסלאַנד, דערנאָך אין דאָרף אַריין: וועסט אַביסעל מאָגערער ווערען,

אבלאַמאַוו

אויפהערען לאַנגווײַלען זיך, און דערווײַל וועט מען אויסזור־
כען פאַר דיר עפּעס מיט וואָס צו פאַרנעמען זיך. . .

— יאָ, מיר וועלען אוועק פון דאַנען! — האָט זיך ארויס־
געריסען ביי אַבלאַמאַוו׳ן.

— מאָרגען וועלען מיר זיך גלייך נעמען צו קריגען אַן
אויסלענדישען פּאַס און אָנהויבען גרייטען זיך אין וועג אריין . . .
איך וועל ניט מיד ווערען איליא . . . הערסט?

— ביי דיר איז גלייך מאָרגען! — האָט געענטפערט אַב־
לאַמאַוו, ווי ער וואָלט ארונטערגעפאַלען פון הימעל.

— און דיר וואָלט זיך וועלען „ניט אָפליגען אויף מאָרגען,
וואָס עס קאָן געטאָן ווערען היינט״? סאַר א גיכקייט! אָבער
היינט איז שוין צו שפּעט, — האָט צוגעלייגט שטאָלץ. —
זאָרג זיך אָבער ניט: אין צוויי וואָכען ארום וועלען מיר שוין
זיין זער ווייט.

— האָב רחמנות, אנדרעי, וואָס אזא יאָגעניש? — האָט
ארויסגערעדט אַבלאַמאַוו. — לאָז עס מיך פריער דורכטראַכ־
טען, צוגרייטען זיך . . . מען דאַרף א טאַראַנטאַס . . . כ׳וויים . . .
לאָמיר זאָגען, אין א דריי מאָנאַטען אַרום. . .

— א טאַראַנטאַס איז אים גאָר איינגעפאַלען! ביז צו דער
גרענעץ וועלען מיר פאָרען מיט דער פּאָסט אדער מיט א דאַמף־
שיף, ווי עס וועט זיין באַקוועמער; און דאָרט איז שוין אין
פילע פּלעצער פאַראַן אייזענבאַנען

— און וואָס זאָל איך טאָן מיט דער דירה, מיט זאַכאַר׳ן,
מיט אַבלאַמאַווקע? מען דאַרף דאָך אַלץ באַזאָרגען, איינאָרד־
נען, — האָט זיך פאַרטיידיגט אַבלאַמאַוו.

— אַבלאַמאַוויזם, אבלאַמאַוויזם! — האָט, שמייכלענדיג,
געזאָגט שטאָלץ, דערנאָך האָט ער גענומען א ליכט, געוואונשען
אַבלאַמאַוו׳ן א גוטע נאַכט און אוועק שלאָפען. — געדענק,
איצט, אָדער קיינמאָל ניט! — האָט ער צוגעלייגט, אומדרעה־
ענדיג זיך צו אַבלאַמאַוו׳ן און פאַרמאַכענדיג הינטער זיך די
טיר.

5

„איצט, אָדער קיינמאָל ניט!" די דאָזיגע גרויזאַמע ווער־טער, זיינען ארויפגעקומען אַבלאָמאָוו׳ן אויפ׳ן זינען, ווען ער האָט געעפענט אין־דער־פרי די אויגען.

ער איז ארונטער פון בעט, געשפּאַנט א דריי־פיר מאָל איי־בער׳ן צימער, אַ קוק געטאָן אין זאַל אריין: שטאָלץ זיצט און שרייבט.

— זאכאר! — האָט ער א געשריי געטאָן.

עס הערט זיך ניט קיין שפּרונג פון אויווען — זאכאר קומט ניט: שטאָלץ האָט אים געשיקט אין דער פּאָסט.

אַבלאָמאָוו איז צוגעגאַנגען צו זיין פאַרשטויבטען טיש, אוועקגעזעצט זיך, גענומען אין האַנד די פען, איינגעטונקט אין טינטער, אָבער קיין טינט איז אין טינטער ניט געווען, ער האָט א זוך געטאָן אַ בויגען פּאַפּיר — קיין פּאַפּיר איז אויך ניט גע־ווען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און מעכאַניש אָנגעהויבען צייכ־נען מיט׳ן פינגער אויפ׳ן שטויב, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן וואָס ער האָט אויפגעשריבען: עס איז געשטאַנען אַבלאָמאָ־וויזם.

ער האָט עס געשווינד אָפּגעריבען מיט׳ן ארבעל. דאָס דאָזיגע וואָרט האָט ער געזען אין חלום מיט פייערדיגע ווער־טער אויפגעשריבען אויף דער וואַנד, ווי בלשאַצר אין דער צייט פון זיין מאָלצייט.

עס איז געקומען זאכאר, און זעענדיג, אז אַבלאָמאָוו גע־פינט זיך ניט מער אין בעט, האָט ער אים מיט פאַרוואונדערונג

באטראכט. אין אָט דעם טעמפּען, פארוואונדערטען בליק איז געווען אויסגעקריצט: „אבלאמאוויזם!"

„אן איין־איינציג ווארט, — האָט ביי זיך געטראכט אָבלאָמאָוו, — און דאָך ווי גיפטיג."

לויט זיין געוועהנהייט, האָט זאכאר גענומען א בארשט, א קאָם, א האנטוך און געוואָלט פארקעמען איליא איליטש'ן.

— גען צום טייוועל! — האָט מיט כעס א געשריי געטאָן אָבלאָמאָוו, און מיט א זעץ ארויסגעשיבט פון זיין האנד די בארשט, און דעם קאם האָט שוין זאכאר אליין ארונטערגעלאָזען אויפ'ן דיל.

— האָט איר אין זינען זיך צוריקצולייגען? — האָט געפרעגט זאכאר, — וועל איך פאררוכטען דאָס געלעגער.

— ברענג מיר טינט און פאפיר! — האָט אים געענטפערט אָבלאָמאָוו.

אָבלאָמאָוו האָט זיך פארטראכט אויף די ווערטער: „איצט, אָדער קיינמאָל ניט!"

נאָך מינוטען פון פיינליכען טראכטען, האָט ער כאפּ געטאָן די פען, ארויסגעשלעפּט פון ווינקעל א בוך און אין א שעה האָט ער געוואָלט דורכלעזען, אויפשרייבען און דורכטראכטען דאָס, וואס ער האָט ניט דורכגעלעזען, ניט דורכגעטראכט און ניט אויפגעשריבען אין די לעצטע צען יאָר.

וואס איז אים איצט געבליבען צו טאָן? גען פאראויס, אָדער בלייבען אין דעם זעלבען צושטאנד אין וועלכען ער געפינט זיך? אָט די אָבלאָמאָוו'שע פראגע איז פאר אים געווען טיפער פון האמלעטס „זיין, אָדער ניט זיין?" גען פאראויס, שטרעבען צו עפּעס — הייסט ארונטערוואַרפען מיט אמאָל דעם שלאָפראָק ניט נאָר פון די פּלייצעס, נאָר אויך פון דער נשמה, פון דעם גייסט; צוזאמען מיט דעם שטויב און שפינוועבס פון די ווענט ארונטערצוקערען דעם שפינוועבס פון די אויגען און ווערען זעענדיג!

וואס איז דער ערשטער טראָט אויף דעם וועג? פון וואס

אָנצוהויבען? איך ווייס ניט, איך קאָן ניט... איך פֿאַזיר... איך ווייס יאָ... אָט איז שטאָלץ און ער קאָן זאָגען.

און וואָס קאָן ער זאָגען? „אין אַ וואָך אַרום, וועט ער זאָגען, זאָלסטו שוין האָבען פֿאַרטיג אָנגעוואָרפֿען אַלע אינסטרוקציעס פֿאַר דיין באַפֿאָלמעכטיגטען און אים אַוועקשיקען גלייך אין דאָרף אַריין, אָבלאָמאָווקע פֿאַרזעצען, צוקויפֿען ערד, אָפּשיקען דעם פּלאַן פֿון די געביידען, אויפֿגעבען די דירה, אַרויסנעמען אַ פּאַס און אַוועקפֿאָרען אויף אַ האַלב יאָר קיין אויסלאַנד, פּטור ווערען פֿון דעם איבריגען פֿעטס, אויפֿפֿרישען די נשמה מיט אָט יענער לופֿט, וועגען וועלכער מען האָט געחלום׳ט צוזאַמען אין דער יוגענד, אָנהויבען פֿירען אַ לעבען אָן שלאָפֿראָק, אָן זאַכאַר׳ן, אָן טאַראַנטיעווען, אַליין זיך אָנטאָן די זאָקען און אויסטאָן די שיך, שלאָפֿען בלויז אין די נעכט, פֿאָרען, וואו אַלע פֿאָרען, פֿאָרען מיט באַנען, מיט שיפֿען און דערנאָך... דערנאָך באַזעצען זיך אין אָבלאָמאָווקע, וויסען וועגען מאַלען און זייען, וואָרום אַיין פּויער איז רייך און דער צווייטער איז אָרעם; געהן אין פֿעלד, נעמען אָן אַנטייל אין די וואַלען, באַזוכען די ווערקשטאַטען, די מיל, און אין דער זעלבער צייט לעזען ביכער, צייטונגען, באַאומרואיגען זיך וועגען דעם, וואָס די ענגלענדער האָבען געשיקט קיין מזרח אַ קריגס-שיף..."

אָט וואָס ער וועט זאָגען! אָט דאָס הייסט געהן פֿאָראויס... און אַזוי דאָס גאַנצע לעבען! און זיי געזונט אויף שטענדיג, דו פֿאָעטישער אידעאַל פֿון לעבען! דאָס איז אַ קוזשנע און ניט קיין לעבען; דאָ הערשט אַ שטענדיגער פֿייער, אַ קלאַפּעניש, טומעל, גערויש... טאָ ווען בלייבט צו לעבען? איז ניט בעסער צו בלייבען ביים אַלטען?

ביים אַלטען — הייסט אָנטאָן פֿאַרקערט דאָס העמד, הערען ווי עס שפּרינגען זאַכאַרס פֿיס פֿון אויווען, מיטאָגען מיט טאַראַנטיעוו׳ן, ניט טראַכטען צופֿיל, ניט דערלעזען ביז׳ן סוף „די רייזע אין אַפֿריקאַ", עלטערען זיך אין פֿרידען ביי טאַראַנטיעוו׳ס מומע...

„איצט, אָדער קיינמאָל ניט!" „זיין אָדער ניט זיין"! אָב-

אָ ב ל אָ מ אָ ו ו

לאָמאָוו האָט זיך אויפגעהויבען פון שטול, אָבער דער פוס זויינער האָט ניט מיטאַמאָל אריינגעטראָפען אין די שטעקשיך און ער האָט זיך צוריקגעזעצט.

אין צוויי וואָכען ארום איז שטאָלץ אוועקגעפאָרען קיין ענגלאַנד, נעמענדיג אָן ערען וואָרט פון אָבלאָמאָוו'ן, אַז ער וועט באַלד ארויספאָרען קיין פּאַריז. איליא איליטש'ס פּאַס איז שוין געוועזן פאַרטיג, ער האָט זיך שוין אפילו געהאַט באַשטעלט אַ רייזע־מאַנטעל! אָט ווי אַלץ האָט זיך אַ רוק געטאָן פּאָראוים!

זאַכאַר האָט טיפזיניג באַוויזען, אַז עס איז גענוג צו באַשטעלען איין פּאָר שטיוועל און ארויפלייגען נייע זוילען אויף די אַלטע. אָבלאָמאָוו האָט אייגעקויפט אַ קאָלדרע, אַ וואָלענע וועסט, אַ רייזע־טאַש און געוואָלט אויך קויפען אַ זאַק פאַר שפּייז, אָבער צען מענשען האָבען אים געזאָגט, אַז עס פירט זיך ניט, אַז מען זאָל מיטנעמען פּראָוויזיע קיין אויסלאַנד.

זאַכאַר איז ארומגעלאָפען אין ווערקשטאַטען, אין קראָמען אַ צוהיצטער, אַ פאַרשוויצטער און כאָטש ער האָט אין קעשענע ארונטערגעלאָזען פינף און צען קאָפּיקענע פון די רעשטען, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער דאָך געהאַלטען אין איין שילטען אַנדרעי איוואַנאָוויטש'ן און אַלע איבריגע, וואָס האָבען אויסגעטראַכט דאָס ארומרייזען.

— וואָס וועט ער איינער אליין דאָרט טאָן? — האָט ער זיך צורעדט אין אַ קראָם. — דאָרט, זאָגט מען ווערען די הערען באַדינט פון מוירען. וואו וועט אַ מויד נעמען כוח ארונטערצושלעפּען אַ פּאָר שטיוועל? און ווי וועט זי דאָס געהן אָנטאָן אַ פּאָר זאָקען אויף נאַקעטע פיס?

ער האָט זיך פון דעם געדאַנק אליין צושמייכעלט אזוי, אַז די באַקענבערד זיינע האָבען זיך אויפגעהויבען אָן אַ זייט, ער האָט אויך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אָבלאָמאָוו האָט זיך ניט געפוילט און אויפגעשריבען וועלכע זאַכען ער דאַרף מיטנעמען מיט זיך און וועלכע בלייבען איבער. דאָס מעבעל און אַנדערע

א. א. גאָנטשאַראָוו

זאכען זיינען איבערגעגעבען געוואָרען טאראנאטיעוו׳ן, אז ער זאָל זיי איבערפירען צו זיין מומע אין וויבורגער קווארטאל, פאר־שליסען זיי אין דריי צימערען ביז ער וועט אומקערען זיך פון דער רייזע.

און אָבלאָמאָוו׳ס באקאנטע, טייל צווייפלענדיג נאָך אין דעם, טייל מיט א שמייכעל אויף די ליפען, און אנדערע מיט עפּעס א שרעק האָבען צווישען זיך גערעדט: „ער פאָרט; שטעלט זיך פאָר, אָבלאָמאָוו האָט זיך א ריר געטאָן!"

אָבער אָבלאָמאָוו איז ניט אוועקגעפאָרען ניט אין א מאָ־נאט און ניט אין דריי מאָנאטען ארום.

א טאָג פאר׳ן אוועקפאָרען איז אים מיטאמאָל געשוואָלען געוואָרען א ליפּ.

— א פליג האָט א ביס געטאָן; מען קאָן ניט מיט אזא ליפּ זיך לאָזען אויפ׳ן ים, — האָט ער געזאָגט און גענומען וואר־טען אויף א צווייטער שיף.

עס איז שוין אויגוסט, שטאָלץ איז שוין לאנג אין פאריז, ער שרייבט אים בייזע, אויפגערעגטע בריף, אָבער קיין ענטפער אויף זיי באקומט ער ניט.

פארוואָס? אפשר דערפאר וואָס אין די טינטערס איז אויסגעטריקענט געוואָרען דער טינט? אדער אפשר גאָר דער־פאר, וואס איליא איליטש אין זיין פארצווייפעלטען אויסגעע־שריי: **איצט, אָדער קיינמאָל** ניט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן לעצטען, האָט פארלייגט די הענט ארום דעם האלז און אומזיסט וועקט אים זאכאר.

ניין, זיין טינטער איז פול מיט טינט, אויפ׳ן טיש ליגט פּאפּיר וואס איז דורך זיין האנד פארשריבען געוואָרען.

ער האָט אויפגעשריבען א פּאָר זייטען, קיין איינמאָל זיך ניט פארפלאָנטערט, די ווערטער האָבען זיך ביי אים געגאָסען, ווי אין יענע טעג, ווען ער האָט צוזאמען מיט שטאָלץ׳ן גע־חלומ׳ט וועגען א מיזאם לעבען, וועגען באררייזען די וועלט.

ער הויבט זיך אויף זיבען א זייגער אין־דער־פרי, לעזט, טראָגט ערגעץ־וואו אוועק ביכער. אויפ׳ן פּנים איז ניטאָ קיין

אַ ב ל אָ מ אָ ו ו

סימן פון שלאָף, פון מידקייט, פון לאַנגווייל. עס האָט זיך אויף זיין פּנים געמומען באַווייזען פאַרב, גלאַנץ — אין די אויגען, עפּעס א מין מוט, אין ערגסטען פאַל א מין גלויבען אין זיך. מען זעט שוין אויף אים ניט מער קיין שלאָפראָק: טאראנטיעוו האָט אים צוזאמען מיט אַנדערע זאַכען אוועקגעפירט צו זיין מומען. אָבלאָמאָוו לעזט אָדער שרייבט אין א רעקעל, אויפ׳ן האלז טראָגט ער א לייכטען האלז־טוך; דער קראגען פון העמד בלענדט, ווי שניי. שפּאַצירען געהט ער בלויז ארוים אין א ראָק און אין אן עלעגאַנטען הוט . . . ער איז פרעהליך, זינגט אונטער . . . וואס איז די אורזאכע דערפון?

אָט זיצט ער ביים פענסטער פון זיין זומער־וואוינונג (ער וואוינט אין א זומער־פּלאַץ, איינינע וויערסט פון שטאָדט), לעבען אים ליגט א בוקעט בלומען. ער דערשרייבט עפּעס אין גיכען, און אליין האַלט ער אין איין אריבערקוקען איבער די בוישען צום שטעגעל, און שרייבט איילענדיג ווייטער.

מיטאמאָל האָט אויפ׳ן שטעגעל דער זאַמד אַנגעהויבען צו סקריפען אונטער לייכטע פיסלעך; אָבלאָמאָוו האָט א שליידער געטאָן די פען, געכאַפּט דעם בוקעט און צוגעלאָפען צום פענסטער.

— דאָס זייט איר, אָלגאַ סערגעיעוונא? באַלד, באַלד! — האָט ער געזאָגט, געכאַפּט דאָס רעקעל און דאָס שטעקעלע, ארויסגעלאָפען צום טירעל פון פּלויט, דערלאַנגט די האַנד עפּעס א פראַכטפולער פרוי און איז פאַרשוואונדען מיט איר אין וואַלד, אין שאָטען פון גרויסע טאַנען.

פון א ווינקעל האָט זיך באַוויזען זאַכאַר, ער האָט א ווײַלע נאָכגעקוקט אָבלאָמאָוו׳ן, און פארשליסענדיג די טיר, איז ער אוועק אין קיך אריין.

— ער איז אוועק! — האָט ער געזאָגט אַניסיע׳ן.

— און מיטאָג עסען וועט ער קומען? — האָט געפרעגט אַניסיא.

— איין גאָט ווייס אים! — האָט פאַרשלאָפען געענטפערט זאַכאַר.

א. א. גאנטשאראוו

זאכאר איז דער זעלבער וואס געווען: ער האט אלץ די זעלבע צוויי גרויסע באקענבערד, די בארד איז ביי אים זעל־טען געגאלט, ער טראגט אלץ דעם זעלבען גרויען זשילעט, דעם צוטרענטען פראק, אבער ער איז שוין פארהייראט, ער האט חתונה געהאט מיט אניסיע'ן, גאט וויים, צי דערפאר, וואס ער האט צוריסען מיט זיין „פריינדין", אדער דערפאר וואס יעדער מענש מוז דאך סוף כל סוף חתונה האבען; ער האט חתונה געהאט און האט זיך, טראץ דעם בארימטען פאלקס־ווערטעל, ניט געביטען אויף א האר.

שטאלץ האט באקענט אבלאמאוו'ן מיט אלגא'ן און איר טאנטע. ווען שטאלץ האט דאס ערשטע מאל אריינגעפירט אב־לאמאוו'ן צו אלגא'ס טאנטע, זיינען אין הויז געווען געסט: אבלאמאוו'ן איז געווארען שווער און, ווי געווענהליך, אומ־היימליך.

„עס וואלט זער גלייך געווען ארונטערצונעמען די האנד־שו, — האט ער ביי זיך געטראכט, — אין צימער איז דאך אזוי ווארעם. איך וויים שוין ניט ווי מען פארברענגט אין גע־זעלשאפט!"

שטאלץ האט זיך אוועקגעזעצט לעבען אלגא'ן; זי איז געזעסען איינע אליין, אביסעל אפגערוקט פון די איבריגע מענ־שען, מיט דער פלייצע אנגעשפארט אן דעם ווענטעל פון דער שטול און האט זיך וויייניג אינטערעסירט דערמיט וואס עס איז פארגעקומען ארום איר.

זי האט זיך זער דערפרעהט מיט שטאלץ'ן; כאטש אין אירע אויגען האבען זיך ניט באוויזען קיין פייערליך, די באקען האבען ניט גענומען פלאמען, אבער אויפ'ן גאנצען פנים האט זיך צוגאסען אזא רואיגער שיין און די ליפען האבען אנגעהויבען צו שמייכלען.

זי האט אים גערופען פריינד, זי האט אים גערן געהאט דערפאר, וואס ער האט זי שטענדיג אמוזירט און ניט געלאזען איר לאנגווייליגען זיך, אבער זי האט פאר אים אויך אביסעל

מורא געהאט, ווייל זי האט זיך אין זיין געגענוואַרט געפילט ווי אַ קינד.

ווען אין איר מוח האָט אויפגעוואַכט אַ פראגע, אַ צווייפעל, האָט זי עס אים ניט גלייך פארטרויט: ער איז געווען פיל וויי־טער, פיל העכער פון איר און איר זעלבסטשטאָלץ האָט געליטען פון אָט דער אומרייפקייט, פון אָט דעם אונטערשיד אין יאָרען און ערפארונג, וואס עס איז געווען צווישען זיי.

און שטאָלץ האָט זי באוואונדערט, ווי עפּעס הערליכעס, ווי עפּעס פרישעס און דופּטענדעס. זי איז אין זיינע אויגען גע־ווען ניט מער ווי אַ קינד פון וועלכען מען קאָן אַ סך ערוואַרטען.

דאָך האָט שטאָלץ גערעדט מיט איר עפּטער און גערנער ווי מיט אנדערע פרויען. דאָס איז געווען דערפאר, ווייל זי איז אינסטינקטיוו געגאנגען מיט דעם נאַטירליכען, פּשוט׳ען לעבענס־וועג אַ דאַנק איר גוטער נאַטור און דער געזונטער ערציאונג, וואס זי האָט באַקומען; זי האָט ניט פארבאַהאַלטען, און האָט ניט אָפּגעווייכט פון יעדען געדאַנק, וואָס האָט ערוואַכט אין איר, פון יעדען נאַטירליכען געפיל, פאַרלאַנג, אפילו פון דער קלענסטער, קוים באמערקטער באוועגונג פון אירע ליפּען, אויגען.

מעגליך, אַז זי האָט דערפאר אַזוי זיכער געטראָטען אויף אָט דעם וועג, ווייל זי האָט צייטענווייז געהערט לעבען זיך די נאָך מער זיכערע טריט פון איר „פריינד", וועמען זי האָט אַזוי פיל געגלויבט.

וואָס עס זאָל דאָרט ניט האָבען געווען די אורזאַך דער־פון, אָבער זעלטען באַגעגענט מען אַ מיידעל מיט אַזאַ פּשוט׳ן, נאַטירליכען פרייען בליק, מיט אַזוינע נאַטירליכע ווערטער און האַנדלונגען. ביי איר וועט מען קיינמאָל ניט דורכלעזען אין בליק: „איצט וועל איך איינבייסען די אויבערשטע ליפּ און וועל זיך פארטראַכטען — אַזוי זע איך אויס אינטערעסאַנטער. איך וועל אַ קוק טאָן אָן אַ זייט און וועל זיך דערשרעקען, לייכט וועל איך אַ געשריי טאָן, מען וועט צולויפען צו מיר. איך וועל

זיך זעצן ביים פאָרטעפּיאַן און ארויסשטעלן דעם שפּיץ פון שוך"...

זי איז געווען די נאַטירליכקייט אליין! דערפאַר האָט זי אָפּגעשעצט בלויז איין שטאָלץ און די ליבענסווירדיגע יונגע לייט האָבן ניט געוואוסט ווי צו איר צוצוגעהן, וואס צו איר צו רעדן.

אין זייערע אויגען איז זי געווען א פּשוט, אומגעבילדעט און ניט זער טיף מיידעל, ווייל איר צונג האָט ניט געהאַלטן אין איין שיטען חכמות וועגן לעבן, וועגן ליבע, און ניט אי־בערגערעדט פרעמדע געדאַנקען וועגן מוזיק, ליטעראַטור; זי האָט בכלל גערעדט ווייניג, און דאָס וואָס זי האָט גערעדט איז געווען אייגענס, ניט קיין פרעמדס, דערפאַר האָבן זי אויסגע־וויכט די געוואָגטע, די פלינקע קאוואַלערן; די ניט פלינקע, ווידער, האָבן זי געהאַלטען פאַר צו קלוג און האָבן זיך גע־שראָקען פאַר איר. בלויז איין שטאָלץ האָט מיט איר גערעדט אָן אויפהער און זי אַמוזירט.

זי האָט ליב געהאט מוזיק, אבער געזונגען האָט זי צומייס־טענס אין דער שטיל, בלויז פאַר שטאָלץ'ן, אדער פאַר א שול חבר'טע; און געזונגען האָט זי, לויט שטאָלץ'ס ווערטער, ווי קיין איין זינגערין זינגט ניט.

ווי נאָר שטאָלץ האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן איר, האָט זיך באלד אין צימער דערהערט איר געלעכטער, וואָס איז געווע־זען אזוי קלינגענדיג, אזוי אמת'דיג, אזוי אָנשטעקענד, אז יע־דער, וואס האָט אים נאָר געהערט, האָט אויך אָנגעהויבען צו לאכען, ניט וויסענדיג אליין פאַר וואס.

אָבער שטאָלץ האָט ניט בלויז אַמוזירט זי: אין א האַל־בע שעה ארום האָט זי זיך שוין איינגעהערט צו אים מיט נייי־געריגקייט, און מיט טאָפּעלטער נייגעריגקייט האָט זי איבער־געפירט די אויגען אויף אָבלאָמאָוו'ן, און אָבלאָמאָוו האָט ניט געוואוסט וואו זיך אהינצוטאָן פון די דאזיגע בליקען.

„וואס קאָנען זיי דאָרט רעדן וועגן מיר?" האָט ער גע־טראכט און פון דער זייט געקוקט אויף זיי ער האָט שוין גע־

אבלאמאוו

וואָלט אין גאַנצען אוועקגעהן, אבער דאָ האָט אָלגאַ׳ס טאַנטע אים צוגערופען צום טיש און אוועקגעזעצט צווישען די געסט.

א דערשראָקענער האָט ער זיך אומגעדרעהט צו שטאָליץ׳ן, אָבער שטאָליץ איז שוין ניט געווען, ער האָט א קוק געטאָן אויף אָלגאַ׳ן און באגעגענט דעם זעלבען נייעגריגען בליק.

„זי קוקט נאָך אלץ״, האָט ער צוטראַגען א טראַכט געטאָן און באַקוקט זיין אַנצוג.

ער האָט אפילו אפגעווישט מיט א טיכעל זיין פּנים, מיי־נענדיג, אז זיין נאָז איז פארשמירט, ער האָט באַטאַפּט דעם קראַוואַט, צי ער איז ניט אמאָל לויז: דאָס טרעפט אמאָל מיט אים. ניין, אַלץ, איז, דאַכט זיך, אין אָרדנונג און דאָך קוקט זי נאָך.

מען האָט אים דערלאַנגט טיי. ער האָט געוואָלט דערשטי־קען אין זיך זיין צוטראַגענהייט און האָט גענומען שיטען אַן אַן אויפהער צוקער און פארנומען אַן א שיער ביסקוויטען און פּלעצלעך, אז די מיידעל וואָס איז געזעסען לעבען אים האָט זיך צולאַכט. די איבריגע האָבען גלאַט געקוקט אויף אים.

„גאָט מיינער, אויך זי קוקט! — האָט אָבלאָמאָוו א טראַכט געטאָן. — וואָס האָב איך מיר עפּעס אָנגעלייגט אזויפיל פּלעצ־לעך און ביסקוויטען?״

ניט קוקענדיג אפילו אהין, וואו אָלגאַ איז געזעסען, האָט ער געזען, ווי זי איז אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ און אוועק אין א צווייטען ווינקעל. אים איז לייכטער געוואָרען אויפ׳ן הארצען.

און מיט אויסגעגלאָצטע אויגען האָט דאָס מיידעל געקוקט און געוואָלט זען, וואָס ער וועט טאָן מיט די אַלע ביסקוויטען.

„אויפעסען זיי וואָס גיכער״, איז אים איינגעפאַלען און ער האָט זיך א נעם געטאָן פאַר זיי; צום גליק, זיינען זיי זיך אַליין צוגאַנגען אין מויל.

עס זיינען פארבליבען בלויז צוויי ביסקוויטען, דאַמאָלט

א. א. גאַנטשאַראָוו

האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט און באַשלאָסן אַ קוק טאָן אין יענער זייט, וואוהין אָלגאַ איז אוועק.

גאָט! זי שטעהט ביים ביוסט, אָנגעלעהנט אָן פּעדעס־טאַל און קוקט אויף אים. עס זעט אויס, ווי זי וואָלט אוועק פון איר פריערדיגען פּלאַץ בלויז דערפאַר, כדי זי זאָל קאָנען אומגעשטערט קוקען אויף אים: זי האָט באַמערקט זיין צו־טראָגענהייט צוליב די ביסקוויטען.

ביים אווענד־ברויט איז זי געזעסען ביים צווייטען עק פון טיש, זי האָט גערעדט, געגעסען און, דאכט זיך, ניט געטראכט פון אָבלאָמאָוו'ן; אָבער ווי נאָר אָבלאָמאָוו האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ אין איר זייט מיט דער האָפנונג, אז זי וועט ניט באַ־מערקען, האָט ער זיך באַגעגענט מיט איר בליק, וואָס איז גע־ווען פול מיט נייגעריגקייט און אין דער זעלבער צייט אזא גוטער. . .

גלייך נאָכ'ן עסען האָט זיך אָבלאָמאָוו גענומען אויף גיך געזעגענען מיט דער טאַנטע: זי האָט אים איינגעלאַדען אויף מאָרגען און געבעטען איבערגעבען אויך שטאָלץ'ן אַן איינלאַ־דונג. איליאַ איליטש האָט זיך פאַרנויגט און איז מיט ארונ־טערגעלאזענע אויגען דורכגעגאנגען דעם גאַנצען זאַל. אָט גלייך נאָכ'ן ראָיאַל איז די טיר. ער האָט אויפגעהויבען די אויגען — ביים ראָיאַל איז געזעסען אָלגאַ און מיט גרויס ניי־געריגקייט אים באַטראַכט. אים האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי האָט געשמייכעלט.

„מסתמא האָט איר אַנדרעי דערצעהלט, אַז נעכטען האָב איך געטראָגען ניט פון איין פּאָר זאָקען און אויף דער לינקער זייט דאָס העמד"; האָט ער באַשלאָסען און איז אין אַ שלעכ־טער שטימונג אהיים געפאָרען. זיין שטימונג האָט זיך נאָך פאַרערגערט דערפון, וואָס אויף דער איינלאַדונג צו קומען מאָרגען אווענד, האָט ער געענטפערט מיט אַ נויג פון קאָפּ: דאָס הייסט, אַז ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג.

פון דער מינוט אָן איז פון זיין זינען ניט ארויס אָלגאַ'ס

בליק. אוימזיסט האָט ער זיך אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג אין בעט, אומזיסט האָט ער אָנגענומען די פוילסטע און באַקוועמסטע פּאָזען — ער קאָן פאָרט ניט איינשלאָפען. דער שלאָפראָק האָט אין זיינע אויגען געגומען אויסזען אַזוי עקעל־האַפט, זאַכאַר — נאַריש און ניט צום איבערטראָגען, און דאָס שפּינוועבס אויף די ווענט — אומערטרעגליך.

ער האָט געהייסען אַרויסוואַרפען אַ פּאָר נאַרישע ביל־דער, וואָס אַ געוויסער באַשיצער פון אָרעמע אַרטיסטען האָט זיי אויף אים אַרויפגעצוואונגען; ער האָט אַליין פאַרריכט דעם ראָלעט, וואָס איז שוין פון אַ לאַנגע צייט געווען קאַליע, ער האָט אַריינגערופען אַניסיאַ׳ן און געהייסען איר אויסוואַשען די פענסטער, אָפּשטויבען די ווענט, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגע־לייגט אויף אַ זייט און אַ שעה צייט געטראַכט — וועגען אָל־גאַ׳ן.

אין אָנפאַנג האָט ער זיך פאַרנומען בלויז מיט איר אויס־סערליכען אויסזען; געהאַלטען אין איין מאָלען אין זיין קאָפּ איר פּאָרטרעט.

אָלגאַ איז, אין דעם שטרענגען זין פון וואָרט, ניט געווען קיין שעהנהייט, דאָס הייסט, זי האָט ניט געהאַט קיין בלייכ־קייט אין זיך, ניט געהאַט קיין העלען קאָלאָריט אין די ליפען און אין די באַקען, קיין אינערליכע שטראַלען האָבען ניט אַרויס־געלויכטען פון אירע אויגען; אירע ליפען זיינען ניט געווען קיין קאָראַלען, זי האָט ניט געהאַט קיין פּערל־ציין, ניט קיין קליינע הענטלעך, ווי אַ פינף יעריג קינד.

אָבער ווען מען זאָל זי פאַרוואַנדלען אין אַ סטאַטוע, וואָלט זי געווען די סטאַטוע פון גראַציע און האַרמאָניע. איר עטוואָס צו הויכען וואוקס האָט אַנטשפּראָכען די גרויס פון איר קאָפּ, און דעם גרויס פון איר קאָפּ — איר אָוואַלען געזיכט; און דאָס אַלץ האָט האַרמאָנירט מיט אירע פּלייצעס, און די פּלייצעס — מיט איר גאַנצער פיגור.

ווער עס האָט זי נאָר באַגעגענט, האָט ער געמעגט זיין ווי

צוטראָגעו, האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלען אויף א ווײַלע פאַר אָט דעם שטרענגען, פײַנעם, אַריסטאָקראַטישען וועזען.

איר נאָז האָט געבילדעט א קוים באמערקטע ליניע; אירע ליפּען — דין און מערסטענטיילס צוזאמענגעדריקט: א סימן, אז דער געדאַנק איז אומאויפהערליך אויף עפּעס געווענדט. די אנוועזענהייט פון געדאַנקען האָט אויך ארויסגעלויכטען פון איר שאַרפען, שטענדיג מוטיגען, גאַרנישט דורכלאָזענדיגען בליק פון אירע טונקעלע, גרוילִיךְ־בלויע אויגען. א באַזונדערע שעהנ־הייט האָבען די ברעמען צוגעגעבען אירע אויגען: זיי זיינען ניט געווען בויגענפאָרמיג, זיי האָבען ניט פאַררונדיגט די אויגען מיט צוויי דינינקע. מיט פינגער אָפּגעפּליקטע פּעדעמליך — ניין, דאָס זיינען געווען צוויי בלאָנדע, פוכיגע שטרייכלעך, וואָס זיינען זעלטען געלעגען סימעטריש: איינע איז געווען עטוואָס העכער פון דער צווייטער און איבער דעם ברעם איז געווען א קליינער פאַלד, וואָס האָט אזוי ווי דערצעהלט אז הינטער אים געפינען זיך געדאַנקען.

געגאַנגען איז אָלגאַ מיט עטוואָס אן איינגעבויגענעם קאָפּ, וואָס האָט אזוי עלעגאַנט און ווירדיג גערוט אויף איר שלאַנקען און שטאָלצען האַלז; און באַוועגט האָט זי זיך גלייך, קוים אָנרירענדיג די ערד.

„וואָס האָט זי דאָס אזוי אָן אָן אויפהער געקוקט נעכטען אויף מיר? — האָט געטראַכט אָבלאָמאָוו. — אנדרעי שווערט זיך, אז וועגען די זאָקען און דעם העמד האָט ער איר קיין וואָרט ניט דערמאָנט, און גערעדט האָט ער מיט איר בלויז וועגען אונ־זער פריינדשאַפט, וועגען דעם, ווי מיר האָבען זיך ערצויגען, גע־לערענט, וועגען אַלץ, וואָס איז געווען שעהן אין מיין לעבען, און אויך דאָס האָט ער דערצעהלט, ווי אומגליקליך אָבלאָמאָוו איז, ווי עס געהט פאַרלאָרען דאָס גוטע אין אים א דאַנק דעם, וואָס ער איז ניט טעטיג, ווי שוואַך עס צאַנקט זיין לעבען, און ווי . . . "

„וואָס איז דאָ צו שמייכלען? — האָט ווייטער פאָר זיך גע־

אָ ב ל אָ מ אָ ו ו

טראכט אָבלאָמאָוו — אויב זי האָט אין זיך כאָטש א פּונק האַרץ, האָט עס געדאַרפט באַגיסען זיך מיט בלוט פאַר מיטגע־פיל, און זי גאָר . . . א דאגה מיר! איך וועל אויפהערען טראַכטען וועגען איר! בלויז היינט וועל איך נאָך זיין ביי איר, אָבער מער וועט מיין פוס דאָרט ניט אַריינטרעטען".

טעג געהען נאָך טעג און ער געהט ממש פון דאָרטען ניט אַרויס.

אין איין שעהנעם פרימאָרגען האָט טאַראַנטיעוו אַריבער־געקליבען זיין גאַנץ פאַרמעגען צו זיין מומען אין וויבורגער קוואַרטאַל, און אָבלאָמאָוו'ן איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען דריי טעג, ווי ער האָט שוין לאַנג ניט פאַרבראַכט: אָן בעט־געוואַנט, אָן דער סאָפע, און געגעסען האָט ער ביי אָלגאַ'ס טאַנטע.

מיטאַמאָל האָט מען אויסגעפונען, אז קענגען איבער זייער זומער־וואוינונג געפינט זיך א ליידיג הויז. ניט זעענדיג עס אפילו, האָט עס אָבלאָמאָוו געדונגען און וואוינט דאָרט. פון דער פרי ביז'ן אָוונד פאַרברענגט ער מיט אָלגאַ'ן; ער לעזט צוזאַמען מיט איר, שיקט איר בלומען, שיפט זיך מיט איר אויפ'ן טייך, שפּאַצירט אין די בערג . . . יאָ, ער . . . אָבלאָ־מאָוו.

וואָס עס פאַרלויפט זיך ניט אויף דער וועלט! ווי אזוי דאָס האָט פּאַסירט? אָט ווי אזוי דאָס האָט פּאַסירט.

ווען ער האָט צוזאַמען מיט שטאָלץ'ן געהאַט אָוונד־ברויט ביי איר טאַנטע, האָט ער געפילט די זעלבע פּיינליכע אומרו־איגקייט, וואָס מיט א טאָג פריער, ער האָט גערעדט, וויסענדיג און פילענדיג, אז איבער אים, ווי די זון, שטעהט דער דאָ־זיגער בליק, ברענט אים, רעגט אים אויף, רייצט זיינע נערוועז, זיין בלוט. ערשט אויפ'ן באַלקאָן, הינטער דעם רויך פון זיין סיגאַר, איז אים אויף א ווייל געלונגען צו באַהאַלטען זיך פון אָט דעם שווייגענדיגען, איינגעשפּאַרטען בליק.

„וואָס זאָל דאָס באַדייטען? — האָט ער געפרעגט זיך,

וואָרפענדיג זיך אויף אַלע זייטען. — דאָס זיינען דאָך אמת'ע טאָרטורען! ניט אַנדרעש, זי מאַכט פון מיר חוזק! אויף אַן אַנדערען וואָגט זי ניט אַזוי צו קוקען! — האָט ער ביי זיך באַשלאָסען. — איך וועל שוין ליבערשט אַרויסרעדען מיט ווערטער דאָס, וואָס זי ציט ביי מיר מיט די אויגען".

מיטאַמאָל האָט זי זיך באַוויזען אויף דער שוועל פון באַלקאָן; ער האָט איר צוגערוקט אַ שטול און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— איז דאָס אמת, — האָט זי געפרעגט, — אַז איר לאַנגווייליגט זיך זייער?

— עס איז אמת, — האָט ער געענטפערט, — אָבער ניט זייער... איך בין באַשעפטיגט.

— אַנדרעי איוואַניטש האָט מיר געזאָגט, אַז איר אַרבייט אויף עפּעס אַ פּלאַן.

— יאָ, איך קלייב זיך צו באַזעצען זיך אין מיין דאָרף, גרייט איך זיך צוביסליך דערצו צו.

— און קיין אויסלאַנד פאָרט איר?

— באַשטימט! ווי נאָר איוואַן איוואַניטש וועט פאַרטיג ווערען צו פאָרען.

— און איר פאָרט גערן קיין אויסלאַנד? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, איך פאָר זער גערן אַהין, — האָט ער איר געענטפערט.

ער האָט אַ קוק געטאָן: דער שמייכעל ליגט נאָך אַלץ אויף איר פּנים, אָט באַלייכט ער אירע אויגען, אָט צוגיסט ער זיך איבער אירע באַקען, בלויז די ליפּען אירע זיינען, ווי שטענדיג, צוזאַמענגעדריקט. ער האָט ניט געהאַט גענוג מוט צו לייקענען איר אַזוי אָפען.

— אַביסעל בין איך... פויל, — האָט ער געזאָגט, — אָבער...

אים האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבען צו קרענקען, וואָס איר איז

אבלאמאוו

אזוי לייכט, אַן איבעריגע רייד גָעלונגען ארויסצוקריגען פון אים א באשטעטיגונג אויף זיין פוילקייט. „וואָס גֶעהערט זי מיר אַן? איך האָב דען וואָס מורא צו האָבען פאר איר?" — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

— פויל! — האָט זי שטיל און פיקסיג ארויסגערעדט. — ווי אזוי קאָן דאָס מעגליך זיין? איך קאָן גאָר ניט פארשטעהן, ווי אזוי א מאָנספּאַרשוין קאָן זיין פויל, — האָט זי פארענ־דיגט.

„וואָס איז דאָ ניט צום פארשטעהן? — האָט אָבלאָמאָוו א טראַכט געטאָן, — עס איז דאָך, דאכט זיך, אזוי פּשוט, אזוי פארשטענדליך."

— איך זיץ מערסטענס אין דער היים, — דערפאַר מיינט אַנדרעי, אז . . .

— מסתמא שרייבט איר א סך, — האָט אָלגא געזאָגט, — און לעזט. האָט איר געלעזען . . . ?

זי האָט אויפמערקזאם א קוק געטאָן אויף אים.

— ניין, ניט געלעזען! — האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין מויל אין איין שרעק, אז זי זאָל ניט נעמען מיטאמאָל אים עקזאמינירען.

— ווארום? — האָט זי אים געפרעגט לאַכענדיגערהייט.

אָבלאָמאָוו האָט זיך אויך צולאַכט.

— איך האָב געמיינט, אז איר ווילט מיך פרעגען וועגען עפּעס א ראָמאַן, און ראָמאַנען לעז איך ניט, — האָט זיך אָפּ־גערופען איליא איליטש.

— ניט געטראָפען; איך האָב אייך געוואָלט פרעגען וועגען רייזע־באשרייבונגען.

ער האָט געוואָרפען אויף איר א שאַרפען בליק: איר גאַנץ פּנים האָט געלויכטען, בלויז די ליפּען זיינען געווען פארשלאָ־סען.

„יאָ, — האָט אָבלאָמאָוו א טראַכט געטאָן — מיט איר דאַרף מען זיין זער פאָרזיכטיג . . ."

א. א. גאַנטשאַראָוו

— וואָס דען לעזט איר? — האָט אים אָלגא א נייגעריי־גע געפרעגט.

— איך האָב ליב רייזע־באַשרייבונגען, — האָט געענט־פערט איליא איליטש.

— וועגען אפריקא? — האָט זי שטיל און פיקסיג אים געפרעגט.

ער איז רויט געוואָרען. ער האָט זיך אנגעשטויסען, און ניט אָן א גרונט, אז איר איז גאַנץ גוט באקאנט ניט נאָר וואָס ער לעזט, נאָר אפילו ווי ער לעזט.

— איר האָט ליב מוזיק? — האָט זי אים געפרעגט, כדי אים צו באפרייען פון זיין אומאַנגענעמער לאַגע.

אין דעם מאָמענט איז צוגעקומען שטאָלץ.

— איליא! איך האָב דערצעהלט אָלגא סערגעיעוונא'ן, ווי ליידענשאַפטליך דו האָסט ליב מוזיק.

„וואָס רעדסטו אויף מיר אזויפיל אָן? — האָט געענט־פערט אָבלאָמאָוו. — איך האָב ליב מוזיק, אבער ניט אזוי ליי־דענשאַפטליך ווי דו מיינסט.

— וואָס פאַר א מענש ביסטו? — האָט אים איבערגע־שלאָגען שטאָלץ, כמעט א באַליידיגטער, — איך שטעל אים פאָר פאַר אן אנשטענדיגען מענשען, און ער איילט זיך עס גלייך אָפּצולייקענען!

— איך לייקען בלויז אָפּ די ראָל פון א ליידענשאַפטליכען ליבהאָבער; א צווייפעלהאַפטע און דערצו גאַנץ שווערע ראָלע.

— וואָס פאַר א מוזיק געפעלט אייך אַם בעסטען? — האָט אָלגא געפרעגט אָבלאָמאָוו'ן.

— שווער צו ענטפערען אויף דער פראַגע! יעדע מוזיק! אמאָל הער איך זיך מיט פארגעניגען צו צו א מאָטיוו פון א הויי־זעריגען דרעהאָרגעל, און אן אנדערש מאָל געה איך אוועק אין מיטען פון דער אָפּערע; אמאָל ווירקט אויף מיר דאָס גע־וועהנליכע ליד, און אמאָל פארשטאָפּ איך די אויערען ווען איך דערהער שובערט'ן, — עס איז אָפּהענגיג פון דער שטימונג אין וועלכער מען געפינט זיך.

אבלאמאוו

— דאָס הייסט, אז איר האָט באמת ליב מוזיק, — האָט זיך אָפּגערופן אָלגא.

— זינגט עפּעס, אָלגא סערגעיעוונא, — האָט איר געבעטן שטאָלץ.

— און אפשר איז מאָסיע אָבלאָמאָוו אצינד אין אזא שטימונג, אז ער וועט פארשטאָפּן די אויערן? — האָט זי געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו אָבלאָמאָוו׳ן.

— אצינד בעט זיך צו זאגן עפּעס א קאָמפּלימענט, — האָט געענטפערט אבלאָמאָוו, — אבער איך וויים ניט ווי מען טוט עס, און וואָלט איך געוואוסט וואָלט איך אויך ניט געוואגט.

— ווארום?

— און וואס וועט זיין, אז איר וועט ניט זינגען גוט? — האָט אָבלאָמאָוו באמערקט, — איך וואָלט דאמאָלט ניט געוואוסט וואו אהינצוטאָן די אויגען . . . וואָס מיט זיך צו טאָן . . .

— ווי נעכטען מיט די ביסקוויטען . . . — האָט זיך מיט אמאָל ארויסגעריסען פון איר מויל, זי איז גלייך רויט געווארען און גאָט וויים, וואס זי וואָלט אוועקגעגעבען כדי צו קאָנען צוריקנעמען אָט די ווערטער. — אנטשולדיגט, איך בעט אייך! . . . — האָט זי צוגעלייגט.

אָבלאָמאָוו האָט ניט ערווארט אזא באמערקונג און ער האָט זיך אין גאנצען פארלארען.

— דאָס איז פאראט! — האָט אָבלאָמאָוו קוים הערבאר ארויסגערערדט.

— ניין, דאָס איז בלויז א קליינע נקמה, און דאָס — איר מעגט מיר גלויבען — ניט אבזיכטליך; עס איז דערפאר וואָס איר האָט אפילו קיין קאָמפּלימענט ניט פאר מיר.

— מעגליך, אז איך וועל האָבען, ווען איך וועל אייך הערען זינגען, — האָט אָבלאָמאָוו געענטפערט.

— און איר ווילט, אז איך זאָל זינגען? — האָט אים געפרעגט אָלגא.

— ניין, דאָס וויל ער, — האָט אָבלאָמאָוו געענטפערט, צייגענדיג אויף שטאָלץ'ן.

— און איר?

— ווי אזוי קאָן איך וועלען עפּעס, וואס איך ווייס ניט וואָס עס איז?

— דו ביסט א גראַביאַן, איליא! — האָט באַמערקט שטאָלץ. — אָט וואס עס קומט ארויס פון ליגען אין דער היים און אָנטאָן זאָקען...

— קאָך זיך ניט אזוי, אַנדרעי, — האָט אָבלאָמאָוו אים אויף גיך איבערגעשלאָגען און ניט געלאָזט ווייטער רעדען, — מיר וואלט גאָר ניט געווען שווער צו זאגען: „אָ, איך וועל זיין זער גליקליך, גליקליך, איר זינגט דאָך אזוי שעהן...." — האָט ער ווייטער גערעדט, ווענדענדיג זיך צו אָלגאַ'ן, — „דאָס פארשאפט מיר אזויפיל..." א. א. וו. איצט פרעג איך אייך, דאַרף מען אזוי?

— אבער איר האָט דאָך געמענט וועלען, אז איך זאָל זינגען, זאָל זיין בלויז פון נייגעריגקייט.

— איך האָב עס ניט געוואגט, — האָט געענטפערט אבלאמאָוו, — איר זייט דאָך ניט קיין אַקטריסע.

— וועל איך זינגען פאר אייך, — האָט זיך אלגא אפּגערופען צו שטאָלץ'ן.

— איליא, מאַך גרייט א קאָמפּלימענט, — האָט זיך צו אים אָפּגערופען שטאָלץ

עס האָט אנגעהויבען צו אווענדען. מען האָט אנגעצונדען א לאָמפּ. אין דער דונקעלהייט האָט זיך געהערט א ווייכע, אָבער שטאַרקע שטימע, מיט א נערוועזען ציטער.

זי האָט געזונגען א סך אריען און ראָמאַנסען; טייל האָבען אויסגעדריקט ליידען מיט אן אומקלאָרען פאָרגעפיל פון גליק, אין אנדערע האָט געקלונגען פרייד, אָבער פון דער פרייד האָבען ארויסגעקלונגען טרויעריגע טענער.

פון די דאָזיגע ווערטער, קלאַנגען, פון אָט דער קלאָרער, שטאַרקער מיידעלשער שטימע האָט דאָס הארץ אָנגעהויבען

צו קלאפּען, די נערוועז צו ציטערען, די אויגען האָבען אָנגעהויבען צו פינקלען און פארשוואומען ווערען מיט טרערען. אין איין און דער זעלבער רגע האָט זיך געוואָלט שטארבען, קיינמאָל ניט אויפוואכען מער, און גלייך האָט דאָס הארץ אָנגעהויבען צו גארען נאָך לעבען. . .

אָבלאָמאָוו האָט אויפגעברויזט, איז אָן כוחות צוריקגעפאַלען אויף דער שטול, עס איז אים שווער אָנגעקומען איינצוהאַלטען זיך פון וויינען, און נאָך שווערער — צו דערשטיקען דעם פרייד־געשריי, וואָס איז געווען גרייט ארויסצורייסען זיך פון זיין נשמה. ער האָט שוין לאנג ניט געפילט אין זיך אזויפיל מוט, אזא קראפט, וואָס האָט זיך אזוי ווי אויפגעהויבען פון דער טיפעניש פון זיין נשמה און איז גרייט געווען פארוואנדעלט צו ווערען אין טאטען.

אין דער רגע וואָלט ער אפילו אוועקגעפאָרען קיין אויסלאנד, ווען עס וואָלט זיך ניט געפאָדערט מער, ווי אויפצוזעצען זיך אויף דער באן און אוועקפאָרען.

— זייט איר פון מיר צופרידען היינט ? — האָט אָלגא פלוצלונג געפרעגט שטאָלץ׳ן, אויפהערענדיג צו זינגען.

— פרעגט אָבלאָמאָוו׳ן, וואָס ער האָט צו זאָגען, — האָט זיך אָפּגערופען שטאָלץ.

—אך ! — האָט זיך ארויסגעריסען פון אבלאָמאָוו׳ס הארץ.

ער האָט מיטאמאָל א כאפּ געטאָן אָלגא׳ן פאר דער האנד און גלייך אפּגעלאָזען ; ער האָט זיך זער פארלאָרען.

— אנטשולדיגט מיר . . . — האָט ער ארויסגעפּליסטערט.

— איר הערט ? — האָט זיך צו איר אָפּגערופען שטאָלץ. — זאָג מיט א ריינעם געוויסען, ווי לאנג האָט שוין מיט דיר אזוינס ניט פאסירט ?

— דאָס האָט געקענט פּאסירען היינט אין־דער־פרי, ווען פאר׳ן פענסטער וואָלט פארבייגעגאנגען א הייזעריגער דרעהארגעל . . . — האָט זיך ארייַנגעמישט אָלגא מיט אזויפיל

צערטליכקייט און גוטסקייט, אז זי האט ארויסגענומען דעם גיפט פון אט דער סארקאסטישער באמערקונג.

איליא איליטש האט מיט פארוואורף א קוק געטאן אויף אלגא סערגעיעוונא'ן.

— ביי אים שטעהען נאך ביז היינט טאפעלטע פענסטער, קאן ער ניט הערען, וואס עס טוט זיך אין דרויסען, — האט באמערקט שטאלץ.

שטאלץ האט גענומען אלגא'ס האנד.

—איך וויים ניט וואס עס איז געווען די אורזאך, וואס איר האט היינט געזונגען ווי קיינמאל בעפאר, אלענפאלס האב איך אייך, אלגא סערגעיעוונא, שוין לאנג אזוי ניט געהערט זינגען. אט איז מיין קאמפלימענט! — האט ער געזאגט, קושענדיג איר יעדען פינגער.

שטאלץ האט זיך אפגעזעגענט. אבלאמאוו האט זיך אויך געקליבען א היים צוגעהן. אבער שטאלץ און אלגא האבען אים פארהאלטען.

— איך האב עפעס צו באזארגען, — האט באמערקט שטאלץ, — און דו, אויב דו וועסט א היים געהן, וועסטו זיך דאך גלייך לייגען שלאפען און איצט איז נאך צו פרי.

— אנדרעי! אנדרעי! — האט מיט א בעטענדיגער שטימע ארויסגערעדט אבלאמאוו. — ניין, איך קאן היינט ניט בלייבען, איך געה אוועק! — האט ער צוגעלייגט און א היים געפארען.

ער האט א גאנצע נאכט ניט צוגעמאכט קיין אויג: א פארטרויערטער, א פארטראכטער האט ער ארומגעשפאנט הין און צוריק אין צימער; באגינען איז ער אוועק פון הויז, שפאצירט ארום דער ניעווא, געגאנגען איבער די גאסען, איין גאט וויים, וואס ער האט דערביי געפילט און געטראכט.

אויף דעם דריטען טאג איז ער אוועק אהין, און אין אווענד, ווען אלע געסט האבען זיך אוועקגעזעצט שפילען קארטען, איז ער געזעסען צוזאמען מיט אלגא'ן ביי דער פיאנא. אלגא'ס

אבלאמאוו

טאנטע האט געליטען פון קאפ וועהטאג; זי איז געזעסען אין קאבינעט און געשמעקט שפירט.

— איר ווילט, אז איך זאל אייך ווייזען די קאלעקציע פון ציינכנונגען, וואס אנדרעי האט מיר געבראכט פון אדעס? — האט אלגא געפרעגט. — ער האט זיי אייך ניט געוויזען?

— איר ווילט מיך, ווי עס זעט אויס פארנעמען, ווי עס פאדערען די פליכטען פון א ווירטין? — האט אבלאמאוו געפרעגט. — עס איז אומזיסט!

— ווארום אומזיסט? איך וויל, אז אייך זאל ניט זיין לאנגווייליג, אז איר זאלט זיך דא פילען ווי אין דער היים, באקוועם, לייכט, פריי, און אז איר זאלט ניט אוועקפארען... ליגען.

„זי איז א שלעכטער און אפלאכענדער מענש" — האט אבלאמאוו א טראכט געטאן, באוואונדערענדיג געגען זיין ווילען איר יעדען ריר.

— איר ווילט, אז מיר זאל זיין באקוועם, גוט און ניט לאנגווייליג? — האט ער ווידערהאלט.

— יא, — האט זי געענטפערט פונקט ווי נעכטען, נאר מיט נאך מערער נייגעריגקייט און גוטסקייט.

— זאלט איר, צום אלעם ערשטען, ניט קוקען אויף מיר ווי איר קוקט אצינד, נאר ווי איר האט פריער געקוקט. . .

די נייגעריגקייט אין אירע אויגען האט זיך פארטאפעלט.

— אט פון דעם בליק טאקע ווערט מיר אזוי אומהיימליך... וואו איז מיין הוט?

— פארוואס אומהיימליך? — האט זי מיט א ווייכער שטימע געפרעגט און איר בליק האט פארלארען יעדען פונק פון נייגעריגקייט. איר בליק האט אצינד בלויז אויסגעדריקט צערטליכקייט און גוטסקייט.

— איך ווייס ניט אויף קלאר: נאר מיר דאכט זיך, אז מיט אט דעם בליק קריגט איר פון מיר ארויס אלץ, וואס עס ווילט זיך ניט, אז אנדערע מענשען זאלען וויסען, און באזונדערס — איר . . .

— וואָרום? איר זייט דאָך אַנדרעי איוואַניטש׳ס אַ פריינד, און ער איז מיינער אַ פריינד, פאָלגליך . . .

— פאָלגליך איז ניטאָ קיין שום נויטווענדיגקייט, אַז איר זאָלט וויסן וועגן מיר אַלץ, וואָס עס ווייסט אַנדרעי איוואַ־ניטש, — האָט אָבלאָמאָוו דערענדיגט.

— עס איז ניטאָ טאַקע קיין נויטווענדיגקייט, אָבער אַ מעג־ליכקייט . . .

— אַ דאַנק דער צונג פון מיין פריינד, — האָט זיך אָב־לאָמאָוו אָפּגערופן, — ניט קיין זער גרויסע טובה פון זיין זייט.

— איר האָט דען סודות? — האָט זי געפרעגט. — אפשר זייט איר באַגאַנגען אויך פאַרברעכנס? — האָט זי צוגעלייגט, און לאַכנדיגערהייט זיך אָפּגערוקט פון אים.

— וועך וויים, — האָט אָבלאָמאָוו געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— יאָ, — האָט זי שטיל און גיך געזאָגט, — עס איז אַ גרוים פאַרברעכן אָנצוטאָן צוויי פאַרשידענע זאָקן...

אָבלאָמאָוו האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם הוט.

— איך האָב ניט מער קיין כוחות עס איבערצוטראָגן!

— האָט ער אַרויסגערעדט. — און איר ווילט, אַז מיר זאָל זיין היימליך! איך העה אויף ליב צו האָבן אַנדרעי׳ן! דאָס האָט ער אייך אויך דערצעהלט?

— ער האָט מיך היינט זער אַמוזירט מיט אָט דער גע־שיכטע, — האָט אָלגאַ געזאָגט. — ער האָלט מיך אין איין אַמו־זירען. אַנטשולדיגט מיר, איך וועל שוין מער ניט, איך וועל שוין מער ניט, און קוקען וועל איך אויך שוין אויף אייך אַנ־דערש.

זי האָט געמאַכט אַ כלומר׳שט ערנסט געזיכט.

— איך קוק שוין אויף אייך ניט מיט אַזאַ בליק ווי נעכ־טען, דאַרפט איר ערשטענס, זיך שוין פילען פרייער, לייכטער. איצט איז די פראַגע, וואָס דאַרף מען טאָן, אַז איר זאָלט זיך ניט לאַנגווייליגען?

אבלאמאוו

אבלאמאוו האָט אַריינגעקוקט אין אירע גרויליך־בלויע, צערטליכע אויגען.

— אָט קוקט איר אַליין אויף מיר עפּעס אַזוי מאָדנע . . .

— האָט זי זיך אָפּגערופען.

און אין אמת'ן האָט ער געקוקט אויף איר אַזוי, ווי ער וואָלט געקוקט אויף איר ניט מיט די אויגען, נאָר מיט'ן גע־דאַנק, מיט'ן גאַנצען ווילען, אָבער געקוקט האָט ער אויף איר ניט מיט זיין ווילען, נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין כוחות ניט צו קוקען אויף איר.

„גאָט מיינער! סאַר אַ שעהנע און וואוילע זי איז! פאַ־ראַן נאָך וואונדערבאַרע פרויען אויף דער וועלט! — האָט ער געטראַכט ביי זיך, קוקענדיג אויף איר מיט כמעט צושראָקענע אויגען. — אָט די בלייכקייט, אָט די אויגען, וואו עס איז ווי אין אַן אָפּגרונד פינסטער און אין דער זעלבער צייט לייכט פון דאָרט אַרויס עפּעס, מסתמא די נשמה! איר שמייכעל איז אַזוי אָפען, מען קאָן אים לעזען, ווי אַ בוך; און אירע ציין, און איר גאַנצער קאָפּ, וואָס רוט אַזוי צערטליך אויף אירע פּלייצעס.

„איך באַקום עפּעס פון איר, — האָט ער ווייטער גע־טראַפט, — עפּעס געהט פון איר איבער צו מיר. אָט דאָ ביים האַרצען הויבט אָן שטאַרקער צו שלאָגען . . . איך פיל עפּעס נייעס אין מיר, וואָס עס איז פריער ניט געווען . . . גאָט מיי־נער, וואָס פאַר אַ גליק איז צו קוקען אויף איר! עס ווערט אַזש שווער צו אָטעמען.״

גיך, ווי אַ שטורעם־ווינט, האָבען זיך די דאָזיגע געדאַנקען געטראָגען אין אים, און ער האָט אַלץ געהאַלטען אין איין קוקען אויף איר, ווי מען קוקט אין דער אומענדליכער ווייט, אין אַ טיפען תהום; ער האָט געקוקט אויף איר מיט פרייד, פאַרגעס־סענדיג אין גאַנצען אָן זיך.

— אַ, מאָסיע אַבלאַמאָוו, זאָל שוין זיין גענוג! ווי איר קוקט דאָס אַ צינד אויף מיר! — האָט זי געזאָגט, פאַרשעמטערהייט

אוועקדרעהענדיג דעם קאפ, אבער די נייגעריגקייט האט גע־זיגט, און זי האט ניט ארונטערגענומען די אויגען פון אים.

ער האט ניט געהערט, וואס זי האט גערעדט צו אים.

און ער האט אלץ געקוקט אויף איר און ניט געהערט וואס מען רעדט צו אים; שווייגעדיגערהייט האט ער געזוכט אויסצו־געפינען וואס מיט אים פאסירט, ער האט זיך צוגערירט צום קאפ — דארטען באוועגט זיך אויך עפעס, טראגט זיך מיט אן אומגעהערטען שטורעם. ער האט ניט באוויזען צו כאפען זיינע געדאנקען: ווי א מחנה פייגעל האבען זיי געשוועבט, און אין דער לינקער זייט, ביים הארצען, טוט, דאכט זיך, וועה.

— קוקט ניט אויף מיר אזוי מאדנע, — האט זי געזאגט, — אויך מיר ווערט אומהיימליך . . . איר אפנים ווילט אויך עפעס ארויסקריגען פון מיין נשמה. . .

— וואס קאן איך וועלען ביי אייך ארויסקריגען? — האט ער מעכאניש געפרעגט.

— איך האב אויך פלענער, אנגעהויבענע און ניט פארענדיגטע, — האט זי געזאגט.

ער איז וואכיג געווארען פון אט דער אנצוהערעניש ווע־גען זיינע ניט פארענדיגטע פלענער.

— זאנדערבאר! — האט ער באמערקט. — אליין זייט איר שלעכט, אבער א בליק האט איר א גוטען. ניט אומזיסט זאגט מען, אז מען טאר קיין פרויען ניט גלויבען: זיי ליגען אבזיכטליך מיט דער צונג, און ניט אבזיכטליך — מיט די בליקען, מיט'ן שמייכעל, אפילו מיט זייער חלש'ן.

זי האט ניט געלאזען, אז אט דער איינדרוק זאל ווערען נאך שטארקער, האט שטיל ארויסגענומען דעם הוט פון זיין האנט און אליין זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול.

— מער וועל איך ניט! מער וועל איך ניט! — האט זי צוויי מאל ווידערהאלט. — אך! זייט מוחל מיין אומערטרעג־ליכער צונג! אבער גלויבט מיר אויף מיין ערען ווארט, אז דאס איז ניט געוועזען קיין אפשפעטען! — האט זי כמעט ווי ארויס־

געזונגען, און אין דעם ארויסזינגען פון אט דער פּראָזע, האָט א ציטער געטאָן געפּיל.

אבלאמאוו האט זיך בארויגט.

— אט דער אנדרעי!... — האט מיט פאַרוואורף ארויסגערעדט איליא איליטש.

— זאָגט שוין מיר פארט, וואס זאל איך טאָן, אז איר זאלט זיך ניט לאנגווײלען? — האט זי געפרעגט.

— זינגט עפּעס, — האָט ער געזאָגט.

— אט איז דער קאָמפּלימענט אויף וועלכען איך האָב געווארט! — האט זי, אויפבלויזענדיג פאר פרייד, אים איבערגעשלאָגען. — ווייסט איר, — האט זי פרעהליך ווייטער גערעדט, — ווען איר וואָלט מיר מיט דריי טעג צוריק ניט געזאָגט דעם „אך!” ווען איך האָב געענדיגט דאָס זינגען, וואָלט איך זיכער די גאנצע נאכט ניט געקאָנט שלאָפען. איך וואָלט אודאי געזעסען און געוויינט.

— ווארום? — האט איליא איליטש זי געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג

זי האָט זיך פארטראכט.

— איך ווייס אליין ניט, — האָט זי א ווײלע שפּעטער ארויסגערעדט.

— דאָס איז דערפאר, וואס איר האט זיך ליב, — האָט זיך צו איר אָפּגערופען אבלאָמאָוו.

— איר זייט גערעכט, געוויס דערפאר, — האָט זי געזאָגט פארטראכטענדיג זיך און אנרירענדיג מיט די פינגער פון איין האנט די קלאווישען, — אבער אין יעדער זאך איז דאך פאראן זעלבסט-ליבע, און ניט ווייניג. אנדרעי איוואניטש זאגט, אז דאָס איז די איינציגע טרייבקראפט, דער איינציגער באוועגער, וואס פארוואלט מיט'ן ווילען. ביי אייך אפנים איז אין גאנצען ניטאָ קיין זעלבסטליבע, מסתמא דערפאר...

זי האָט ניט דערענדיגט.

— וואס? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב גאָרנישט ניט געמיינט, בלויז אזוי געזאָגט,

— האָט זי אים פאררעדט, — איך האָב ליב אַנדרעי איוואַניטש'ן, — האָט זי ווייטער גערעדט, — ניט בלויז דערפאַר, וואָס ער אַמוזירט מיך, טיילמאָל רעדט ער אַזוי, אַז איך וויין, הערענדיג אים; איך האָב אים ליב אויך ניט דערפאַר, וואָס ער האָט מיך ליב, נאָר מיר דאַכט זיך דערפאַר, וואָס ער האָט מיך ליבער פון אַנדערע: זעט איר שוין וואו די זעלבסט־ליבע קאָן זיך אַזש אַריינ'גנב'ענען

— איר האָט ליב אַנדרעיען? — האָט אָבלאָמאָוו זי געפרעגט, און האָט דורכגעשטאָכען אירע אויגען מיט זיינע אָנגעשטרענגטע, פאָרשענדע בליקען.

— געוויס, ער האָט דאָך מיך ליבער פון אַנדערע, איך האָב אים שוין פון לאַנג ליב, — האָט זי מיט ערנסט צוגעלייגט.

ניט אַרויסרעדענדיג קיין וואָרט האָט אָבלאָמאָוו געקוקט אויף איר, זי האָט אים געענטפערט מיט אַ פּשוט'ן, שטומען בליק.

— ער האָט אויך ליב אַננאַ וואַסיליעוונאַ'ן, און זינאַאידאַ מיכאַילאָוונאַ'ן, אָבער ניט אַזוי, — האָט זי ווייטער גערעדט, — אָבער ניט אַזוי: מיט זיי וועט ער קיין שעה ניט זיצן, ער אַמוזירט זיי ניט, רעדט זיך פאַר זיי ניט אָפּ דאָס האַרץ; מיט זיי רעדט ער וועגן געשעפטען, וועגן טעאַטער, רעדט אַרום די לעצטע נייעסען, אָבער מיט מיר רעדט ער ווי מיט אַ שוועסטער . . . ניין, ווי מיט אַ טאָכטער, — האָט זי איילענדיג צוגעלייגט, — ער שרייט אויף מיר אפילו אָן, ווען איך באַנעם ניט גלייך וואָס ער האָט געזאָגט, אָדער איך פאַרהער עפּעס פון זיינע רייד, אָדער בין מיט אים ניט איינפאַרשטאַנען. אויף זיי אָבער שרייט ער ניט, און דאָס, דאַכט זיך מיר, איז נאָך אַן אורזאַך, וואָס איך האָב אים אַזוי ליב. זעלבסט־ליבע!

— האָט זי צוגעלייגט אַ פאַרטראַכטע, — אָבער איך פאַרשטעה ניט, וואָס האָט זי צו טאָן מיט מיין זינגען? מען זאָגט שוין מיר פון לאַנג, אַז איך זינג זער גוט, אָבער איר האָט מיך אפילו ניט געוואָלט הערען, מען האָט אייך כמעט געדאַרפט צווינגען דערצו. און ווען איר וואָלט נאָך מיין זינגען אַוועקגעגאַנגען

און ניט געזאָגט מיר קיין וואָרט, ווען איך וואָלט אויף אייער פּנים גאָרנישט ניט באַמערקט . . . וואָלט איך זיכער קראַנק געוואָרען . . . יאָ, דאָס איז זעלבסט־ליבע! — האָט זי ענד־גילטיג באַשלאָסען.

— האָט איר באַמערקט עפּעס ביי מיר אויפ׳ן פּנים? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט.

— טרערען, כאָטש איר האָט זיך באַמיט זיי צו באַהאַל־טען; דאָס איז זער אַ שלעכטער שטריך ביי מענער — צו שעמען זיך מיט׳ן אייגענעם הארצען. דאָס איז אויך אַ מין זעלבסט־ליבע, נאָר אַ פאַלשע. ליבערשט וואָלטען זיי זיך אַמאָל געשעמט מיט זייער שכל: ער מאַכט עפּטער אַ טעות. אפילו אַנדרעי איוואַניטש שעמט זיך מיט זיין האַרץ. איך האָב איִם דאָס אַמאָל געזאָגט, האָט ער איינגעשטימט מיט מיר. און איר?

— קוקענדיג אויף אייך מוז מען זיין איינפאַרשטאַנען מיט אַלץ וואָס איר רעדט, — האָט ער געזאָגט.

— נאָך אַ קאָמפּלימענט! און נאָך וואָס פאַר אַ . . . — האָט זי זיך אָפּגערופען.

איר האָבען אויסגעפּעלט ווערטער.

— אַ געשמאַקלאָזער! — האָט ער דערענדיגט אירע ווער־טער, ניט אַרונטערלאָזענדיג פון איר די אויגען

מיט אַ שמייכעל האָט זי צוגעשטימט צו זיין ערקלערונג וועגען דעם קאָמפּלימענט.

— אָט פאַר וואָס איך האָב מורא געהאַט, ווען איך האָב אייך ניט געוואָלט בעטען זינגען . . . וואָס קאָן מען זאָגען, ווען מען הערט דאָס ערשטע מאָל? און זאָגען עפּעס מוז מען. שווער איז צו זיין קלוג און וואָרהאַפטיג אין דער זעלבער צייט, באַזונדערסט ווען עס האָט צו טאָן מיט געפילען, וואָס ווערען אַרויסגערופען דורך אַזוינע איינדרוקען, ווי למשל דאַמאָלט. . .

— באמת, איך האָב דאַמאָלט געזונגען ווי שוין לאַנג ניט בעפאָר, און, דאַכט זיך, ווי קיינמאָל ניט . . . בעט מיך ניט צו זינגען, אַזוי וועל איך שוין ניט זינגען . . . ערלויבט, איין

זאך וועל איך אייך נאך זינגען . . . — האט זי געזאגט, און אין דעם זעלבען מאמענט האט איר פנים אויפגעשטראלט, די אויגען — אויפגעפלאמט, זי האט זיך ארונטערגעלאזען אין שטול אריין, גענומען א צוויי־דריי שטארקע אקארדען און צוזונגען זיך.

גאט מיינער! וואס האט זיך אין דעם דאזיגען געזאנג ניט געהערט! האפנונגען, א ניט קלארער שרעק פאר געוויטערס, די געוויטערס אליין, דער דראנג נאך גליק — דאס אלץ האט געקלונגען, ניט אין איר ליד, נאר אין איר שטימע.

זי האט לאנג געזונגען, צייטענווייז האט זי זיך אומגעקוקט צו אים און געפרעגט אזוי קינדיש:

— שוין גענוג? ניין, בלויז נאך א שטיקעלע, — און האט ווייטער געזונגען.

די אויערען און די באקען זענען איר רויט געווארען; טיילמאל האט אויף דעם פרישען פנים אויפגעפלאמט א שטראל פון אזא צייטיגער ליידענשאפט, ווי זי וואלט איצט איבערגעלעבט מיט'ן הארצען א פיל שפעטערע עפאכע פון איר לעבען, און מיט אמאל איז דער דאזיגער שטראל פארלאשען געווארען, און איר שטימע האט ווידער גענומען קלינגען פריש און העל.

און אבלאמאוו האט אויך געהאט דעם זעלבען געפיל; און אים האט זיך געדאכט, אז ער פילט און לעבט דאס אלץ איבער ניט אין איין, אדער צוויי שעה, נאך דורך לאנגע, גאנצע יארען.

און זיי בײדע, וואס זענען אויסערליך געווען אזוי אומבאוועגליך, האבען געפלאטערט פון אן אינערליכען פייער, פון דעם זעלבען ציטער דורכגענומען געווארען; אין די אויגען ביי זיי זענען געשטאנען טרערען, וואס זענען ארויסגערופען געווארען פון דעם זעלבען געפיל. דאס זיינען אלץ געווען סימפטאמען פון יענע ליידענשאפטען, וואס האבען געדארפט אויפפלאמען אמאל אין איר יונגער נשמה, וואס איז ביז איצט

אָבלאָמאָוו

באהערשט געוואָרען בלויז פון צייטווייליגע, דורכלויפענדע אָנמערקונגען און פונקען פון די דרעמלענדע לעבענס כחות.

זי האָט געענדיגט מיט א לאַנגען זינגענדיגען אַקאָרד. זי האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, אָוועקגעלייגט די הענט אויף די קני און א צוטראָגענע און אַן אויפגערעגטע האָט זי געקוקט אויף אָבלאָמאָוו'ן: וואָס האָט ער צו זאָגען?

אויף זיין פנים האָט געלויכטען דער מאָרגענשטערען פון אויפגעוואַכטען גליק, וואָס האָט ארויסגעשפּראָצט פון דער טיפעניש פון זיין נשמה; זיין בליק, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט טרערען, איז געווען געווענדט צו איר.

איצט האָט זי אים, ווי ער איר פריער, ניט ווילענדיג אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט זי אים געפרעגט, — זעט, וואָס פאַר א פנים איר האָט! פון וואָס קאָן דאָס זיין?

אָבער זי האָט געוואוסט פאַרוואָס ער האָט אזא פנים, און אין הארצען האָט זי טריאומפירט, הנאה האָבענדיג פון אָט דעם סימן פון איר קראַפט.

— גיט א קוק אין שפּיגעל אריין! — האָט זי מיט א שמייכעל ווייטער גערעדט, ווייזענדיג אים אין שפּיגעל זיין געזיכט, — די אויגען לויכטען; גאָט מיינער, זיי זיינען דאָך פול מיט טרערען! אַ, וואָס פאַר א טיף געפיל איר האָט פאַר מוזיק!

— ניין, איך פיל דאָס מאָל ניט קיין מוזיק... נאָר... ליבע! ... — האָט אָבלאָמאָוו שטיל ארויסגערעדט.

זי האָט מאָמענטאַל ארויסגעלאָזען זיין האַנט. איר געזיכט האָט זיך אומגעביטען. איר בליק האָט זיך באַגעגענט מיט זיינעם, וואָס איז געווען געווענדט צו איר: דאָס איז געווען אַן אומבאַוועגליכער, כמעט אומזיניגער בליק; דורך אים האָט געקוקט ניט אָבלאָמאָוו, נאָר די ליידענשאַפט אליין.

אָלגא האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך פון אים ארויסגעריסען, איז ער ניט געווען בכוח איינצוהאַלטען, און אז עס איז אמת.

א. א. גאַנטשאַראָוו

ער האָט זיך באַזינט, גענומען דעם הוט און, ניט אומקוקענדיג זיך, איז ער ארויסגעלאָפען פון צימער. דאָס מאָל האָט זי אים ניט באַגלייט מיט אַ נייגעריגען בליק; ניט באַוועגענדיג זיך איז זי אַ לאַנגע צייט געשטאַנען, ווי אַ סטאַטוע ביים פּאַרטעפּיאַן און אַלץ געקוקט אַרונטער... איר ברוסט בלויז האָט זיך שטאַרקער באַוועגט.

6.

סיי אין דעם פוילען ליגען אין די פארשידענסטע פוילע פאזען, סיי אין דער טעמפער פארשלאפענהייט און סיי אין די באגייסטערטע אויסברוכען, שטענדיג האט אבלאמאוו אין זיינע פאנטאזיען געזען די פרוי הויפטזעכליך אלס ווייב און בלויז אין זעלטענע פאלען אלס געליבטע.

אין זיין פאנטאזיע האט זיך שטענדיג פאר אים געטראגען דאס געשטאלט פון א הויכער, עלעגאנטער פרוי, מיט רואיג פארלייגטע הענט אויף דער ברוסט, מיט א שטילען אבער רואיגען בליק; א פרוי וואס שפאנט לייכט איבער'ן טעפיך, איבער דעם זאמד פון דער אליי, מיט א בויגזאמער טאליע, מיט א קאפ, וואס ליגט גראציעז אויף די פלייצעס, מיט א פארטראכטען אויסדרוק — ווי אן אידעאל, ווי די פארקערפערונג פונ'ם לעבען, פול מיט געלייטערטקייט און פייערליכער רו, ווי די רו אליין.

אין אנפאנג האט זיך אים גע'חלומ'ט, ווי זי שטעהט אינגאנצען אין בלומען, ביים אלטאר, אין א לאנגען שלייער, דערנאך צוקאפענס פון זייער בעט מיט פארשעמטע, ארונטערגעלאזענע אויגען און, ענדליך, אלס מוטער, ארומדרעהענדיג זיך צווישען קינדער.

און ער האט אין חלום געזען ניט קיין ליידענשאפטליכען שמייכעל אויף אירע ליפען, און אויגען, פון וועלכע עס לויכט ניט ארויס קיין לוסט, אין איר שמייכעל ליגט סימפאטיע צו אים, איר מאן און געפעליגקייט צו אלע אנדערע; איר בליק איז בלויז גנעדיג צו אים אליין און פארשעמט און טיילמאל אויך שטרענג צו יעדען אנדערען.

ער האט זי קיינמאל ניט געוואלט באגעגענען א פארציטערטע, א פארשמאכטע, אן אומערווארט פארוויינטע, אין א

פּלוצליכען איבערגאַנג פון אוממעכטיגקייט צו ווילדער פרייד. זיין פרוי האָט ניט געדאַרפט אומערוואַרטעטערהייט בלייך ווערען, פאַלען אין חלשות, דורכלעבען אויפטרייסלענדע מאָמענטען...

„אַזוינע פרויען האָבען געליבטע, — פּלעגט ער זאָגען, — אויסער דעם איז ביי זיי דאָ אַ וועלט מיט אַרבייט: דאָקטוירים, וואַסער און אַזוי אָן אַ שיעור משוגענע געננג. מען קאָן אפילו רואיג ניט איינשלאָפען.‟

אָבער ביי דער זייט פון אַ שטאָלצער און שעמעוודיגער, רואיגער פריינדין שלאָפט דער מענש איין אַזוי רואיג. ער שלאָפט איין מיט דער זיכערהייט, אַז ווען ער וועט זיך אויפכאַפּען אין־דער־פרי, וועט ער באַגעגענען דעם זעלבען צערטליכען, סימפּאַטישען בליק און אין צוואַנציג, דרייסיג יאָר אַרום וועט ער אויף זיין פריינדליכען בליק באַגעגענען אין אירע אויגען אַלץ דעם זעלבען צערטליכען, שטיל לויכטענדען שטראַל פון מיטגעפיל. און אַזוי ביז אין קבר!

„און איז דען דאָס ניט דער פאַרבאָרגענער ציל פון יעדען און יעדער — צו געפינען אין צווייטען שטענדיגען מיטגעפיל און באַרואיגונג? דאָס איז דאָך די אויפגאַבע פון דער ליבע, און ווערט עפּעס פון דעם פאַרמינדערט, אָפּגעקילט — ליידען מיר; הייסט דאָך דאָס, אַז מיין אידעאַל — איז דער אַלגעמיינער אידעאַל? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — אָבער איז שוין דאָס העכסטע אין די באַציאונגען צווישעןביידע געשלעכטער?‟

געבען דער ליידענשאַפט אַ געזעצליכען אויסגאַנג, געבען איר אַ מעגליכקייט צו שטראָמען פאַר'ן וואוילזיין פון גאַנצען פאָלק, — דאָס איז אַן אַלגעמיינע אויפגאַבע, דער העכסטער פּונקט פון פּראָגרעס, פאַר וועלכען עס כאַפּען זיך אָן אָט די אַלע זשאָרזש סאַנדס, אָבער אָן ערפאָלג. דאַמאָלט וואָלט דאָך שוין ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר פאַרראַט, פאַר גלייכגילטיגקייט, נאָר עס וואָלט געווען אַן אייביג גלייכמעסיג קלאַפּען פון אַ רואיג און גליקליך האַרץ, דאָס הייסט, אַן איננהאַלטסרייך

אבלאמאוו

לעבען, אייבּיגער לעבענס זאפט, א שטענדיגע מאראלע געזונטהייט.

עס זיינען פאראן ביישפּילען פון אזא גליק, אבער זיי זיינען זער זעלטען: מען ווייזט אויף זיי אן ווי אויף א פענאָמען. מען דארף, זאָגט מען, געבאָרען ווערען דערפאר. און איין גאָט ווייסט, צי מען קאָן זיך ניט ערציען צו אזא גליק, צי מען קאָן עס ניט באוואוסטזיניגערהייט ערווערבען?..

ליידענשאפט! דאָס אלץ איז זער גוט אין לידער! אויף דער בינע, וואו עס שפּאצירען ארום אין לאנגע מאנטלען און מיט מעסער אקטיאָרען, און דערנאָך גהען זיך אוועק די ערמאָרדעטע און די מערדער צוזאמען אויף אווענדברויט...

עס וואָלט נאָך גוט געווען, ווען די ליידענשאפטען וואָלטען זיך דערמיט געענדיגט, אבער ניין, עס בלייבט נאָך זיי איבער א רויך, א געשטאנק, אבער ניט קיין גליק! און די יערינערונגען — איין שמאך און שאנד!

און, ענדליך, ווען דיך באפאלט שוין דאָס דאָזיגע אומגליק — די ליידענשאפט, איז עס פונקט אזוי, ווי מען וואָלט זיך געפונען אויף א צובראָכענעם, בערגיגען, אומערטרעגליכען וועג, די פערד האלטען אין פאלען, דער פאסאזשיר גהעט אויס פון די כוחות, אבער דאָס היימישע דאָרף זעט זיך שוין פון ווייטען: מען טאָר עס ניט ארויסלאָזען פון אויג און גיכער, מיט אלע כוחות זען זיך ארויסצורייסען פון דעם געפערליכען אָרט...

—יאָ, די ליידענשאפט דארף מען באגרענעצען, דערשטיקען, דערטרינקען אין דער הייראט...

ער וואָלט מיט שרעק אנטלאָפען פון א פרוי, ווען זי וואָלט אים מיטאמאָל דורכגעשטאָכען מיט די אויגען, אָדער, אליין א קרעכץ טוענדיג, געפאלען אים אויף דער פּלייצע מיט פארמאכטע אויגען, און דערנאָך, אויפוואכענדיג, ארומגעווירקעלט מיט די הענט זיין האלז ביז דערשטיקט צו ווערען... דאָס איז א פייער־ווערק, א פולווער־אויפרייס; און דערנאָך וואָס? א באטויבונג, א פארבלענדונג, צוגעברענטע האָר!

א. א. גאנטשאראוו

איצט לאמיר זען, וואס פאר א פרוי איז אלגא סערגיעוונא.

א לאנגע צייט נאכדעם, ווי עס האט זיך ביי אים ארויס־געריסען די ערקלערונג אין ליבע, האבען זיי זיך ניט געטראפען אויג אויף אויג. ווי א שול אינגעל האט ער זיך באהאלטען, ווי נאר ער האט זי דערזען. אירע באציאונגען צו אים האבען זיך געביטען, אבער זי איז ניט אנטלאפען פון אים, ניט גע־ווארען קאלט צו אים, בלויז אביסעל פאר׳חלומ׳טער, פארטראכ־טער געווארען.

איר, ווי עס זעט אויס, איז געוועז א שאד, וואס עס האט פאסירט אזוינס, וואס עס האט איר געשטערט צו מאטערען אבלאמאוו׳ן מיט אנשטעלען אויף אים נייגעריגע בליקען, און מיט גוטמוטיגע שטעכווערטלעך וועגען זיין פוילען זיך, וועגען זיין ליגען אין בעט און וועגען זיין אומגעשיקטקייט.

אין איר האט זיך צושפילט דער קאמיזם, אבער דאס איז געוועז דער קאמיזם פון א מוטער, וואס קאן ניט ניט לאכ׳ען קוקענדיג אויף די קאמישע מעשים פון איר זון. שטאלץ איז געוועז אוועקגעפארען, און איר איז געוועז לאנגווייליג, וואס זי האט ניט פאר וועמען צו זינגען; איר פארטעפיאן איז גע־ווען פארמאכט — מיט איין ווארט, זיי ביידע האבען זיך גע־פילט ניט פריי, ווי אין קייטען, זיי האבען זיך געפילט אזוי אומבאקוועם.

און אנגעהויבען האט עס זיך דאך אזוי גוט! ווי נאטיר־ליך האבען זיי זיך באקענט! ווי פריי האבען זיי זיך באנומען! אבלאמאוו איז געוועז א סך פשוט׳ער און בעסער פון שטאלצ׳ן, כאטש ער האט זי ניט אזוי אמוזירט, און האט אזוי לייכט מוחל געווען אלע אירע שטעכיגע באמערקונגען.

דערצו האט איר שטאלץ, איידער ער איז אוועקגעפארען פארזאגט אכטונג צוגעבען אויף אבלאמאוו׳ן און אים שטערען צו פוילען זיך אין דער היים. איר קלוג קעפעל האט שוין גע־האט אויסגעארבייט אן אויספירליכען פלאן, ווי זי וועט אפגע־וועהנען אים פון שלאפען נאכמיטאג, און ניט בלויז פון שלא־

פען, זי וועט אים ניט ערלויבען בייטאג אפילו זיך צו צולייגען אויף דער סאפע: זי וועט פון אים נעמען אן ערען ווארט.

זי האט גע'חלומ'ט ווי זי וועט אים באפעלען צו לעזען די ביכער, וואס שטאלץ האט איבערגעלאזען, און נאכדעם וועט זי אים מאכען צו לעזען צייטונגען און איר דערצעהלען די לעצטע נייס, ער וועט שרייבען די בריף אין דארף, דערענדיגען דעם פלאן וועגען זיין גוט, צוגרייטען זיך צו דער רייזע קיין אויסלאנד, — מיט איין ווארט, ער וועט ביי איר ניט שלאפען; זי וועט אים אנווייזען אויף א ציל, זי וועט אים מאכען אויף ס'ניי ליב קריגען דאס, וואס ער האט אמאל ליב געהאט, און שטאלץ וועט אים ניט דערקענען, ווען ער וועט צוריקקומען.

און דאס אלץ וועט זי אויפטאן, זי, אזא ציטערדיגע, אזא שוויגענדיגע, וועמען קיינער האט ביז אהער קיינמאל ניט געפאלגט, זי, וואס האט נאך ניט אנגעהויבען באמת צו לעבען! זי — די אורזאך פון אזא איבערקערעניש!

און עס האט שוין אנגעהויבען צו געהן אויף א וועג: ווי נאר זי פלעגט אנהויבען צו זינגען, איז שוין אבלאמאוו ניט געוועזען מער דער זעלביגער...

ער וועט אנהויבען צו פירען א טעטיג לעבען, און בענשען זי און דאס לעבען. צוריקברענגען א מענשען צום לעבען! וויפיל כבוד קריגט דאס א דאקטאר, ווען ער ראטעוועט פון טויט א האפנונגסלאזען חולה! און ווי גרויס איז דער פארדינסט פון דעם, וואס ראטעוועט א מאראליש-פארלארענעם מענשען!

זי איז אזש אויפגעשפרונגען פאר שטאלץ און פרייד; זי האט עס גערעכענט פאר א טאט, וואס איז פאר איר באשטימט געווארען פון הימעל. אין די געדאנקען האט זי געזען אבלאמאוו'ן אלס איר סעקרעטאר, אלס איר ביבליאטעקאר.

און צו דעם אלעם האט מיטאמאל גענומען אן ענדע! זי האט אלץ ניט געוואוסט ווי צו האנדלען, און דערפאר האט זי געשוויגען, ווען זי האט זיך באגעגענט מיט אבלאמאוו'ן.

און אבלאמאוו'ן האט געמאטערט דאס, וואס ער האט זי

דערשראָקען, באַליידיגט, און ער האָט זיך אַוועקגערוקט אַ זייט, ווען ער האָט זי נאָר דערזען.

און דערווייל זיינען שוין דריי טעג פאַראיבער זייט ער האָט זיך איבערגעקליבען אויף זיין זומער־וואוינונג; ער שפּאַצירט אליין ארום אין וואלד, אָדער ער געהט אוועק אין דאָרף אריין, פארברענגט פוסט און פּאס די טעג, קוקענדיג ווי עס לויפען ארום די קינדערלעך, די קעלבלעך, ווי די ענטלעך שווימען אין וואסער.

לעבען זיין זומער־וואוינונג איז געווען א זעע, א גרויסער פּארק, אָבער ער האָט מורא אהין צו געהן, כדי ניט צו באגעגענען זיך דאָרט מיט אָלגא'ן.

„דער נאר האָט מיך געצויגען פאר'ן צונג", האָט ער געטראכט און זיך אפילו ניט געפרעגט, צי עס האָט זיך דאמאָלט ארויסגעריסען פון אים דער אמת, אָדער עס איז געווען אונטער דעם מאָמענטאַלען איינדרוק, וואס איר געזאנג האָט געהאט אויף זיינע נערוועז.

א געפיל פון שאנדע פאר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, האָט אים געשטערט צו דערגעהן, וואָס עס איז געווען די אורזאך פון דעם אויסברוך און וואס איז אָלגא בכלל פאר אים. ער איז ניט געווען אין דער לאגע זיך צו אנאַליזירען און דאָס איינציגע געפיל, וואָס ער האָט געהאט, איז געווען א געפיל פון חרפה.

און האָט ער זי אמאָל דערזען אין זיין פאנטאזיע, האָט צוזאמען מיט איר אויפגעוואכט אין אים יענער אידעאל פון פארקערפּערטער רו און לעבענס פרייד; און דער דאָזיגער אידעאל איז געווען — אָלגא. די ביידע בילדער האָבען זיך ביי אים צוזאמענגעגאָסען אין איינס.

„גאָט מיינער, וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן? — האָט ער געטראכט. — מיט איין מאָל אַלץ פארניכטעט! א גליק, וואָס שטאָלץ איז אוועקגעפאָרען און זי האָט ניט באוויזען אים אלץ צו דערצעהלען, אז ניט וואָלט איך זיך פאר שאנדע געמוזט באגראָבען! ליבע, טרערען, — פּאסט דען דאָס פאר א מענ־

אבלאמאוו

שען ווי איך בין? און אָלגאַ'ס טאַנטע שיקט שוין ניט נאָך מיר, לאַדט מיך מער ניט איין: מסתמא האָט זי איר אַלץ דערצעהלט... אוי, גאָט מיינער!..."

אזוי האָט ער געטראַכט געהענדיג אַלץ טיפער אין פּאַרק מיט אַ זייטיגער אליי.

זי האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, ווי זי וועט זיך באַגעגענען מיט אים, ווי אזוי וועלען זיי פאַרבייגעהן דעם דאָזיגען אינצידענט: שווייגענדיגערהייט, ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט פּאסירט, אָדער זי דאַרף אים זאָגען אַ פּאָר ווערטער?

און וואָס קאָן מען זאָגען? אפשר מאַכען אַ בייז פּנים, אַ קוק טאָן אויף אים שטאָלץ, אָדער אינגאַנצען ניט קיין קוק טאָן, בלויז שטאָלץ און קאַלט אים באַמערקען, אז זי „האָט אין קיין פאַל ניט ערוואַרט פון אים אזא האַנדלונג. און פאַר וואָס האַלט ער זי, וואָס ער ערלויבט זיך צו באַגעהן מיט איר אזוי חוצפּה'דיג?..." אזוי ענטפערט איטליך מיידעל כאָטש זי אליין האָט מיט אַלע כוחות געווירקט, אז דער בחור זאָל באַגעהן די חוצפּה.

„אָבער, וואָס איז דאָ אזוי חוצפּה'דיג? — האָט אָלגאַ זיך אליין געפרעגט — און אויב ער פילט אזוי באמת, דאַרף ער דערשטיקען אין זיך זיינע געפילען?... אָבער פאָרט, ווי אזוי טוט מען עס, איידער מען האָט זיך נאָך באמת גוט באַקענט... ניין, דאָס וואָלט קיין אַנדער מענש ניט געזאָגט צו אַ פרוי, וואָס ער זעט ערשט צום צווייטען, דריטען מאָל; דערצו וואָלט קיינער ניט אין אזא קורצער צייט שוין געווען פאַרליבט. אויף דעם איז בלויז פעהיג איין אָבלאָמאָוו..."

און זי האָט זיך גענומען דערמאָנען אַלץ וואָס זי האָט געלעזען און געהערט וועגען דעם ווי די ליבע באַווייזט זיך אַמאָל אומגעריכטערהייט.

„ער איז אויפגעברויזט, ער איז מיטגעריסען געוואָרען; איצט וואַגט ער זיך ניט צו ווייזען פאַר די אויגען: ער שעמט זיך. דאָס איז דער בעסטער סימן, אז עס איז ניט געווען קיין חוצפּה פון זיין זייט. אָבער ווער איז פאָרט שולדיג אין

דעם? — האָט זי ווייטער א טראַכט געטאָן. — אַנדרעי איוואַ־ניטש, בלויז ער, ווייל ער איז דאַמאָלט באַשטאַנען, אַז זי זאָל זינגען.״

אָבער אָבלאָמאָוו האָט זי אין אָנפאַנג אַפילו ניט געוואָלט הערען; איר האָט דאָס געערגערט, און זי האָט זיך... באמית... זי איז שטאַרק רויט געוואָרען... — יאָ, מיט אַלע כוחות זיך געמיט...

שטאָלץ האָט וועגען אים געזאָגט, אַז ער איז אַפּאַטיש, אַז קיין שום זאַך פאַרנעמט אים ניט, אַז אַלץ אין אים איז אָפּ־געשטאָרבען... האָט זי געוואָלט טאַקע זען, צי אַלץ איז באמת אין אים אָפּגעשטאָרבען, און זי האָט געזונגען, געזונגען, ווי קיינמאָל בעפאָר געזונגען...

„גאָט מיינער! די שולדיגע בין איך דאָך! און איך וועל זיך טאַקע געהן אַנטשולדיגען פאַר אים!... אָבער פאַר וואָס אַנטשולדיגען? — האָט זי זיך אין א ווײלע אַרום געפרעגט.— אפשר זאָל איך געהן און אים זאָגען: מאָסיע אָבלאָמאָוו, עס איז מיין שולד, דאָס האָב איך אייך פּראַאינטריגירט.. גאָט מיינער! סאַר א שאַנד! דאָס איז ניט אמת! — איז זי אויפגעשפּרונגען און א קלאַפּ געטאָן מיט׳ן פוס. — ווער וואַגט אַזוי צו זאָגען! האָב איך דען געוואוסט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען? און אויב דאָס וואָלט ניט געווען, ווען דאָס וואָלט זיך ניט אַרויסגעריסען פון מיין מויל... וואָס וואָלט דאַמאָלט געווען? — האָט זי זיך געפרעגט. — איך ווייס ניט...״ — האָט זי א טראַכט געטאָן.

פון דאַמאָלט אָן איז איר אַזוי זאָנדערבאַר אויף דער נשמה... מסתמא ערגערט עס זי זער... זי קריגט אַפילו פון צייט צו צייט פיבער... עס רויטלען זיך אויף אירע באַקען צוויי ראָזע פלעקען...

— אויפרעגונג... עטוואָס פיבער, — זאָגט אויף דעם דער דאָקטאָר.

„וואָס אָבלאָמאָוו האָט איר אָנגעטאָן! יאָ, אים דאַרף מען אָנלערנען אַזוי, אַז דאָס זאָל נאָך אַמאָל ניט פּאַסירען!

אַבלאַמאָוו

איך וועל בעטען דער טאַנטע, אז זי זאָל אים מער ניט איינלאַדען: זאָל עס פאר אים זיין א לערע אויף א צווייט מאָל... גאָט מיינער! ווי אזוי האָט ער עס געוואגט!" — האָט זי געטראכט געהענדיג אין פּאַרק; אירע אויגען האָבען געפלאַמט...

און מיטאמאָל הערט זי, אז עמעץ געהט.

„עמעץ געהט..." האָט א טראכט געטאָן אַבלאַמאָוו.

זיי האָבען זיך אָנגעשלאָגען איינער אָן דעם צווייטען.

— אָלגא סערגיעוונא! — האָט אַבלאַמאָוו ארויסגערעדט ציטערנדיג אינגאנצען ווי א בלאט.

— איליא איליטש! — האָט זי פּלאָטערנדיג ארויסגערעדט, און ביידע האָבען זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס מאכט איר? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס מאַכט איר? — האָט זי געפרעגט.

— וואו געהט איר? — האָט ער געפרעגט.

— אזוי זיך... — האָט זי געענטפערט, ניט אויפהויבענדיג די אויגען פון דער ערד.

— איך שטער אייך? — האָט אַבלאַמאָוו געפרעגט אָלגאַ סערגעיעוונא'ן.

— ניין, אין קיין פאל ניט... — האָט זי געענטפערט און געווארפען אויף אים א גיכען און נייגעריגען בליק.

— קאָן איך אייך באַגלייטען? — האָט ער זי מיטאמאָל א פרעג געטאָן און אנגעשטעלט אויף איר א פאָרשענדען בליק.

שווייגענדיג זיינען זיי ביידע געגאנגען איבער דעם שמאָלען שטעגעל. ניט פאר דעם לערער'ס ווירע, ניט פאר דעם דירעקטאָר'ס ברעמען, קיין איינציג מאָל אין לעבען האָט אַבלאַמאָוו'ס הארץ ניט געקלאפּט אזוי ווי איצט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, מיט אלע כוחות געוואָלט, אָבער די ווערטער זיינען ניט ארויס פון מויל, און אזוי אומגלויבליך שטאַרק האָט דאָס הארץ געשלאָגען, ווי פאר אן אומגליק.

— האָט איר באקומען א בריף פון אַנדרעי איוואַניטש'ן? — האָט זי געפרעגט אַבלאַמאָוו'ן.

א. א. גאַנטשאַראָוו

— באַקומען א בריוו, — האָט ער געענטפערט.

— וואָס שרייבט ער אייך?

— רופט מיך קיין פּאַריז.

— און וואָס וועט איר טאָן?

— איך פאָר.

— ווען?

— גלייך . . . ניין . . . איך מיין מאָרגען . . . ווען איך וועל נאָר פאַרטיג ווערען. . .

— פאַרוואָס אַזוי געשווינד? — האָט אים געפרעגט אָלגא סערגעיעוונא.

ער האָט געשוויגען.

— איך געפעלט ניט דער פּלאַץ, אָדער . . . זאָגט פאַר וואָס ווילט איר אַוועקפאָרען?

„אַ חוצפּה'ניק! ער וויל נאָך אַוועקפאָרען!", האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

— מיר איז עפּעס אַזוי שווער, אַזוי אומהיימליך, איך ווייס ניט וואו זיך אַהינצוטאָן, — האָט אַרויסגעפּליסטערט אָבלאָמאָוו, ניט קוקענדיג אוי איר.

זי האָט געשוויגען; האָט אַרונטערגעריסען א צווייגעל בעז און עס געשמעקט, פאַרשטעלענדיג זיך דערמיט דאָס פּנים.

— גיט א שמעק, זעט וואָס פאַר א פיינעם דופט עס האָט! — האָט זי געזאָגט און אויך אים פאַרשטעלט די נאָז מיט דעם צווייגעל בעז.

— און אָט זיינען לאַנדישען! וואַרט א ווייל, איך וועל אָפּרייסען א פּאָר, — האָט ער געזאָגט, איינבייגענדיג זיך צום גראָז, — לאַנדישען דופטען בעסער, עס שמעקט פון זיי מיט וואַלד און פעלד. און בעז וואַקסט בלויז אַרום הייזער, די צווייגען קריכען אַזש אין פענסטער אַריין, דער ריח פון בעז איז דערווידער. זעט, די לאַנדישען זיינען נאָך פייכט פון טוי.

און אָבלאָמאָוו האָט איר אונטערגעטראָגען עטליכע לאַנדישען.

אַבלאַמאָוו

— און רעזועדען האָט איר ליב? — האָט אָלגאַ סערגע־יעוונאַ געפרעגט אַבלאָמאָוו׳ן.

— ניין, א צו שטאַרקער ריח; איך האָב ניט ליב ניט קיין רעזעדען און ניט קיין רויזען. איך האָב בכלל ניט ליב קיין בלו־מען; אין פעלד איז נאָך ווי ניט איז, אָבער אין הויז איז אזוי־פיל ארבייט ארום זיי, עס קלייבט זיך אָן שמוץ. . .

— און איר האָט ליב, אַז אין הויז זאָל זיין ריין? — האָט זי אים געפרעגט און פיקסיג א קוק געטאָן אויף אים. — איר קאָנט ניט פארטראָגען קיין שמוץ?

— געוויס, אָבער דער מענש מיינער. . . — האָט ער גע־נומען מורמלען אונטער דער נאָז. — „אָ, דו שטיק שלעכטס!" האָט ער צוגעלייגט, אַז זי זאָל ניט הערען.

— פאָרט איר דירעקט קיין פּאַריז? — האָט אים גע־פרעגט אָלגאַ סערגעיעוונאַ.

— יאַ, שטאָלץ וואַרט דאָך אויף מיר, — האָט אַבלאָמאָוו איר געענטפערט.

— איך וועל אויפשרייבען א בריף, וועט איר אים איבער־געבען שטאָלץ׳ן, — האָט זי געזאָגט.

— זעט אים אויפשרייבען היינט, ווייל מאָרגען קלייב איך זיך איבער אין שטאָדט אריין.

— שוין מאָרגען? — האָט זי געפרעגט. — וואָס איילט איר זיך אזוי? עס מאכט דעם איינדרוק, ווי עמעץ וואָלט אייך געטריבען.

— יאָ, עמיץ טרייבט. . .

— ווער דאָס?

— די חרפּה טרייבט מיך. . . — האָט אַבלאָמאָוו קוים הערבאַר ארויסגעפּליסטערט.

— די חרפּה! — האָט זי מעכאַניש נאָכגעזאָגט. — „איצט וועל איך אים טאַקע זאָגען: מאָסיע אַבלאָמאָוו, איך האָב אין קיין פאַל ניט ערוואַרט, אַז איר. . ."

א. א. גאָנטשאַראָוו

— יאָ, אָלגא סערגעיעווגא, — האָט ענדליך אָבלאָמאָוו באַזיגט זיין אומגעוואַגטקייט, — איך בין זיכער, אַז איר זייט פאַרוואונדערט, אַז איר זייט בייז...

„איצט איז די צייט, דער ריכטיגער מאָמענט... — און איר האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט. — אָבער ניין, ניין, איך קאָן ניט... גאָט מיינער!..."

און ער האָט זיך באַמיט איר א קוק צו טאָן אין פּנים אַריין, זען, וואָס מיט איר איז. אָבער זי האָט געהאַלטען אין איין שמעקען די לאַנדישען און דעם בעז און אַליין ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טאָן, וואָס אים צו זאָגען.

„אַך, סאָניא וואָלט גלייך אויפ'ן אָרט עפּעס אויסגעטראַכט, איר וואָלט גלייך עפּעס איינגעפאַלען, און איך בין אַזאַ נאַר... מיר פאַלט גאָרנישט ניט איין... אָ, ווי דאָס איז פּיינליך!" האָט געטראַכט אָלגא.

— איך האָב אין גאַנצען פאַרגעסען... — האָט זי זיך אָפּגערופען.

— גלויבט מיר, עס איז געשען אומגערען, ניט ווילענדיג... איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען... — האָט ער אָנגע־הויבען צו ריידען, באַקומענדיג אַלץ מער מוט. — ווען עס וואָלט דאַמאָלט אָנגעהויבען צו דונערן, ווען אַ שטיין וואָלט מיר גע־פאַלען אין קאָפּ אַריין, וואָלט איך אייך אַלץ איינעם עס גע־זאָגט... מיט קיין שום כוחות האָט מען די ווערטער ניט גע־קאָנט איינהאַלטען אין מויל... ווי גאָט איז אייך ליב, מיינט ניט, אַז איך האָב געוואָלט... אין אַ רגע אַרום וואָלט איך אוועקגעגעבען אַלץ, וואָס וואָלט געווען אין מיין מאַכט צו קאָ־נען צוריקציען דאָס ניט איבערגעטראַכטע וואָרט...

שמעקענדיג די בלומען מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, איז זי אַלץ ווייטער געגאַנגען.

— איך בעט אייך פאַרגעסט דאָס אַלץ, כאָטש שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס איז ניט אמת, — האָט ווייטער גערעדט איליא איליטש.

— ניט אמת? — האָט זי מיט אַמאָל ווידערהאָלט זיינע

אבלאמאון

ווערטער און זיך אויסגעגלייכט. די בלומען זיינען איר ארויס־
געפאלען פון די הענט.

אירע אויגען זיינען מיט אמאל גרויס געווארען און פאר־
וואונדערט אים אנגעקוקט.

— וואס מיינט איר, ניט אמת? — האט אלגא סערגע־
יעוונא נאכאמאל איבערגעזאגט די ווערטער.

— יא, ווי גאט איז אייך ליב, כעס'ט זיך ניט און פאר־
געסט עס. איך פארזיכער אייך, אז עס איז געווען ניט מער, ווי
א מאמענטאלער אויפברויז. . . עס איז געווען א דאנק דער
מוזיק.

— בלויז א דאנק דער מוזיק נאר? — האט געפרעגט אלגא
סערגעיעוונא.

— איר פנים האט זיך אין גאנצען פארענדערט: די צוויי
ראזע פלעקלאך זיינען פארשוואונדען און די אויגען האבען פאר־
לארען זייער גלאנץ.

„איצט איז גארנישט ניט, גארנישט! ער האט צוריקגעצוי־
גען זיינע ניט איבערגעטראכטע ווערטער און מען קאן שוין אויף
אים מער ניט בייז זיין! . . . דאס איז גוט . . . איצט בין איך
רואיג . . . איצט קאן מען שוין אויף דאס ניי שמועסען, וויצלען
זיך . . .״ האט זי געטראכט און געהענדיג א ריס געטאן א
צווייגעל פון א בוים, האט מיט די ציין אפגעביסען איין בלע־
טעל דערפון און אוועקגעווארפען דאס צווייגעל, און גלייך נאכ־
דעם אויך דאס בלעטעל.

— איר זייט ניט מער בייז אויף מיר? איר האט עס שוין
פארגעסען? — האט געדעדט אבלאמאוו, איינבויגענדיג זיך
צו איר.

— וואס זאל דאס אלץ באדייטען? וועגען וואס בעט איר
מיך? — האט זי אן אויפגערעגטע, כמעט מיט ערגערניש גע־
ענטפערט, אוועקדרעהענדיג זיך פון אים — איך האב אלץ פאר־
געסען. . . איך האב זער א שוואכען זכרון. . .

ער איז אנטשוויגען געווארען און ניט געוואוסט וואס צו

א. א. גאָנטשאַראָוו

טאָן ער האָט געזען, אַז זי איז פּלוצים אין כעס געוואָרען, אָבער ער האָט ניט באַגריפען די אורזאַך דערפון

„גאָט מיינער! — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — אָט איז שוין אַלץ צוריק אין אָרדנונג, און אַ דאַנק גאָט דערפאַר! און דאָך . . . אוי, גאָט מיינער! וואָס זאָל דאָס באַדייטען? אַך, סאָניא, סאָניא! ווי גליקליך ביסטו!"

— איך געה אַהיים! — האָט מיטאַמאָל ארויסגערעדט אָל־גא, פאַרדרעהענדיג זיך אין אַ צווייטער אַליי.

— אָט דער וועג איז פיל נעענטער, — האָט איר באַמערקט אָבלאָמאָוו. „אידיאָט, — האָט ער פאַראַומערט צו זיך אַ זאָג געטאָן, — געדאַרפט איר אַלץ ערקלערען! איצט האָב איך זי נאָך מער באַליידיגט! איך האָב אין גאַנצען ניט געדאַרפט וועגען דעם דערמאָנען: עס וואָלט פאַראיבער, פון זיך אַליין פאַר־געסען געוואָרען. איצט בלייבט ניט איבער קיין אַנדער אויס־וועג ווי אויסבעטען ביי איר אַן ענטשולדיגונג."

„איך ערגער זיך אַפּנים דערפאַר, — האָט זי געטראַכט, — וואָס איך האָב ניט באַוויזען צו זאָגען אים: מאָסיע אָבלאָמאָוו, איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איר וועט זיך ערלויבען . . . אָבער ער האָט פאַרכאַפּט דעם וועג . . . „ניט אמת", זאָגט ער . . . ווי געפעלט עס אייך! ער האָט נאָך געוואַגט דאַמאָלט צו לייַ־גען! ווי אַזוי האָט ער עס געוואַגט?"

— הייסט עס, אַז איר האָט עס פאַרגעסען? — האָט אָבלאָ־מאָוו געפרעגט שטיל אָלגאַ'ן.

— פאַרגעסען, איך האָב אַלץ פאַרגעסען! — האָט זי אים אויף גיך געענטפערט, אייַלענדיג זיך אַהיים

— גיט מיר אייער האַנט אַלס סימן, אַז איר זייט מער ניט בייז אויף מיר, — האָט ער געזאָגט.

ניט קוקענדיג אויף אים, האָט זי אים דערלאַנגט די שפּי־צען פון אירע פינגער, און, קוים האָט ער זיך צוגערירט צו זיי, האָט זי גלייך צוריקגעכאַפּט איר האַנט

— ניין, איר האָט מיר ניט מוחל געווען, איר זייט נאָך אַלץ בייז אויף מיר! — האָט ער, זיפצענדיג, אַרויסגערעדט. — זאָגט

מיר אליין, ווי אזוי קאָן איך אייך איבערצייגען, אז דאָס איז ניט מער געווען, ווי אן אויסברוך, אז איך וואָלט מיר קיינמאָל ניט ערלויבט צו פארגעסען זיך אפילו אויף א רגע? . . . איך פארזיכער אייך, איך וועל שוין קיינמאָל ניט הערען אייער זינגען. . .

— ניט נויטיג אייערע פּאַרזיכערונגען! ניט נויטיג! — האָט אָלגא סערגעיעוונא אויף גיך ארויסגערעדט, — איך אליין וועל שוין ניט זינגען מער!

— איך פאָלג אייך, און וועל מער ניט רעדען, — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט, — אבער, ווי גאָט איז אייך ליב, געהט ניט אוועק אזוי פון מיר. . . אן אייביגער שטיין וועט בלייבען אויף מיין געוויסען. . .

זי האָט אייגגעהאלטען אביסעל אירע טריט, און אָנגעשטרענגטערהייט זיך גענומען איינהערען צו זיינע רייד.

— אויב עס איז אמת, אז איר וואָלט זיך צוואויינט, ווען עס וואָלט זיך ניט ארויסגעריסען קיין „אך" פון מיין הארצען, ווען איר האָט געזונגען, וועל איך אצינד, אויב איר זאָלט אוועקגעהן אזוי, אָן א שמייכעל, ניט שענקענדיג מיר קיין וואָרעמען האנט־דרוק . . . אָ! דערבארעמט זיך אויף מיר, אָלגא סערגעיעוונאַ! איך וועל קראַנק ווערען! מיר ציטערען אצינד אזוי די קני, אז איך האלט זיך קוים אויף די פיס. . .

— פארוואָס? — האָט מיטאמאָל אים געפרעגט אָלגא סערגעיעוונא, א קוק טוענדיג אויף אים.

— איך ווייס אליין ניט, — האָט ער זיך אָפּגערופען — איך פיל שוין איצט קיין חרפה ניט, איך שעם זיך שוין ניט מער פאר מיין וואָרט . . . מיר דאכט זיך, אז אין אים . . .

עפּעס האָט אים ווידער אמאָל א צי געטאָן פאר'ן הארצען. ווידער האָט איר צערטליכער און נייגעריגער בליק אים גענומען ברענען. זי האָט זיך גראציעז אומגעדרעהט צו אים און אן אומרואיגע געווארט אויף זיין ענטפער.

— וואס אין אים? — האָט מיט אומגעדולד אים געפרעגט אָלגא סערגעיעוונא.

— ניין, איך וועל ניט זאָגען, איך האָב מורא, אז איר זאָלט ניט ווידעראמאָל אויף מיר בייז ווערען, — האָט ארויסגערעדט איליא איליטש.

— זאָגט! — האָט מיט א באפעלענדער שטימע זיך אָפּגערופען אָלגא.

ער האָט געשוויגען.

— נו?

— מיר ווילט זיך ווידעראמאָל וויינען, ווען איך קוק אויף אייך . . . זעט, איך בין אין גאנצען אָן זעלבסטליבע, איך שעם זיך ניט פאר די געפילען פון מיין הארץ. . .

— פארוואָס עפּעס וויינען? — האָט זי געפרעגט און אויף אירע באַקען האָבען זיך אויף ס'ניי באוויזען צוויי רויטע פלעקען.

— מיר קלינגט אלץ אין די אויערען אייער שטימע. . . איך פיל שוין ווידער. . .

— וואָס? — האָט זי געפרעגט שוין מיט א לייכטער הארץ. אָנגעשטרענגט האָט זי געוואַרט אויף זיין ענטפער.

זיי זיינען צוגעקומען צום גאנעק פון הויז.

— איך פיל . . . — האָט זיך געאיילט צו דערענדיגען אָבלאָמאָוו און אָפּגעשטעלט זיך.

און פאמעליך האָט זי גענומען ארויפגעהן אויף די טרעפּ, ווי עס וואָלט איר אָנגעקומען שווער.

— די זעלבע מוזיק . . . דיזעלבע אויפרעגונג . . . דאָסזעלבע . . . געפיל . . . זייט מוחל . . . זייט מוחל . . . גאָט איז מיין עדות, איך קאָן זיך ניט קיין עצה געבען . . .

— הער אָבלאָמאָוו . . . — האָט זי אָנגעהויבען שטרענג, אָבער גלייך האָט איר פּנים באלויכטען א שמייכעל, — איך בין ניט בייז, איך בין אייך אלץ מוחל. אָבער ווייטער, — האָט זי פריינדליך צוגעלייגט . . .

און זי האָט אים ווידער אויסגעשטרעקט איר האנט; ער האָט

אַבלאָמאָוו

אַ כאַפּ געטאָן די האַנט און איר אַ קוש געטאָן. זי האָט שטיל צוגעדריקט זײַנע ליפּען און אױגענבליקליך פאַרשװאונדען הינ־טער דער גלעזערנער טיר. װי פאַרגליװערט איז ער געבליבען שטעהן.

7

לאנג האָט ער איר נאָכגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און אן אָפען מויל, לאנג האָט ער געפירט זיין בליק איבער די בושען.

עס זיינען פארבייגעגאנגען פרעמדע, עס איז פארבייגעפלויגען א פויגעל. א פארבייגעהענדע פויערטע האָט אים געפרעגט, צי ער וויל קויפען יאגדעס, — די פארגליווערונג האָט אָנגעהאלטען.

און שטיל האָט ער זיך ווידער געלאָזען געהן מיט דער זעלבער אליי און שטיל דורכגעגאנגען א העלפט פון איר, ער האָט אָנגעטראָפען אויף די לאנדישען, וואָס אָלגא האָט אָנגעוואָרען, אויף דעם צווייגעל בעז, וואָס זי האָט אָפגעריסען און פאר כעס אוועקגעוואָרפען.

„פאר וואָס האָט זי דאָס. . . ״ האָט ער גענומען טראַכטען, דערמאָנען זיך. . .

„אידיאָט, אידיאָט! — האָט ער מיטאמאָל ארויסגערעדט הויך אויפ׳ן קול, אויפהויבענדיג די לאנדישען און לאָזענדיג זיך כמעט לויפען איבער דער אליי. — איך בין געקומען בעטען ענטשולדיגונג, און זי . . איז דען דאָס מעגליך? . . . וואָס פאר אן איינפאל!״

א פרעהליכער, א שטראלענדיגער איז ער געקומען א היים, געזעצט זיך ביים ראנד פון דער סאָפע און שנעל אויפגעצייכענט אויפ׳ן שטויב פון טיש מיט גרויסע בוכשטאבען: „אָלגא״.

„אוי, וויפיל שטויב!״ האָט ער באַמערקט, ווען ער האָט ערוואכט פון זיין באגייסטערונג. — זאכאר! זאַכאר! — האָט ער לאנג געשריען, ווייל זאכאר איז גראד געזעסען מיט קוטשערם ביים טויער.

— גיכער! האָט מיט כעס א זאָג געטאָן צו אים אָני־

אַבלאָמאָוו

סיא, ציענדיג אים פאר'ן ארבעל. — שוין אַ לאַנגע צייט ווי דער שרהה רופט דיך.

— זע, זאכאר, וואָס זאָל דאָס באדייטען? — האָט געזאָגט איליא איליטש אָבער מיט אַ וויכער, גוטער שטימע: ער איז איצט ניט געווען אין שטאַנד צו כעס'ן זיך. — דו ווילסט אויך דאָ איינפירען די זעלבע אָרדנונג, וואָס דאָרט: שטויב, שפּינ־וועבס? דו וועסט עס מיר מוזען אנטשולדיגען, אָבער איך וועל עס ניט ערלויבען! אָלגאַ סערגעיעווגא האָלט מיר אַזוי אויך אין איין פאָרוואַרפען: „איר האָט ליב, זאָגט זי, שמוץ".

— זיי איז עס לייכט צו זאָגען; זיי האָבען פינף מענ־שען, — האָט באמערקט זאכאר, און זיך געלאָזען צו דער טיר.

— וואוהין געהסטו דאָס? נעם און שטויב עס גלייך אָפּ: מען קאָן זיך דאָך דאָ ניט אָנשפּאַרען, ניט צוזעצען... דאָס איז דאָך עקעלהאַפט... דאָס איז דאָך אמת'ער אבלאָמאָוויזם!

זאכאר האָט זיך אָנגעבלאָזען און פון דער זייט אַ קוק גע־טאָן אויף אָבלאָמאָוו'ן.

„אָט האָסטו דיר! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — שוין ווידער אַ ניי ווערטעל אויסגעטראַכט! אָבער אַ באַקאַנטס!"

— קער אָפּ! וואָס שטעהסטו? — האָט צו אים אַ זאָג געטאָן אָבלאָמאָוו.

— אויסקערען? איך האָב שוין היינט אויסגעקערט!

— האָט געענטפערט זאכאר איינגעשפּאַרטערהייט.

— און פון וואנען איז דאָ שטויב, אויב דו האָסט אויסגע־קערט? גיב אַ קוק אָט אָ דאָ! דאָס זאָל מער ניט זיין! גלייך זאָל אויסגעקערט ווערען!

— איך האָב היינט געקערט, — האָט ווידערהאָלט זאכאר, — איך וועל דאָך ניט געהן צען מאָל אַ טאָג קערען! און דער שטויב קלייבט זיך דאָ אָן פון דער גאַס... דאָ איז דאָך אַ זו־מער־וואוינונג, אַ פעלד, איז פאראן אַ סך שטויב.

— עס איז ניט גוט וואָס דו, זאכאר טראָפימיטש, — האָט אָנגעהויבען אניסיא, ארויסשטעקענדיג דעם קאָפּ פון צווייטען

צימער, — קערסט צום ערשטען אוים דעם דיל און ערשט שפע־טער שטויבסטו אפ דאס מעבעל: זעצט זיך ווידער דער שטויב אויפ'ן דיל. . . דו האסט גדארפט פריער. . .

— ביסטו געקומען מיך לערנען? — האט מיט צארן א געשריי געטאן זאכאר. — געה צוריק אויף דיין פלאץ!

— אבער וואו איז דאס געהערט געווארען, אז מען זאל צום ערשטען אויסקערען דעם דיל און דערנאך ערשט אראפ־נעמען פון טיש?.. טאקע דערפאר איז דער פריץ אין כעס...

— עך! — האט ער א געשריי געטאן און פארמאסטען זיך אויף איר מיט דער פויסט.

זי האט א שמייכעל געטאן און באהאלטען זיך. אבלא־מאוו האט צו אים א מאך געטאן מיט דער האנט, אז ער זאל זיך אפטראגען. ער האט צוגעשפארט דעם קאפ אויף דעם קישען, די הענט צוגעלייגט צום הארצען און גענומען זיך איינ־הערען, ווי עס קלאפט.

„דאס איז שעדליך, — האט ער א טראכט געטאן ביי זיך. — וואס זאל איך טאן? בעראטען זיך מיט א דאקטאר? — וועט ער מיך זיכער אוועקשיקען קיין אבעסיניען!"

איידער זאכאר און אניסיא האבען חתונה געהאט, האט זיך יעדער געהאט זיין טייל ארבייט און ניט געמישט זיך צום צוויי־טען, דאס הייסט, אניסיא האט געהאט צו באזארגען דעם מארק און די קיך און בלויז איין מאל א יאר האט זי צוגעהאלפען אויפ־ראמען די צימערען, דאמאלט, ווען מען האט געוואשען די דילען.

אבער נאך דער חתונה האט זי געקראגען א פרייערען צו־טריט צו דעם שררה'ס צימערען. זי האט צוגעהאלפען איר מאן. אין הויז איז געווארען א ביסעל ריינער; זי האט בכלל איבערגענומען אויף זיך אייניגע פליכטען, וואס זיינען ביז אהער געלעגען אויף זאכאר'ן, טיילוויז האט זי זיי גענומען פרייווי־ליג, און טיילוויז דערפאר, וואס זאכאר האט זיי דעספאטיש ארויפגעצוואונגען אויף איר.

— נעם און קלאפ אוים דעם טעפיך! — האט ער איר מיט א הייזעריגער שטימע באפוילען, אדער: — זע, קלייב אוי־

אבלאמאוו

בער די זאכען, וואס ליגען דא אין ווינקעל און די אומנויטיגע
ווארף ארוים אין קיך, — פלעגט ער אין זאגען.

און ער איז געווען גליקזעליג א גאנצען מאנאט: דאס
הויז איז געווען ריין, דער שררה האט ניט אונטערגעברומט,
ניט ארויסגעבראכט פון מויל קיין „נידערטרעכטיגע ווערטער",
און ער, זאכאר, האט די האנט אין קאלט וואסער ניט אריינגע־
טאן. אבער די דאזיגע גליקזעליגקייט האט לאנג ניט אנגע־
האלטען, און אט פארוואס:

ווי נאר ער האט גענומען צוזאמען מיט אניסיען באלעבא־
טעווען אין הויז, האט זיך ארויסגעוויזען, אז צו אלץ וואס ער
נעמט זיך, טויג ער ניט. ער קאן זיך פשוט קיין ריכטיגען ריר
ניט טאן. פינף און פופציג יאר איז ער ארומגעגאנגען אויף
גאט'ס וועלט מיט דער זיכערהייט, אז אלץ וואס ער טוט קאן
בעסער ניט געטאן ווערען.

און מיט אמאל באוויזט אים אניסיא אין א צייט פון צוויי
וואכען, אז ער טויג צו גארנישט ניט, און דערצו טוט זי עס
מיט אזא באליידיגענדער העפליכקייט, אזוי שטיל, ווי ווען מען
האט צו טאן מיט קינדער, אדער מיט פאלקאמענע אידיאטען,
און זי שמייכעלט צו, ווען זי קוקט אויף אים.

— שוויג, דו בהמה! — פלעגט ער זאגען, — שוין צוואנ־
ציג יאר פיר איך זיך אזוי און וועל פון דיינעטוועגען ניט אנ־
הויבען זיך פירען אנדערש.

אויף דער פאליצע פון דער שראנק זיינען ביי אים צוזא־
מען געלעגען טיי, צוקער, ציטראנען, דאס זילבערווארג, זייף,
די בארשטען און דער שו־וואקס.

איינמאל האט ער באמערקט, אז דער זייף געפינט זיך
אויף דעם וואשטישעל, די בארשטען און די שו־וואקס אין דער
קיך אויפ'ן פענסטער, דער טיי און דער צוקער אין א באזונדער
קעסטעל אין קאמאד.

— דאס האסטו אזוי אנגעהויבען באלעבאטעווען ביי מיר?
— האט ער מיט כעס א פרעג געטאן. — איך האב צופליסענס

עס אַוועקגעלייגט אויף איין פּלאַץ, אַז עס זאָל זיין שטענדיג אונטער דער האַנט, געהסטו און צוואַווארפסט עס?

— עס זאָל ניט שמעקען קיין זייף פון טיי, — באַמערקט זאַנפט אַניסיא.

און אַנדערש מאָל האָט זי אים געוויזען אָבלאָמאָוו׳ס אַ מאַנטעל, וואָס איז געוועזען אין איינינע פּלעצער דורכגעלעכערט פון מאָיל און דערביי אים געזאָגט, אַז קליידער מוזען אם ווייניגסטענס איינמאָל אַ וואָך אויסגעלופטערט און געריינינט ווערען.

— גיב, וועל איך זיי אויסרייניגען מיט׳ן בעזעמעל, — האָט זי צערטליך געזאָגט.

ער האָט ארויסגעכאַפּט דאָס בעזעמעל און דעם פראַק, וואָס זי האָט גענומען און זיי צוריקגעלייגט אויף זייער פריערינען פּלאַץ.

און ווען ער האָט גענומען אַמאָל, ווי זיין געוועהנהייט איז געוועזען, פאַרצוואַרפען אָבלאָמאָוו׳ן, אַז ער זידעלט אים אומזיסט איבער די פּרייסענס, וואָרים „ניט ער האָט זיי באַשאַפען", האָט אַניסיא, ניט ארויסרעדענדיג קיין וואָרט, ארונטערגעשאַרט פון די פּאָליצעס שטיקלעך פאַרטריקענט ברויט, וואָס איז דאָרט געלעגען, איין גאָט ווייס פון ווען און האָט אויך אויסגעקערט און אויסגעוואַשען די שרענק און דאָס געפעס און די פּרייסענס זיינען כמעט ווי פאַרשוואונדען.

זאַכאַר האָט אַלץ ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עס געלינגט איר, און ער האָט עס צוגעשריבען צו איר פליים. אָבער איינמאָל, ווען ער האָט געטראָגען אַ טאַץ מיט טעלער און גלעזער און, צוברעכענדיג צוויי גלעזער, האָט ער זיך גענומען, ווי זיין געוועהנהייט איז געוועזען, צו זידלען און געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויפ׳ן דיל די גאַנצע טאַץ, האָט זי ארויסגענומען די טאַץ פון זיינע הענט. זי האָט אַוועקגעשטעלט נייע צוויי גלעזער, דערצו נאָך אַ צוקער פושקע, ארויפגעלייגט נאָך ברויט; זי האָט עס אַלץ אַזוי צושטעלט, אַז די גלעזער האָבען זיך ניט געשאָקעלט, דערנאָך האָט זי אים געוויזען ווי מען דאַרף נעמען די טאַץ מיט

אבלאמאוו

איין האנט און מיט דער צווייטער בלויז פעסט אונטערהאלטען. זי איז אזוי צוויי מאל דורכגעגאנגען דאס צימער הין און צו־ריק און דערביי געדרעהט די טאץ רעכטס און לינקס. און ניט נאר איז קיין זאך ניט ארונטערגעפאלען, נאר עס האט זיך אפילו ניט קיין שאקעל געטאן. זאכאר׳ן איז דאמאלט מיטאמאל קלאר געווארען, אז אניסיא איז פיל פארשטענדליכער פון אים.

ער האט ארויסגעריסען די טאץ פון איר האנד, דאס גע־שיר האט גענומען ביי אים פאלען און פון דאמאלט אן האט ער איר עס ניט געקאנט מוחל זיין.

— זעסטו שוין ווי מען דארף טאן? — האט זי שטיל צו־געלייגט.

ער האט א קוק געטאן אויף איר מיט טעמפער גדלות, אבער זי שמייכעלט.

— וואס? אויספיינען קלייבסטו זיך דא?

— ניין, איך וויל בלויז, אז אלץ זאל זיין אין ארדנונג, — האט זי אנגעהויבען.

— שטום איין! — האט זאכאר הייזעריג ארויסגעברומט, דראענדיג איר מיט׳ן עלענבויגען. — טראג זיך ארויס פון די פריצישע צימערען! אין דער קיך אריין! וויים דיין ארט!

זי האט א שמייכעל געטאן און ארויסגעגאנגען, און א טרוי־עריגער האט ער איר פון א זייט נאכגעקוקט.

זיין שמאלץ האט דערפון געליטען און ער איז זיך זער שלעכט באגאנגען מיט איר. אבער דאך, ווען איליא איליטש האט אמאל געבעטען א געוויסע זאך און מען האט זי ניט גע־קאנט געפינען, אדער זי איז צובראכען געווארען, און ווען אין הויז איז געווען אן אומארדנונג און אויף זאכאר׳ס קאפ האבען זיך אנגעהויבען קלייבען דונערס, באגלייט פון די „לומפיגע ווערטער”, פלעגט זאכאר א ווונק טאן אניסיען מיט׳ן קאפ, און אנווייזענדיג איר מיט׳ן פינגער אויף אבלאמאוו׳ס צימער, מיט א באפעלענדער שטימע ארויסרעדען:

— געה דו אריין צום פריץ און זע וואס ער וויל האבען. אניסיא פלעגט אריינגעהן און דער שטורעם איז פארביי.

און זאכאר אליין, ווי נאָר ער האָט באמערקט, אז אין אָבלאָ־מאָוו׳ס רייד הויבען זיך אָן ארייגצו׳גנב׳ענען די „לומפיגע ווער־טער״, האָט ער אים פאָרגעשלאָגען אריינצורופען אניסיען.

ווען זאַכאר געהט אויף אַ רגע ארויס פון הויז, שטויבט אניסיא גלייך אראָפּ דעם שטויב פון דעם טיש, פון דער סאָ־פע, עפענט אַ לופטשיק, מאכט אין אָרדנונג די ראָלעטען, שטעלט אויף זייער פּלאַץ די שיך, וואס וואַלגערען זיך ארום אין מיטען צימער, ברענגט אין אָרדנונג דעם טיש, שלאָגט אויף דאָס צו־קנייטשטע בעטגעוואַנד; דאָס אלץ ווערט געטאָן איינס־צוויי. מיט א גיכען בליק לויפט זי דורך דאָס גאנצע צימער, דאָ רוקט זי ארויס אַ שטול, דאָ רוקט זי אריין אַ שיפלאַד, וואס איז גע־ווען האלב אָפען, שלעפט ארונטער פון טיש אַ סערוועטעל און שלייכט זיך אריין אין דער קיך, ווי נאָר זי דערהערט דאָס סקריי־פען פון זאכאר׳ס שטיוועל.

דאָס איז געווען אַ לעבעדיגע, שנעלע פרוי פון אַ יאָר זיבען און פערציג. אירע אויגען האָבען געהאַלטען אין איין ארומלויפען אין אלע זייטען. זי איז געווען געזונט און שטארק געבויט און אירע הענט האָבען קיין רגע ניט גערוט.

קיין פּנים, דאכט זיך, האָט זי אין גאנצען ניט געהאַט, אלץ, וואָס מען האָט באמערקט איז געווען אַ נאָז. כאָטש די נאָז איז ניט געווען זער קיין גרויסע, איז זי אָבער אזוי ווי אָפּגע־שטאַנען פון פּנים, אָדער ווי זי וואָלט געווען זער אומגעשיקט צו־געקלעפּט. דערצו האָט זיך די אונטערשטע טייל פון דער נאָז אויפגעהויבען אין דער הויך, אזוי ווי זי וואָלט ארויסגעשפּראָצט פון פּנים, און אין דער צייט, ווען דו האָסט שוין געהאַט אַ גאַנץ קלאָרע פארשטעלונג וועגען איר נאָז, האָסטו איר פּנים אזוי ווי נאָך ניט געהאַט באמערקט.

פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך אזוינע מענער ווי זאכאר. עס טרעפט אָפט, אז אַ דיפּלאָמאט הערט זיך איין צו אן עצה פון זיין פרוי מיט גרינגשעצונג און ציענדיג מיט די פּלייצעס — און אין דער שטיל שרייבט ער נאָך אירע ווערטער.

און עס טרעפט, אז אן אדמיניסטראַטאָר הערט זיך צו

אַבלאָמאָוו

מיט א רחמנות׳דיגען אויסדרוק אויפ׳ן פּנים און צופּייפּענדיג צו די פּלוידערייען פון זיין פרוי וועגען א וויכטיגען ענין — און מאָרגען לייגט ער מיט גרויס ווירדע פאָר די פּלוידערייען פון זיין פרוי פאר׳ן מיניסטער.

און באַגעהן בעגעהען זיך די דאָזיגע הערען מיט זייערע פרויען זער טרויעריג, אָדער זער לייכט. קוים וואָס זיי באַערען זיי אַמאָל מיט א וואָרט. און אויב זיי זיינען ניט אין זייערע אויגען, ווי אין זאַכאַר׳ס, נידעריגע באַשעפּענישען, זיינע זיי בלומען, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרען צו צושטרייען דעם מאַן נאָך א שווערען און ערנסטען ארבייטס טאָג.

די מיטאָג זון האָט העל געברענט אויף אַלע שטעגלעך פון פּאַרק. אַלע זיצען אין שאָטען, אונטער לייוועטענע פאָרהאַנגען. בלויז די דינסטען מיט די קינדער געהען מוטיג אַרום, אָדער זיצען אויפ׳ן גראָז אונטער די הייסע מיטאָג־זון שטראַלען.

אָבלאָמאָוו איז אַלץ געלעגען אויף דער סאָפע; אָט האָט ער יאָ געגלויבט און אָט געצווייפעלט אין דעם זין פון דעם גע־שפּרעך, וואָס ער האָט היינט אין־דער־פריה געהאַט מיט אָלגאַ׳ן.

„זי האָט מיך ליב, אין איר לעבט א געפיל צו מיר. איז דאָס מעגליך? זי חלום׳ט וועגען מיר, פאַר מיר האָט זי דאָס אַזוי ליידענשאַפטליך געזונגען, און די מוזיק האָט אונז ביידען אָנגעשטעקט מיט די זעלבע געפילען״.

א געפיל פון שטאָלץ האָט אויפגעלעבט אין אים. עס האָט אין אים אויפגעשטראַלט דאָס לעבען מיט זיינע פאַר׳כשופ׳טע וויטען, מיט אַלע זיינע פארבען און שטראַלען, וואָס ביז אַהער האָט ער זיי ניט געזען. ער האָט זיך אין דער פאַנטאַזיע געזען מיט איר אין אויסלאַנד, אין דער שווייץ, אין איטאַליען, צוזאַמען מיט איר געגאַנגען איבער די חורבות פון רוים, געשיפּט זיך אין א גאָנדאָל, פאַרלאָרען זיך אין לאָנדאָן, פּאַריז און דערנאָך... דערנאָך האָט ער זיך געזען צוזאַמען מיט איר אין זיין ערדישען גן־עדן — אין אָבלאָמאָווקע.

זי איז געטליך, זי מיט איר אַנגענעמען רעדען, מיט איר פיינעם קליינעם פּנים׳ל און דינעם צערטליכען האַלז.

א. א. גאָנטשאַראָוו

די פּויערים האָבען אַזוינס ניט געזען. זיי פאַלען צו די קני פון אָט דעם מלאך. שטיל טרעט זי איבער'ן גראָז, געהט צוזאַמען מיט אים אין בירקען-וועלדעל אַריין . . . זי זינגט פאַר אים. . .

און ער פילט דאָס לעבען און זיינע שטילע און זיסע שטראָמען . . . ער פאַרזינקט אין געדאַנקען. . .

מיט אַמאָל פאַרנעבעלט זיך זיין פּנים.

„ניין, דאָס איז אוממעגליך! — האָט ער מיט אַמאָל אַרויסגערעדט הויך אויפ'ן קול און גענומען שפּאַנען אין צימער הין און צוריק. — ליב האָבען מיך, מיך, אַזאַ קאָמישען, אַזאַ פאַרשלאָפענעם, מיט אַזוינע פאַרוועלקטע באַקען. . . ניין, זי טרייבט בלויז לצנות פון מיר! . . . ”

ער איז לאַנג געשטאַנען פאַר'ן שפּיגעל און באַטראַכט זיין פּנים. אין אָנפאַנג האָט ער געקוקט זער אומגינסטיג, דערנאָך האָט זיין בליק אויפגעלויכטען. עס האָט זיך אפילו א שמייכעל באַוויזען אויף זיין פּנים.

„איך זע עפּעס אויס בעסער, פרישער ווי אין שטאָדט, — האָט ער געזאָגט. — די אויגען זיינען לעבעדיגער געוואָרען. . . עס האָט זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען א גערשטען, עס איז אָבער איצט אפילו קיין סימן דערפון ניטאָ. . . מסתמא האָט די לופט דאָ אַזוי גוט געווירקט אויף מיר. איך שפּאַציר א סך אַרום, טרינק קיין וויין ניט, ליג ניט אין בעט. . . איך קאָן זיך שוין באַגעהן אָן עגיפּטען”.

עס איז געקומען א מענש פון מאַריא מיכאַילאָוונא, אָלגאַ'ס טאַנטע, און אים איינגעלאַדען צום מיטאָג.

— איך וועל קומען, קומען! — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו.

דער מענש האָט גענומען אַרויסגעהן.

— וואַרט צו! אָט האָסטו!

און ער האָט אים דערלאַנגט א מטבע.

אים איז לייכט און פרעהליך. אַלץ אין דער נאַטור איז אַזוי קלאָר. אַלע מענשען זיינען אַזוינע גוטע, האָבען הנאה פון לעבען. אויף יעדען פּנים ליגט אויסגעדריקט גליק. בלויז

אָבלאָמאָוו

זאַכאַר איז טרויעריג און קוקט אויף אָבלאָמאָוו׳ן אַלץ פון דער זייט; דערפאַר שמייכעלט אַניסיא אזוי גוטהאַרציג.

„איך וועל מיר פאַרשאַפען אַ הונט, — האָט באַשלאָסען אָבלאָמאָוו, — אָדער גאָר אַ קאַץ. . . בעסער אַ קאַץ: קעץ זיינען צערטליך, מיאוקען".

ער איז אַוועק צו אָלגאַ׳ן.

„אָבער דאָך . . . אָלגאַ ליבט מיך! — האָט ער געטראַכט אויפ׳ן וועג, — אָט דאָס יונגע, פרישע וועזען! פאַר איר פאָר־שטעלונגס קראַפט זיינען איצט אָפען די פּאָעטישסטע ספערען פון לעבען: איר חלומ׳ען זיך איצט געוויס יונגלינגען מיט שוואַרצע לאָקען, שלאַנקע, הויכע, מיט פאַרבאָרגענער קראַפט, מיט מוטיגע געזיכטער, מיט שטאָלצע שמייכלען, מיט יענעם פונק אין די אויגען, וואָס ציטערט אַזוי און דערשלאָגט זיך אַזוי לייכט צום האַרצען; מיט אַ ווייכער און פרישער שטימע, וואָס קלינגט אַזוי העל, ווי זילבער. יאָ, יאָ, עס איז אמת, מען פאַר־ליבט זיך ניט בלויז אין אינגלעך, ניט בלויז אין געוואַגטע גע־זיכטער, גוטע טענצער און רייטער. . . לאָמיר אָננעמען, אַז אָלגאַ איז ניט פון די אָרדינאַרע מיידלעך, וואָס אַ פּאָר וואָנסען, אָדער דער קלאַנג פון אַ זעבעל זאָל קאָנען מאַכען קלאַפּען דאָס האַרץ... אָבער דאַמאָלט דאַרף מען דאָך באַזיצען עפּעס אַנדערש... אַ שאַרפען אינטעלעקט, למשל, אַז די פרוי זאָל מיט הכנעה איינ־בויגען פאַר דיר דעם קאָפּ, און די וועלט זאָל פאַר דיר האָבען דרך ארץ... אָדער זיין אַ באַרימטער אַרטיסט... און וואָס בין איך אַזוינס? אָבלאָמאָוו — דאָס אַלץ. שטאָלץ איז שוין עפּעס אַנדערש: ער איז אַ מענש אַ קלוגער, האָט ווילען און ווייסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ווי צו האַנדלען מיט אַנדערע. וואו ער זאָל קומען, מיט וועמען ער טרעפט זיך נאָר — באַזיגט ער אים גלייך, יענער ווערט ביי אים ווי אַ אינסטרומענט אין די הענט פון אַ קינסטלער. . . און איך? . . . איך ווייס דאָך אפילו ניט ווי מען באַגעהט זיך מיט זאַכאַר׳ן. . . איך בין — אָבלאָמאָוו! שטאָלץ! גאָט מיינער! . . . אָלגאַ האָט דאָך אים ליב, — האָט ער מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן, — זי האָט דאָך אַליין געזאָגט:

א. א. גאַנטשאַראָוו

ווי אַ פֿריינד, האָט זי געזאָגט. זי ליגט, מעגליך, אומבאַ־וואוסטערהייט. . . עס איז ניט מעגליך קיין פֿריינדשאַפֿט צווי־שען אַ מאַנספּאַרשוין און אַ פֿרויענצימער. . . "

און ער האָט גענומען געהן אַלץ איינגעהאַלטענער און איינ־געהאַלטענער, ווערענדיג באַצוואונגען פון אַ צווייפעל.

„און וואָס איז אויב זי קאָקעטירט בלויז מיט מיר ? . . . אויב זי. . . "

ער איז אויף אַ מאָמענט ווי פאַרשטיינערט געוואָרען, און זיך אָפּגעשטעלט.

„און אפשר שפּילט זי דאָס מיט מיר גנב'ישע שטיק ? און, ווער ווייס, — אפשר איז דאָס אַ פאַרשוועררונג געגען מיר ? . . . און פון וואַנען האָב איך דאָס גענומען, אַז זי האָט מיך ליב ? ניין, עס איז אוממעגליך ! . . . זי איז אַ . . . אָט וואָס פאַר אַ מענש זי איז !" — האָט ער מיטאַמאָל פריידיג ארויסגעשריען, דערזעענדיג אָלגאַ'ן אנטקעגען קומען.

מיט אַ פרעהליכען שמייכעל אויף די ליפּען, האָט אים אָל־גאַ אויסגעשטרעקט די האַנט.

„ניין, זי איז ניט אזא, זי איז ניט קיין אָפּנאַרערין, — האָט אָבלאָמאָוו באַשלאָסען, — פאַלשע מענשען האָבען ניט אזא צערטליכען בליק, זיי קאָנען ניט אזוי אמת'דיג לאַכען. . . זיי קוויטשען. . . אָבער זי האָט פאָרט ניט געזאָגט, אַז זי האָט מיך ליב ! — האָט ער ווידעראַמאָל מיט שרעק אַ טראַכט גע־טאָן און געוואָלט ענדליך אַליין זיך קלאָר מאַכען. — און אויב ניט, פאַרוואָס ערגערט זי זיך אזוי ? גאָט מיינער ! ווי איך פּלאָנטער זיך און קאָן זיך אַלץ ניט ארויספּלאָנטערען !"

— וואָס האַלט איר דאָס אין דער האַנט ? — האָט זי אים געפרעגט.

— אַ צווייגעל.

— וואָס פאַר אַ צווייגעל ?

— איר זעט דאָך : אַ בעז־צווייגעל.

— וואו האָט איר עס באַקומען ? דאָ וואַקסט דאָך ניט קיין בעז, — האָט געזאָגט אָלגאַ.

אבלאמאוו

— דאָס האָט איר ניט לאַנג צוריק אָפּגעריסען און אוועקגע־ווארפען, — האָט געענטפערט איליא איליטש.

— צו וואס האָט איר עס אויפגעהויבען, — האָט גע־פרעגט אָלגא סערגעיעוונא.

— עס איז מיר זער געפעלען, וואָס איר האָט עס . . . מיט ערגערניש אוועקגעווארפען.

— געפעלען ערגערניש — דאָס איז עפּעס נייס! ווארום עפּעס? זאָגט.

— איך וועל ניט זאָגען.

— איך בעט אייך זער, זאָגט.

— איך וועל ניט זאָגען, אין קיין פאַל ניט זאָגען.

— איך בעט אייך זער.

ער האָט א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ אויף ניין.

— און אויב איך וועל זינגען?

— דאַן . . . איז זער מעגליך . . .

— הייסט דאָס, אז בלויז מוזיק ווירקט אויף אייך? — האָט זי ארויסגערעדט מיט צוזאמענגעצויגענע ברעמען. — איז עס אזוי באמת?

— יא, מוזיק, איבערגעגעבען דורך אייך.

— אָט זינג איך אייך! — און זי האָט גענומען א פּאָר טענער און אָפּגעשטעלט זיך.

— און אצינד זאָגט שוין, — האָט ווידעראמאָל געזאָגט אָלגא סערגעיעוונא.

ער האָט פאַר א קורצער ווייַלע געקעמפט מיט זיך.

— ניין! ניין! — האָט ער ארויסגערעדט נאָך אנטשלאָ־סענער ווי פריער. — פאַר קיין פאַל ניט . . קיינמאָל ניט! און אפשר איז דאָס ניט אמת און עס האָט זיך מיר בלויז אויס־געדאכט? . . . ניין, ניין, ניין!

— וואָס זאָל דאָס באַדייטען? עפּעס אומפארשטענדלי־כעס, — האָט זי געזאָגט, אָנשטרענגענדיג דעם געדאנק אויף אָט דער פראגע, און ווארפענדיג א פאָרשענדען בליק אויף אב־לאָמאָוו'ן.

א. א. גאַנטשאַראָוו

דערנאָך האָט זיך איר פּנים איינציגווייז גענומען אָנפּילען מיט באַוואוסטזיין; אין יעדען קנייטש, אין יעדען שטריך האָט אריינגעדרונגען א שטראַל פון פאַרשטענדניש, פון אנונג, און מיטאַמאָל איז דאָס גאַנצע פּנים באַלויכטען געוואָרען פון ער־קענטניש. . . אזוי פּאַסירט אויך אמאָל מיט דער זון. ארויס־געהענדיג פון אונטער א וואָלקען באַלויכט זי צום ערשטען איין קוסט, דערנאָך א צווייטען, א דאך און מיטאַמאָל באַגיסט זי מיט ליכט דעם גאַנצען פּייזאַזש. איר איז שוין איצט געווען קלאָר אָבלאָמאָוו׳ס געדאַנק.

— ניין, ניין, פרעגט מיך ניט! מיין צונג איז אזוי ווי צוגעקלעפּט געוואָרען צום גומען, — האָט געזאָגט איליא אי־ליטש.

— איך פרעג אייך ניט, — האָט זי גלייכגילטיג געזאָגט.

— וואָס הייסט? אָט האָט איר דאָך. . .

— קומט לאָמיר געהן, — האָט זי ערנסט, ניט צוהערענדיג זיך צו אים, געזאָגט, — די טאַנטע וואַרט.

זי איז געגאַנגען פאַראויס, אים איבערגעלאָזט מיט דער טאַנטע און אריין צו זיך אין צימער.

8

דער גאַנצער טאָג איז געווען פאַר אַבלאָמאָוו׳ן א טאָג פון אנטוישונגען. ער האָט דעם טאָג פאַרבראַכט מיט אָלגאַ׳ס טאַנטע, א פיינע און זער קלוגע פרוי, וואָס איז שטענדיג געווען עלעגאַנט געקליידט, וואָס מען האָט זי שטענדיג געזען אין א גיי זיידען קלייד, וואָס איז גרויסאַרטיג געלעגען אויף איר און וואָס האָט שטענדיג געטראָגען אזוינע עלעגאַנטע שפיצען־קראַגען; איר הויב איז אויך געווען געמאַכט מיט פיל געשמאַק און די בענדער האָבען קאָקעטיש אַרומגענומען איר פופציג יעריגע, אָבער נאָך פרישען געזיכט. אויף א קייטעל איז געהאַנגען א גאָלדענער לאָרנעט.

אירע פּאָזען, איר יעדער זשעסט זיינען פול מיט ווירדע. זער קונציג דראַפּירט זי זיך אין א רייכער שאַל, און ווי פלעגט זי זיך אָנשפּאַרען אָן דעם אויסגעהעפטען קישען מיט׳ן עלענבויגען און אזוי מאַיעסטעטיש זיך אויסציען אויף דער סאָפע! קיינמאָל טרעפט מען זי ניט זיין מיט עפּעס באַשעפטיגט: אָנבויגען זיך, נעהען, פאַרנעמען זיך מיט עפּעס אין הויז האַרמאָנירט ניט מיט איר געזיכט, מיט איר ווירדיגער פיגור. אפילו די באַפעלען צו די דינסטען און די דינער, פלעגט זי געבען נאַכלעסיג, קורץ און קאַלט.

זי האָט קיינמאָל ניט געלעזען, קיינמאָל ניט געשריבען, אָבער רעדען האָט זי זער גוט גערעדט, איבריגענס, מערסטענטייל פראַנצויזיש. דאָך האָט זי גלייך באַמערקט, אז אָבלאָמאָוו באַהערשט ניט אין גאַנצען פריי די פראַנצויזישע שפּראַך, און גלייך פון צווייטען טאָג איז זי איבערגעגאַנגען מיט אים אויף רוסיש.

זי פאַנטאַזירט ניט און חכמה׳ט זיך ניט אין אירע געשפּרעכען. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אין איר קאָפּ וואָלט

א. א. גאָנטשאַראָוו

געווען דורכגעפירט א שאַרפע ליניע, וואָס איר שכל איז קיינ־מאָל ניט איבערגעטראָטען. מען האָט גלייך געקאָנט באַמערקען, אַז געפילען, סימפּאַטיען, ניט אויסשליסענדיג אפילו די ליבע, זיינען אריינגעדרונגען, אדער ארויסגעדרונגען פון איר לעבען פּונקט אזוי, און אויף דעם זעלבען ארט ווי אַלע אַנדערע גע־שעעניששען. ביי אַנדערע פרויען, אָבער, באַמערקט מען גלייך, אַז די ליבע, ווען אפילו ניט אין דער ווירקליכקייט, אָבער יע־דענפאַלס אין די רייד, נעמט א גרויסען אנטייל ביי זיי אין אַלע לעבענס־פראַגען, און אַלע איבעריגע געפילען פארנעמען בלויז אַזויפיל, וויפיל עס איז געבליבען פּלאַץ פון דער ליבע.

ביי אָלגאַ'ס טאַנטע, אָבער, איז אויף דעם ערשטען פּלאַן געשטאַנען די קונסט פון לעבען, דאָס האַלטען זיך אין די הענט, די שטענדיגע גלייכגעוויכט צווישען די וואונשען און דער מעג־ליכקייט זיי דורכצופירען אין דער ווירקליכקייט. איר האָט זי קיינמאָל ניט געקאָנט אומערוואַרטעהייט איבערראַשען, פּונקט ווי איר זאָלט ניט וועלען באַפאַלען פון דער זייט א וואַכ־זאַמען שונא, וועט איר שטענדיג באַגעגענען א פּאָר אָנגעשטעלטע און וואַרטענדע אויף אייך אויגען.

דאָס הערשענדע געפיל אין איר איז געווען קלאַרקייט, דער־פאַר זיינען טאַקט און פאָרזיכטיגקייט געגאַנגען פאָראויס פאַר איר יעדען געדאַנק, פאַר איר יעדען וואָרט און ריר.

קיינמאָל וועט זי ניט פאַר קיינעם אנטפּלעקען די געהיימע באַוועגונגען פון איר האַרץ, קיינעם וועט זי ניט פאַרטרויען די סודות פון איר נשמה; מען באַגעגענט קיינמאָל ניט ארום איר א גוטע אַלטע פריינדין, מיט וועלכער זי זאָל זיך סוד'ען ביי א טאַסע קאַפע. בלויז מיט דעם באַראָן פאָן־לאַנגוואַגען בלייבט זי אָפט אונטער פיר אויגען, ער פאַרברענגט אָפט ביי איר ביז האַלבע נאַכט, אָבער כמעט שטענדיג אין אָלגאַ'ס אנוועזענ־הייט. מייסטענס שווייגען זיי דאַמאָלט, אָבער זיי שווייגען אזוי פילבאַדייטענד און קלוג, ווי זיי וואָלטען געוואוסט עפּעס אזוינס, וואָס קיין אַנדערער אויסער זיי ווייסט ניט.

זיי האָבען, אפּנים, ליב צו זיין צוזאַמען — דאָס איז דער

אַבלאַמאָוו

איינציגער שלום, צו וועלכען מען קומט, ווען מען קוקט אויף זיי. באגעהן באגעהט זי זיך מיט אים פונקט ווי מיט אנדערע: פריינדליך, אָבער איינגעהאַלטען.

בייזע צונגען האָבען זיך אפילו געהאַט באַנוצט דערמיט און אנגעהויבען צו דערצעהלען געשיכטעס וועגען אַלטע סימ־פּאַטיען, וועגען אַ רייזע, וואָס זיי זאָלען האָבען געמאַכט צו־זאַמען קיין אויסלאַנד. אָבער אין אירע באַציאונגען צו אים האָט זיך ניט באַמערקט קיין באַזונדערע סימפּאַטיען צו אים. וואָלטען זיי געווען, וואָלט מען זיי זיכער געקאָנט באַמערקען.

ער איז געווען דער אַפּעקון איבער אָלגאַ'ס קליינעם גוט, וועגען וועלכען עס איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס אין געריכט.

דער בּאַראָן האָט געפירט דעם פּראָצעס, דאָס הייסט, ער האָט געמאַכט עפּעס אַ באַאַמטען צו שרייבען פּאַפּירען, דורך אַ לאָרנעט האָט ער זיי דורכגעלעזען, אונטערגעשריבען און מיט דעם זעלבען באַאַמטען זיי אַוועקגעשיקט אין געוויסע געריכטס־הייזער. אַ דאַנק זיינע גרויסע פאַרבינדונגען האָט דער פּראָצעס אָנגענומען אַ גינסטיגע ווענדונג. עס איז געווען אַ האָפנונג, אַז דער פּראָצעס זאָל גיך נעמען אַ גליקליכע ענדע. דאָס האָט געמאַכט אַ סוף פון אַלע בייזע אָנצוהערענישען, און מען איז גע־וועהנט געוואָרען צו זען דעם בּאַראָן אין דעם הויז, ווי אַ פאַר־וואַנדטען.

ער איז געווען אַרום פופציג יאָר, אָבער ער איז געווען נאָך זער פריש, ער האָט בלויז געפאַרבט זיך די וואָנסען און אונ־טערגעהונקען אביסעל אויף איין פוס. ער איז געווען ביז צום העכסטען גראַד העפליך, קיינמאָל ניט גערויכערט אין דער אַנ־וועזענהייט פון דאַמען, ניט פאַרלייגט איין פוס אויפ'ן צווייטען און ער האָט זער געטאַדעלט די יונגע לייט, וואָס האָבען זיך ערלויבט אין דער געזעלשאַפט פון אנדערע מענשען אריבערצור־וואַרפען זיך איבער די שטולען און אויפהויבען די קני און שטי־וועל כמעט גלייך מיט דער נאָז. אין הויז איז ער געזעסען שטענדיג אין די האַנד־שו און אַרונטערגענומען זיי בלויז דאַ־מאָלט, ווען ער האָט געדאַרפט געהן עסען.

א. א. גאָנטשאַראָוו

ער איז שטענדיג געווען געקליידעט לויט דער לעצטער מאָדע און אין דעם קנאָפּ־לאָך פון פראַק געהאַט פיל בענדלעך. ער איז שטענדיג געפאָרען אין א קארעט און האָט אויסערגע־וועהנליך אָפּגעהיט די פערד: איידער ער האָט זיך אריינגע־זעצט אין קארעט, פלעגט ער פריער ארומגעהן, באקוקען דעם געשפאַן, אפילו די קאָפּיטעס פון די פערד, אָפּטמאָל האָט ער ארויסגענומען א ווייס טיכעל און א רייב געטאָן דערמיט די זייט, אָדער דעם רוקען פון פערד, כדי ער זאָל קאָנען זען, צי זיי זיי־נען גוט גערייניגט געוואָרען.

באקאנטע האָט ער באגעגענט מיט א גנעדיג־העפליכען שמייכעל, און אומבאקאנטען — אין אנפאנג קאַלט; אבער ווען מען האָט אים פאָרגעשטעלט פאר אים, האָט א שמייכעל פארביטען זיין קאלטקייט און דער פאָרגעשטעלטער האָט שוין שטענדיג געקאָנט ערווארטען זיין שמייכעל.

רעדען האָט ער געקאָנט וועגען אלץ: וועגען טוגענד און וועגען יקרות, וועגען דער וויסענשאַפט און וועגען דער וועלט, און אלץ אזוי גענוי, פּינקטליך. זיין מיינונג האָט ער אויסגע־דריקט אין קלאָרע און פארענדיגטע זאצען, ווי ער וואָלט גערעדט מיט פארטיגע און אלגעמיין־באנוצטע פראזען.

אָלגא'ס באציהונגען צו דער טאַנטע זיינען ביז איצט געווען גאנץ פשוט'ע און געוועהנליכע: זי איז קיינמאָל אין איר צערטליכקייט ניט אוועקגעגאנגען צו ווייט, און קיינמאָל האָט זיך צווישען זיי ניט געלייגט אפילו קיין שאָטען פון אומצופרי־דענהייט.

דאָס איז טיילווייז געקומען א דאנק מאריא מיכאַילאָוו־נא'ס כאראקטער, און טיילווייז דערפון, וואס ביידע האָבען ניט געהאַט קיין שום אורזאך צו פירען זיך אנדערש. דער טאַנטע איז קיינמאָל ניט איינגעפאלען צו פאָדערען פון אָלגא'ן אזוינס, וואָס זאָל זיין שטארק געגען אירע נייגונגען. און אָלגא'ן, ווי־דער, איז אפילו אין חלום ניט איינגעפאלען ניט אויספאָלגען דער טאַנטע'ס פארלאנגען, ניט אננעמען איר'ס אַן עצה.

און אין וואס האָבען זיך אויסגעדריקט דער טאַנטע'ס פאר־

לאַנגען? אין דער אויסוואל פון קליידער, פריזור און אין דעם, למשל, צי זאָל מען היינט באזוכען דאָס פראַנצויזישע טעאַטער, אָדער פאָרען אין אָפּערע.

אָלגא האָט געפאָלגט איר טאַנטע אויף אזוי פיל, וויפיל עס האָט געפאָדערט פון איר דער טאַנטע'ס פאַרלאַנג, איר עצה, און אויף קיין האָר ניט מער. און ארויסגערעדט האָט די טאַנטע אירע פאָדערונגען מיט א טרוקענער זיכערהייט, אבער בלויז אויף אזויפיל וויפיל עס איז איר געווען ערלויבט אלס טאַנטע און קיינמאָל ניט שטאַרקער.

זייערע באציאונגען זיינען געווען אזוי פאַרבלאָז, אז מען האָט קיינמאָל ניט געקאָנט באשטימט זאָגען, צי אין דער טאַנטע'ס כאראַקטער איז דאָ אן אנשפּרוך אויף אָלגאַ'ס געהאָרכזאמקייט, אָדער אין אָלגאַ'ס כאראַקטער איז געלעגען געהאָרכזאמקייט צו דער טאַנטע און א באזונדערע צערטליכקייט צו איר.

דערפאַר האָט מען פון ערשטען בליק, ווען מען האָט זיי געזען צוזאמען, באשטימט געוואוסט, אז דאָס איז א טאַנטע און א ניכטע און ניט א מוטער מיט א טאָכטער.

— איך פאָר אין מאַגאַזין: דאַרפסטו עפּעס האָבען?

— האָט געפרעגט די טאַנטע.

— יאָ, טאַנטע, איך דאַרף איבערבייטען דאָס לילא קלייד, — ענטפערט אָלגא, און זיי פאָרען צוזאמען, אָדער: ניין, טאַנטע, — זאָגט אָלגא, — איך בין ניט לאַנג צוריק דאָרט געווען.

די טאַנטע נעמט איר מיט צוויי פינגער פאַר ביידע באַקען, גיט איר א קוש אין קאָפּ, און אָלגא גיט א קוש דער טאַנטע אין דער האַנט אריין. די פאָרט אוועק, און די — בלייבט.

— זאָלען מיר דינגען די זעלבע זומער־וואוינונג? — זאָגט אמאָל די טאַנטע. און זאָגען זאָגט זי עס ניט ווי א פראַגע און ניט ווי א פאַקט, נאָר אזוי ווי זי וואָלט זיך באראַטען מיט זיך אליין און זיך ניט געקאָנט באשליסען.

— יאָ, דאָרט איז זער גוט, — ענטפערט אָלגא.

און מען האָט דאָס הויז געדונגען.

א. א. גאָנטשאַראָוו

און אויב אָלגאַ זאָגט:

— אַך, טאַנטע, האָט זיך נאָך אייך אַלץ ניט דערעסן אָט יענער וואַלד מיט דעם זאַמד דאָרט? אפשר בעסער אַ זוך צו טאָן ערגעץ אַנדערש?

— מיר'ן זען, — ענטפערט די טאַנטע, — ווילסט אפשר, אָלגאַ, פאָרען אין טעאַטער? — פרעגט די טאַנטע, — מען רעדט אַזויפיל וועגן דער פּיעסע.

— מיט פאַרגעניגען, — ענטפערט אָלגאַ, אָבער אָן פאַר־לאַנג איר צופרידענצושטעלען, און אָן אַן אויסדרוק פון געהאָרכ־זאַמקייט.

אָלגאַ פלעגט פרעגען ביי דער טאַנטע עצות, ניט ווי ביי אַן אויטאָריטעט, וועמעס וואָרט עס דאַרף זיין פאַר איר אַ געזעץ, נאָר פּונקט אַזוי ווי זי וואָלט געפרעגט ביי יעדער אַנדערער פרוי, וואָס איז מער ערפאַרען פון איר:

— טאַנטע, איר האָט דאָך געלעזען דאָס בוך, איז עס עפּעס ווערט? — פרעגט זי אַמאָל ביי דער טאַנטע.

— פוי! אַן עקעלהאַפט בוך! — ענטפערט די טאַנטע, אוועקרוקענדיג, אָבער ניט באַהאַלטענדיג דאָס בוך און ניט אָנ־נעמענדיג קיין שום מיטלען, אַז אָלגאַ זאָל דאָס בוך ניט לעזען.

און אָלגאַ'ן איז שוין אפילו אויפ'ן זינען ניט ארויף עס אי־בערצולעזען. און האָבען זיי אַמאָל ביידע ניט געקאָנט זיך באַ־שליסען, האָט מען זיך מיט דער פראַגע געווענדט צום באַראָן, אָדער צו שטאָלץ'ן, אויב ער איז גראַד געווען דערביי, און לויט זייער עצה איז דאָס בוך יאָ אָדער ניט געלעזען געוואָרען.

— מיין ליבע אָלגאַ! — רופט זיך אַמאָל אָפּ די טאַנטע, — מען האָט מיר דערצעהלט זער אַ קאָמישע געשיכטע וועגן דעם יונגענמאַן, וואָס געהט אָפט צו דיר.

און ניט מער. און אָלגאַ מעג שוין שפּעטער טאָן, ווי זי אַליין פאַרשטעהט: יאָ, אָדער ניט רעדען מיט אים.

אָבלאָמאָוו'ס ערשיינונג האָט ניט ארויסגערופען אין הויז קיין שום פראַגען, קיין שום באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ניט ביי דער טאַנטע, ניט ביים באַראָן און אפילו ניט ביי שטאָלץ'ן.

אַבלאַמאָוו

דער לעצטער האָט געוואָלט באַקאַנען זיין פריינד מיט אַזאַ הויז, וואו אַלץ איז אביסעל סטיליזירט, וואו ניט נאָר מען לאָדט ניט איין כאַפּען אַ דרעמעל נאָכ'ן מיטאָג, נאָר וואו עס פירט זיך אַפילו ניט, אַז מען זאָל פאַרלייגען איין פוס אויפ'ן צווייטען, וואו מען דאַרף זיין אַנשטענדיג אָנגעטאָן, געדענקען וועגען וואָס מען רעדט, מיט איין וואָרט, — מען קאָן ניט זיין אָפּגעלאָזען, פאַרשלאָפען און וואו מען האָט שטענדיג געפירט לעבעדיגע, אינטערעסאַנטע געשפּרעכען.

און אויסער דעם האָט שטאָלץ געגלויבט, אַז די אַנוועזענהייט פון אַ יונגער, סימפּאַטישער, קלוגער, לעבעדיגער און טיילווייז אויך וויציגער פרוי, וועט האָבען אויף אבלאָמאָוו'ס פאַרשלאָפען לעבען די זעלבע ווירקונג, ווי דאָס אַריינטראָגען פון אַ ליכטיגער לאָמפּ אין אַ פינסטערען צימער. דאָס ליכט פון דער לאָמפּ נעמט זיך צושפּרייטען איבער אַלע פינסטערע ווינקלען, ניט צו אביסעל וואַרעמקייט און דאָס צימער קריגט אַ לעבעדיגען אויסזען.

צו די רעזולטאַטען האָט ער געשטרעבט, ווען ער האָט באַקאַנט אָלגאַ'ן מיט זיין פריינד אָבלאָמאָוו. ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ער ברענגט אַריין אין הויז אַ פייערווערק, אויב ניט עפּעס מער.

איליא איליטש זיצט אוים אָרטיג מיט דער טאַנטע אַ צוויי שעה צייט, ער פירט מיט איר אַן אַנשטענדיגען געשפּרעך, ער פּרואווט אַפילו ניט אַריבערוואַרפען איין פוס איבער'ן צווייטען. צוויי מאָל האָט ער שוין אַפילו זער קונציג איר אונטערגערוקט אונטער די פיס דאָס פוס־בענקעלע.

עס קומט דער באַראָן, שמייכעלט זער העפליך און דריקט אים צערטליך די האַנט.

אָבלאָמאָוו פירט זיך נאָך אָרטיגער; און אַלע דריי זיינען אַזוי צופרידען איינער פון צווייטען, אַז מען קאָן זיך בעסער גאָר ניט ווינשען.

אויף די געשפּרעכען, וואָס אָלגאַ און אָבלאָמאָוו האָבען געפירט אין די ווינקלען און אויף זייערע שפּאַצירונגען, האָט די טאַנטע געקוקט ווי . . . ריכטיגער אין גאַנצען ניט געקוקט.

א. א. גאָנטשאַראָוו

פאַרברענגען מיט א יונגענמאַן א פראַנט, איז שוין עפּעס אַנדערש. אָבער אַפּילו אין אַזאַ פאַל וואָלט זי גאָר ניט גע־זאָגט. זי וואָלט בלויז מיט איר איינגעבאָרענעם טאַקט, אַזוי ווי אומבאַמערקט איינגעשטעלט אַן אַנדערע אָרדענונג: זי וואָלט אַליין געגאַנגען מיט אים איינמאָל, אָדער צווייַמאָל שפּאַצירען, געשיקט אַ דריטע פּערזאָן, און די שפּאַצירונגען וואָלטען זיך געענדיגט פון זיך אַליין.

אָבער שפּאַצירען מיט „מאָסיע אָבלאָמאָוו", זיצען מיט אים אין אַ ווינקעל פון זאַל, אויף דעם באַלקאָן. . . ווארום ניט? ער איז דאָך שוין אַ מענש פון איבער דרייסיג יאָר און ער וועט דאָך איר ניט אָנרעדען קיין נאַרישקייטען, ניט געבען איר אַזוי־נע ביכער צו לעזען. . . דאָס אַלץ האָט קיינעם אַפּילו ניט גע־קאָנט קומען אויפ׳ן זינען.

דערצו האָט נאָך די טאַנטע געהערט, ווי שטאָלץ האָט אַ טאָג פאַר זיין אָפּרייזע געבעטען אָלגאַ׳ן, אַז זי זאָל ניט לאָזען אָבלאָמאָוו׳ן פאַרשלאָפען ווערען אין גאַנצען, אַז זי זאָל אים האַלטען אין איין מאַטערען, אין איין פּייניגען, האַלטען אים שטענדיג באַשעפטיגט, מיט איין וואָרט — זיך באַדינען מיט אים. און געבעטען האָט איר אויך שטאָלץ ניט אָפּצולאָזען אים פון אויג, וואָס עפטער אים איינלאַדען צו זיך, געהן מיט אים שפּאַצירען, אַרומפאָרען, בכלל אים אויפטרייסלען אַביסעל, אויב ער וועט ניט וועלען פאָרען קיין אויסלאַנד.

אָלגאַ האָט זיך ניט באַוויזען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געזעסען מיט דער טאַנטע, און די צייט האָט זיך גע־צויגען זעהר פאַמעליך. איצט האָט ער זיך גענומען אָנשטויסען אָן דער אורזאַך, וואָס אָלגאַ איז געוואָרען אַנדערש צו אים. די איצטיגע ענדערונג איז אים געווען שווערער איבערצוטראַגען פון דער פריערדיגער.

פון דעם ערשטען דורכפאַל האָט ער געפילט בלויז אַ חרפּה און אַ שרעק, און איצט איז אים געווען שווער, אומהיימ־ליך, קאַלט און טרויעריג אויף דער נשמה, ווי אין אַ קאַלטען, רעגענדיגען טאָג. ער האָט איר געגעבען אָנצוהערען, אַז ער

שטויסט זיך אָן וועגן איר ליבע צו אים, און אפשר האָט ער געמאַכט אַ טעות. דאָס וואָלט שוין באמת געווען אַ באַליידי־גונג, וואָס מען וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרריכטען. און אויב ער מאַכט אפילו ניט קיין טעות, איז אויך ניט געווען קיין וועג צו געבען עס איר צו פילען.

ער האָט נאָך געקאָנט פאַרטרייבען דאָס געפיל, וואָס קלאַפּט אין דעם יונגען מיידעלשען האַרץ אַזוי ציטערדיג, זעצט זיך אַזוי פאַרזיכטיג און לייכט, ווי אַ פויגעל אין אַ נעסט: אַ זייטיגער קלאַנג, אַ גערויש — און עס איז מער ניטאָ.

מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ האָט ער געוואַרט צו זען ווען אָלגאַ וועט אַרונטערקומען צום מיטאָג, וואָס און ווי זי וועט זאָגען, ווי זי וועט קוקען אויף אים...

זי איז אַרונטער — און ער האָט זיך ניט געקאָנט גענוג אָנקוקען אויף איר. ער האָט זי קוים דערקאַנט. זי האָט גע האַט אַן אַנדער געזיכט, אפילו איר שטימע האָט זיך געביטען.

אַ ליבער, נאַאיווער, כמעט קינדישער שמייכעל האָט זיך קיין איינציג מאָל ניט באַוויזען אויף איר פּנים, זי האָט קיין איינציג מאָל ניט אַ קוק געטאָן מיט ברייטע, אָפענע אויגען, ווי מען קוקט, ווען זיי דריקען אויס אַ פראַגע, אַ פאַרוואונדערונג, אָדער אַ פּשוט׳ע נייגעריגקייט. זי האָט געקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט שוין ניט געהאַט וואָס צו פרעגען, ווי עס וועלט איר שוין אַלץ איינס געווען, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען.

איר בליק האָט געקוקט אויף אים, ווי אַמאָל. זי האָט אויף אים געקוקט, ווי זי וואָלט אים שוין פון לאַנג גוט געקאַנט, ווי ער וואָלט פאַר איר געווען פונקט דאָס זעלבע, וואָס דער באַראָן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט איר ניט געזען פאַר אַ גאַנץ יאָר, און אין דער צייט איז זי אויסגעוואַקסען.

עס האָט זיך אין איר ניט געפילט די שטרייננגקייט און דער כעס, וואָס נעכטען. זי האָט זיך געוויצעלט, אפילו געלאַכט, גע־ענטפערט אויספירליך אויף אַזוינע פראַגען, אויף וועלכע זי וואָלט געוועהנליך פריער איגנאָרירט ניט געענטפערט. מען האָט געקאַנט זען, אַז זי האָט באַשלאָסען צו צווינגען זיך צו טאָן אַלץ,

א. א. גאָנטשאַראָוו

וואָס אַנדערע מענשען טוען און וואָס זי האָט ביז אַהער ניט געטאָן. עס איז פאַרשוואונדען פון איר די פרייהייט, די אומבאַצוואונגענהייט, וואָס ערלויבט אַרויסצורעדערן אַלץ, וואָס מען האָט אין געדאַנק. וואו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען מיטאַמאָל?

נאָכ'ן מיטאָג איז ער צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט, צי זי וואָלט ניט אַרויסגעגאַנגען מיט אים שפּאַצירען. ניט ענטפערענדיג אים, האָט זי זיך געווענדט מיט אַ פראַגע צו דער טאַנטע:

— וועלען מ י ר געהן שפּאַצירען?

— אויב ניט אויף לאַנג. — האָט געענטפערט די טאַנטע.

— הייס דערלאַנגען מיר דעם שירעם.

און אַלע זיינען געגאַנגען, געגאַנגען אַהן אַן אינטערעס, יעדער האָט געקוקט פאַר זיך אין דער ווייט אַריין, זיינען צוגעקומען צום וועלדעל און אומגעקערט זיך אויפ'ן באַלקאָן.

— דאַכט זיך, איר זייט ניט אויפגעלייגט היינט צו זינגען. איך וואַג אפילו ניט צו בעטען, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו, האָפענדיג, אפשר וועט שוין נעמען אַן ענדע צו דער אַנגעצווינגענער שטימונג און עס וועט זיך אומקערען צו איר איר פרעהליכקייט, און עס וועט אַ לויכט טאָן אין איר'ס אַ וואָרט, אין איר'ס אַ שמייכעל, אָדער, אַם ווינציגסטענס, אין איר געזאַנג כאָטש אַ פונק פון צוטרויען, נאַאיוויטעט, אויפריכטיגקייט.

— עס איז צו הייס, — האָט באַמערקט די טאַנטע.

— עס מאַכט ניט, איך וועל פּרואווען, — האָט געזאָגט אָלגאַ, און האָט געזונגען אַ ראָמאַנס.

אָבלאָמאָוו האָט זיך איינגעהערט צו איר קול און ניט געגלויבט זיינע אויערען.

דאָס איז ניט אָלגאַ: וואו איז איר פריערדיגער ליידענשאַפטליכער טאָן?

זי האָט געזונגען זער ריין, לויט אַלע כּללים, אָבער דערביי פונקט אַזוי... פונקט אַזוי... ווי עס זינגט יעדער אַנדער מיידעל, ווען מען בעט זי זי זאָל עפּעס זינגען אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע מענשען: אָן באַגייסטערונג. איר נשמה איז ניט

אבלאמאוו

געוועזן דערביי, ווען זי האָט געזונגען, און ביי דעם צוהערער האָט קיין איינציגער נערוו ניט קיין צאַפּעל געטאָן.

מאכט זי זיך בלויז אזוי? איז זי טאַקע בייז אויף אים? עס איז געוועזן שווער צו וויסען: זי האָט געקוקט זער פריינד־ליך, גערעדט גערעדט, אבער גערעדט האָט זי פּונקט אזוי ווי גע־זונגען, ווי אלע... וואָס איז פאַרט מיט איר?

ניט וואַרטענדיג אויף קיין טיי, האָט אַבלאָמאָוו גענומען זיין הוט און געזעגענט זיך.

— קומט עפטער, — האָט געזאָגט די טאַנטע, — אין דער־וואָכענס זיינען מיר געוועהנליך אליין, קומט, אויב עס איז אייך ניט לאַנגווייליג; זונטאָג, ווידער, איז געוועהנליך ביי אונז דאָ וועך — וועט אייך ניט זיין לאַנגווייליג.

דער באַראָן האָט זיך העפליך אויפגעשטעלט און זיך פאַר־נויגט פאַר אים.

אָלגאַ האָט אים א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, ווי אַן אלטען באַקאַנטען, און ווען ער איז ארויס, האָט זי זיך אומגעקערט צום פענסטער און גלייכגילטיג זיך איינגעהערט צו אַבלאָמאָוו׳ס טריט, וואָס האָבען זיך געהאלטען אין איין דערווייטערען.

די דאָזיגע צוויי שעה און די קומענדע דריי־פיר טעג, אויב א סך — די קומענדע וואָך, האָבען געהאַט אויף איר א טיפע ווירקונג, א שטופּ געטאָן זי ווייט פאַראויס. בלויז פרויען זיי־נען פעהיג אויף אזא גיכער אויפבליאונג פון זייערע קרעפטען, אויף אזא אַל־זייטיגער אנטוויקלונג פון זייער נשמה.

זי האָט אזוי ווי באַנומען די חכמה פון לעבען ניט אין טעג, נאָר אין שעה׳ן. און יעדער שעה פון אומבאַדייטענדער, קוים באַמערקטער ערפאַרונג, אדער צופאַל, וואָס וואָלט ווי א פויגעל פאַרבייגעפלויגען פאַר דער נאָז פון א מאַן, ווערט פון אָט דעם מיידעל באַמערקט און בלייבט איבער אין איר מוח און דינט איר פאַר אביישפּיל אויף פילע יאָרען.

דאָרט, וואו פאַר א מאַן דאַרף מען האָבען גאַנצע ערקלע־רונגען, איז פאַר א מיידעל גענוג, בלויז אַן אָנדייטונג, א וואונק.

וואָרום, וואָס איז די אורזאַך, וואָס אויף דעם געזיכט פון

א. א. גאַנטשאַראָוו

א מיידעל, וואָס איז נאָך מיט א וואָך צוריק געווען אזא זאָרג־לאָזע, האָט געהאַט א קינדיש נאַאיוו פּנים'ל, באַווייזט זיך אַן ערענסטער געדאַנק? און וואָס דריקט אויס דער געדאַנק? עס דאַכט זיך, אַז אין דעם דאָזיגען געדאַנק ליגט אַלץ, די גאַנצע לאָגיק, די גאַנצע מענערישע פילאָזאָפיע, גאַנצע לעבענס סיס־טעמען!

איר שוועסטער־קינד, וואָס האָט זי ניט לאַנג צוריק איבער־געלאָזען א קליין און אומשולדיג מיידעל, קומט צוריק, ווען ער האָט געענדיגט דעם קורס, און דערזעענדיג זי, לויפט ער א פרעהליכער צו איר מיט דער אַבזיכט א לויף, א שפּרונג צו טאָן מיט איר, ווי פריער, פאַרלירט אבער מיטאַמאָל דעם מוט, ווען ער גיט אויפמערקזאַם א קוק איר אין פּנים אַריין, ער געהט אַוועק א צוטראָגענער, און ער פאַרשטעהט, אַז ער איז נאָך א אינגעל, אבער זי איז שוין א פרוי.

פון וואַנען? וואָס האָט פּאַסירט? א דראַמע? א וויכ־טיגע געשעעניש? א נייעס, וואָס די גאַנצע שטאָדט רעדט וועגען איר?

עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! ניט די טאַנטע, ניט דער אָנקעל, ניט די קעכין, ניט די דינסט — קיינער ווייסט ניט. און עס האָט אייגענטליך גאָרנישט ניט פּאַסירט: זי האָט בלויז דורכגעטאַנצט א צוויי מאַזורקעס, א פּאָר קאָנטראַדאַנסען, און דער קאָפּ האָט איר עפּעס וועה געטאָן, זי איז א פּאָר נעכט ניט געשלאָפען.

און אַלץ איז שוין ווידער ווי אַמאָל, בלויז אין איר פּנים איז צוגעקומען עפּעס נייס: זי קוקט איצט אַנדערש, זי לאַכט שוין ניט אַזוי אויפ'ן קול, ווי אַמאָל, שלינגט ניט קיין גאַנצע באַרען מיטאַמאָל, דערצעהלט שוין מער ניט וועגען דעם פּאַנסיאָן. זי האָט שוין אויך געענדיגט דעם קורס...

אָבלאָמאָוו האָט צומאַרגענס און איבערמאָרגען קוים דער־קאָנט אָלגאַ'ן. ער האָט מיט שרעק געקוקט אויף איר. אבער זי קוקט אויף אים פּשוט, בלויז נאָר אָן דער פריערדיגער נייגע־ריגקייט, צערטליכקייט; קוקט אַזוי ווי אַלע קוקען.

אבלאמאָוו

„וואָס איז מיט איר? וואָס טראַכט זי, וואָס פילט זי אצינד? — איז אבלאָמאָוו געפּיינִיגט געוואָרען פון פראַגען. — גאָט איז מיין עדות, אז איך פאַרשטעה דאָ גאַרניט!"

און ווי אזוי האָט ער גאַר געקאָנט פאַרשטעהן, אז מיט איר קומט איצט פאָר דאָס זעלבע, וואָס מיט א מאַן ערשט צו פינף און צוואַנציג יאָר, און דאָס ערשט מיט דער הילף פון צוואַנציג פּראָפעסאָרען, ביבליאָטעקען, און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט און אנגעוואָרען א סך אראָמאַט פון זיין נשמה, פרישקייט פון געדאַנק און האָר, דאָס הייסט, אז זי איז אריינגעטראָטען אין דער ספערע פון ערקענט־ניש. און עררייכט האָט זי דאָס אזוי ביליג און לייכט.

„ניין, דאָס איז ניט איבערצוטראָגען, עס ווערט לאַנגווייליג דערפון! — האָט אָבלאָמאָוו באַשלאָסען. — איך וועל זיך אי־בערקלייבען אין וויבורגער קוואַרטאַל, איך וועל זיך מיט עפּעס פאַרנעמען, איך וועל לעזען, איך וועל אוועקפאָרען קיין אָבלאָ־מאָווקע... איינער אליין! — האָט ער צוגעלייגט מיט א טיפען טרויער. — אָהן איר! זיי געזונד, מיין גן־עדן, מיין ליכטיגער, שטילער אידעאַל פון לעבען!"

און ער איז ניט אהינגעגאַנגען ניט אויף דעם פערטען און ניט אויף דעם פינפטען טאָג. ער האָט ניט געלעזען, ניט גע־שריבען. ער איז אוועק אביסעל שפּאַצירען, געלאָזען זיך מיט'ן שטויביגען וועג אין די בערג אריין.

„אַן איינפאַל צו שלעפּען זיך אין אזא היץ! — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, א גענעץ געטאָן און זיך אומגעקערט אהיים. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע און איינגעשלאָפען מיט א שווערען שלאָף, ווי ער פלעגט אמאָל שלאָפען אין דעם שטויביגען צימער מיט די אַרונטערגעלאָזענע ראָלעטען אויף גאָראָכאָווער גאַס.

ער האָט געהאַט זער אומקלאָרע חלומות. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער געטראָפען א טיש, געדעקט מיט קאַט־לעטען, קאַלטען באָרשט. פאַרשלאָפען קוקט זאַכאַר אַרוים פון

פענסטער; פון צווייטען צימער הערט זיך ווי אניסיא רייניגט געשיר.

ער האט אפגעגעסען און אוועקגעזעצט זיך צום פענסטער. עס קלעפט זיך ניט, עס איז לאנגווייליג צו זיין שטענדיג אליין! שוין ווידער ווילט זיך גארנישט און אין ערגעץ ניט!

—גיט א קוק, שרה, אט האבען די שכנים געבראכט א קעצעלע. איבערלאזען עס? איר האט דאך נעכטען גערעדט וועגען א קעצעלע, — האט געזאגט אניסיא, כדי אים אביסעל צו צושטרייען און עס אוועקגעלייגט אים אויף די קני.

ער האט גענומען גלעטען דאס קעצעל: מיט א קעצעל איז אויך לאנגווייליג!

זאכאר! — האט געזאגט איליא איליטש.

— וואס באפעלט איר? — האט פארשלאפען זיך אפגערו־פען זאכאר.

— מעגליך, אז איך קלייב זיך איבער צוריק אין שטאדט אריין, — האט געזאגט אבלאמאוו.

— וואס הייסט אין שטאדט? מיר האבען דאך קיין דירה ניט, — האט געזאגט זאכאר.

— אין וויבורגער קווארטאל.

— וואס וועט דערפון ארויסקומען, וואס מיר וועלען זיך קלייבען פון איין זומער פלאץ אויפ'ן צווייטען? — האט גע־ענטפערט זאכאר. — וואס איז דארט צו זען? — איר האט זיך פארבענקט נאך מיכעי אנדרעיאיטש'ן?

— דא איז אומבאקוועם...

— נאך אמאל קלייבען זיך? גאט מיינער! ווידער וועלען זאכען פארפאלען ווערען... אט קאן מען ניט געפינען א בארשט, איך וויים ניט וואו עס זיינען אהינגעקומען א פאר שאלען. אויב מיכעי אנדרעיאיטש האט זיי ניט פארשלעפט אהין, זיינען זיי זיכער שוין פארפאלען אויף אייביג.

אבלאמאוו האט געשוויגען. זאכאר איז ארויסגעגאנגען און גלייך זיך אומגעקערט, שלעפענדיג מיט זיך א קופערט און א רייזע־טאש.

אבלאמאוו

— וואָס זאָל מען מיט דעם טאָן? פאַרקויפען עס? — האָט געזאָגט זאַכאַר. אַ שאַר טוענדיג דעם קופּערט מיט'ן פּוס.

— ביסט משוגע געוואָרען? איך פאָר דאָך די טעג קיין אויסלאַנד, — האָט אים איבערגעשלאָגען אַבלאַמאָוו.

— קיין אויסלאַנד! — האָט מיטאַמאָל, צושמייכלענדיג זיך, אַרויסגערעדט זאַכאַר. — זאָגען איז עס זער לייכט!

— וואָס איז עס ביי דיר אַזוי אומבאַגרייפליך? איך פאָר, און דאָס אַלץ... איך האָב שוין פאַרטיג מיין פּאַס, — האָט געזאָגט איליאַ איליטש.

— ווער וועט פון אייך דאָרט אַראָפּציען די שטיוועל? — האָט איראָניש אַרויסגערעדט זאַכאַר. — אַ מויד אפשר? איר וועט דאָך דאָרט פאַרפאַלען ווערען אָהן מיר!

ער האָט ווידער אַ שמייכעל געטאָן, פון וואָס די באַקען־בערד און די ברעמען האָבען זיך צושפּרייט אין די זייטען.

— דו האַלסט אין איין רעדען נאַרישקייטען! טראָג עס אַרויס און געה דיר! — האָט מיט ערגערניש אַרויסגע־רעדט אַבלאַמאָוו.

אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען אַבלאַמאָוו האָט זיך אויפגעהוי־בען אַ זייגער צען אין־דער־פרי, האָט זאַכאַר, דערלאַנגענדיג אים טיי, דערצעהלט, אַז געהענדיג אין דער בעקעריי, האָט ער באַ־גענעגנט אויפ'ן וועג דאָס פרייליין.

— וועלכע פרייליין? — האָט געפרעגט אַבלאַמאָוו.

— וועלכע? אָלגאַ סערגעיעוונאַ'ן.

— נו? — האָט מיט אומגעדולד געפרעגט איליאַ אי־ליטש.

— זי האָט געהייסען אייך אָפּגעבען אַ גרוס, געפרעגט, צי איר זייט געזונט, וואָס איר מאַכט.

— און וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט אים געפרעגט אַב־לאַמאָוו.

— איך האָב געזאָגט, אַז איר זייט געזונט. און וואָס זאָל ער טאָן?... — האָט געענטפערט זאַכאַר.

— צו וואָס האָסטו נאָך געדאַרפט צולייגען דיינע נארישע

א. א. גאנטשאראוו

באמערקונגען? — האט באמערקט אבלאמאוו. — „וואס זאל ער טאן?" פון וואנען ווייסטו, וואס מיט מיר טוט זיך? וואס נאך?

— זיי האבן געפרעגט, וואו איר האט נעכטן געגע־סען מיטאג.

— נו?

— איך האב געענטפערט, אז אין דער היים, אז איר האט געגעסען אין דער היים. „ער עסט דען עפעס?" פרעגט דאס פריילין. בלויז צוויי הינדלעך, זאג איך, האבן זיי אויפ־געגעסען.

— איד־יא־א־ט! — האט אבלאמאוו מיט'ן גאנצן כח א געשריי געטאן.

— וואס פאר א אידיאט בין איך? איז דען דאס ניט אמת? — האט געזאגט זאכאר. — איך קאן אייך גלייך ווייזען אפילו די ביינדלעך, אויב איר ווילט נאר...

— באמת, א אידיאט! — האט ווידערהאלט אבלאמאוו.

— און וואס האט זי געזאגט?

— זי האט א שמייכעל געטאן. „פארוואס אזוי ווייניג?" האט זי שפעטער ארויסגערעדט.

— אידיאט איינער! — האט אבלאמאוו נאך אמאל ווידערהאלט. — כאלסטו שוין אין איין וועג דערצעהלען, ווי דו טוסט מיר אן א העמד אויף דער לינקער זייט.

— זיי האבען ניט געפרעגט, האב איך עס ניט געקאנט דערצעהלען, — האט אים געענטפערט זאכאר.

— וואס נאך האט זי געפרעגט?

— זיי האבען געפרעגט, וואס איר האט פאר די פאר טעג געטאן.

— וואס האסטו געענטפערט?

— גארניט, האב איך געענטפערט, טוען זיי. זיי ליגען בלויז אויף דער סאפע, האב איך געזאגט.

— אך! — האט מיט גרויס ערגערניש ארויסגערעדט אבלאמאוו, און אנגעכאפט זיך מיט די פויסטען פאר די שלייד־

אבלאמאוו

פען. — ארויס פון דאנען! — האט ער מיט כעס ארויסגע־שריען. — אויב דו וועסט נאכאמאל וואגן צו דערצעהלען וועגן מיך אזוינע מעשיות, וועסטו מיך האבען צו געדענקען! אוי, סאר א גיפטיגער מענש איז דאס!

— איר ווילט, אז איך זאל אויף די עלטערע יארען אנהויבען צו ליגען? — האט אים געפרעגט זאכאר.

— ארויס פון דאנען! — האט אבלאמאוו ווידעראמאל מיט כעס א געשריי געטאן.

זאכאר'ן ארט ניט וואס דער פריץ שרייט אויף אים. אבי ער זאל נאר ניט געברויכען זיינע פארפלוכטע ווערטלעך.

— איך האב געזאגט, אז איר ווילט זיך איבערקלייבען אין וויבורגער קווארטאל, — האט פארענדיגט זאכאר.

— גנוג! — האט מיט א באפעלענדע שטימע ארויסגע־רעדט איליא איליטש.

זאכאר איז ארויסגעגאנגען און צוזיפצט זיך איבער'ן גאנ־צען פאדער־צימער, און אבלאמאוו האט גענומען טרינקען טיי.

ער האט געטרונקען דעם טיי און פון דער גרויסער צאל זעמעל און פלעצלעך האט ער אויפגעגעסען בלויז איין זעמעל, מורא האבענדיג, אז זאכאר זאל זיך ווידעראמאל ניט צורעדען. ער האט דערנאך פארריכערט א סיגאר און זיך געזעצט צום טיש, אויפגעעפענט עפעס א בוך, דורכגעלעזען א זייט, געוואלט איבערמישען, דאס בוך איז אבער ניט געווען אויפגעשניטען.

ער האט די זייט אויפגעריסען מיט די פינגער. דערפון האבען ביי די זייטען פון בלאט אנגעהויבען נאכצוהענגען שטיק־לעך פאפיר. און דאס בוך איז א פרעמדס, שטאלצ'ס. און ביי שטאלצ'ען הערשט אזא שטרענגע און לאנגווייליגע ארדנונג, און באזונדערס אין באצוג צו ביכער, אז גאט זאל זיך דערבאר־רעמען! דארט, וואו ער לייגט אוועק א בליישטיפט, פאפיר, א פעדער, דארט מוז עס בלייבען.

מען האט געדארפט דערצו האבען א פאלצביין, אבער אב־לאמאוו האט קיין פאלצביין ניט געהאט. מען האט זיך אויך געקאנט באנוצען מיט א טיש מעסער, אבער אבלאמאוו האט

א. א. גאָנטשאַראָוו

פאַרגעצוויגען צוריקצוליגען דאָס בוך אויף זיין פּלאַץ און אַליין צוצוגעהן צו דער סאָפע. ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעשפּארט מיט'ן עלענבויגען אָן דעם אויסגעהעפטען קישען, און א טראַכט געטאָן ווי אָם באַקוועמסטען זיך אוועקצולייגען, איז אריינגעקומען זאכאַר.

— און דאָס פריילין האָט דאָך אייך געבעטען קומען אין דעם... ווי הייסט עס דאָרט... גאָט מיינער!... — האָט געמאָלדען זאכאַר.

— פאַרוואָס האָסטו עס ניט גלייך געזאָגט, מיט צוויי שעה צוריק? — האָט אָבלאָמאָוו ארויסגערעדט אָן אויפגערעגטער.

— איר האָט דאָך מיר ארויסגעטריבען, ניט דערלאָזט דערענדיגען... — האָט צוריקגעענטפערט זאכאַר.

— דו וועסט מיך אומברענגען, זאכאַר! — האָט אָבלאָמאָוו פּאַטעטיש ארויסגערעדט.

„ער הויבט שוין ווידער אָן", האָט א טראַכט געטאָן זאכאַר.

— וואוהין קומען? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט.

— אָט דאָרט אין יענעם... ווי הייסט ער דאָרט? א גאָרטען, דאכט זיך.

— אין פּאַרק? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט.

— יאָ, אין פּאַרק, „אביסעל זיך דורכשפּאצירען, אויב ער וויל. איך וועל דאָרטען זיין".

— העלף מיר אָנטאָן זיך!

אָבלאָמאָוו איז אויסגעלאָפען דעם גאַנצען פּאַרק און אין ערגעץ ניט געטראָפען אָלגא'ן. ער האָט זיך געלאָזט אויף דער אַליי, וואו ער האָט פאַר איר אָנטפּלעקט זיינע געפילען, און ער האָט זי דאָרט געטראָפען זיצען אויף א באַנק ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו זי האָט אָפּגעריסען און אוועקגעוואָרפען דאָס צווייגעל.

— איך האָב געמיינט, אַז איר וועט שוין ניט קומען,— האָט זי צערטליך געזאָגט אים.

— איך זוך אייך שוין לאַנג ארום אין גאַנצען פּאַרק, — האָט ער געענטפערט.

אבלאמאוו

— איך האָב געוואוסט, אז איר וועט זוכען, און איך האָב זיך אבזיכטליך אוועקגעזעצט דאָ. איך האָב געוואוסט, אז איר מוזט אומבאדינגט דורכגעהן אָט די אליי.

ער האָט שוין געוואָלט ביי איר פרעגען: „פון וואנעט האָט איר עס אזוי געוואוסט?" אָבער א קוק טוענדיג אויף איר, האָט ער מער ניט געפרעגט.

איר געזיכט איז איצט ניט געווען דאָסזעלבע, וואָס דאַמאָלט, ווען זיי האָבען דאָ שפאצירט, נאָר אזא, וואָס ער האָט זי געזען דאָס לעצטע מאָל און וואָס האָט אים פארשאפט אזוי פיל זאָרג. איר צערטליכקייט איז געווען אזוי איינגעהאלטען, דער גאנצער אויסדרוק פון געזיכט אזוי קאָנצענטרירט, אזוי באַשטימט. ער האָט פארשטאַנען, אז מען קאָן זיך מעהר ניט שפּילען מיט איר אין אָנצוהערענישען, אָנדייטונגען, מיט נאַאיווע פראגען, אז דער קינדישער, פרעהליכער מאָמענט איז שוין פאַראיבער אויף אייביג.

פילעס, וואָס איז ניט דערזאָגט געווארען, צו וואָס מען האָט געקאָנט אָנווענדען פארשטעלטע רייד, איז צווישען זיי געלעזט געווארען אָן ווערטער און אָן ערקלערונגען. איין גאָט ווייס ווי אזוי, אָבער אזוי איז עס געווען.

— וואָס האָט מען אייך אזוי לאנג ניט געזען? — האָט געפרעגט אָלגא סערגיעוונא.

ער האָט געשוויגען. ער האָט איר ווידער אמאָל געוואָלט פון דער זייט געבען צו פארשטעהן, אז די סודות'דיגע שעהנקייט פון זייערע באַציאונגען איז פארשוואונדען, און אז אים מאַטערט די אָנגעשטרענגטקייט מיט וועלכער זי האָט זיך ארומגערינגעלט, ווי מיט א וואָלקען, און אז ער ווייסט ניט ווי צו האנדלען, ווי צו זיין מיט איר.

אָבער ער האָט געפילט, אז די קלענסטע אָנדייטונג אויף דעם, וועט ארויסרופען ביי איר א פארוואונדערטען בליק און וועט צוגעבען נאָך מער קאלטקייט צו זייערע באַציאונגען און עס איז נאָך מעגליך אז עס וועט פארפאלען ווערען אינגאנצען יענער פונק פון מיטגעפיל, וואס ער האָט אומפארזיכטיגערהייט

פאַרלאָשען אין סאַמע אָנפאַנג. מען דאַרף דעם פּונקט אויף ס'ניי אויפבלאָזן, אויפבלאָזן שטיל און פאָרזיכטיג, אָבער ווי אַזוי, האָט ער ניט געוואוסט.

ער האָט אומקלאָר פאַרשטאַנען, אַז זי איז אויסגעוואַקסן, און אפשר שוין אים אַליין איבערגעוואַקסן, און אַז זי קאָן שוין ניט צוריק ווערן אַ קליין מיידעל.

זי האָט קלאָרער פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר מיט אים, און דערפאַר איז דער איבערגעוויכט געווען אויף איר זייט. זי האָט מיט אָפענע אויגען געקוקט אין זיין נשמה, געזען, ווי עס ווערן געבאָרן געפילן אין אירע טיפענישן און ווי זיי קומען אַרויס. זי האָט גלייך געזען, אַז שלויקייט, פיקסיגקייט, קאָקעטעריי — אַט די אַלע ווייבערישע כלי־זין זיינען דאָ איבעריג, ווייל קיין שום קאַמף איז דאָ ניט פאָרגעשטאַנען.

זי האָט אפילו באַגריפן, אַז ניט קוקענדיג אויף איר יונגקייט באַלאַנגט צו איר די ערשטע און די הויפּט ראָלע אין זייער גענענזייטיגער סימפּאַטיע, אַז פון אים קאָן מען נאָר ערוואַרטן אַ טיפן געפיל, אַ ליידענשאַפטליך־פוילע אונטערוואָרפענקייט, אַז זיין האַרץ וועט מיטקלאַפּן מיט יעדען ריר פון איר האַרץ אָבער ער וועט ניט אַרויסווייזן קיין שום באַוועגליכקייט, קיין שום ווילן, קיין שום אַקטיווען געדאַנק.

זי האָט מיט איין בליק אויסגעמאָסטן איר קראַפט איבער אים, און איר איז געפעלן געוואָרן די ראָלע פון פירענרען שטערן, פון אַ שטראַל ליכט, וואָס זי וועט צוגיסן איבער אַ שטעהענדיגען טייך און וועט זיך אָפּשפּיגלען אין אים. זי האָט אויף פאַרשידענע אופנים געפייערט איר פאָרצוג אין דעם דועל.

— איר זייט געווען פאַרנומען? — האָט זי אים געפרעגט, אויסהעפּטענדיג עפּעס.

„איך וואָלט איר געענטפערט, אַז יאָ, אָבער זאַכאַר האָט דאָך...!" האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער זיפץ ביי אים פון האַרצן.

אַבלאַמאָוו

— איך האָב דאָרט עפּעס געלעזען, — האָט ער איר נאָכ־לעסיג געענטפערט.

— א ראָמאַן? — האָט זי אים געפרעגט און אויפגעהויבען אויף אים די אויגען, כדי צו זען ווי ער וועט לייגען.

— ניין, איך לעז ניט קיין ראָמאַנען, — האָט ער איר געענטפערט זער רואיג. — איך האָב געלעזען „די געשיכטע פון ערפינדונגען און אנטדעקונגען".

„דאנקען גאָט, וואס איך האָב היינט דורכגעבלעטערט א זייטעל פון בוך!" האָט ער א טראכט געטאָן ביי זיך.

— אין רוסיש? — האָט אָלגא געפרעגט.

— ניין, אין ענגליש.

— און איר לעזט ענגליש?

— עס קומט מיר אָן שווער, אָבער איך לעז. — און איר זייט לעצטענס ניט געווען אין שטאָט? — האָט ער איי־גענטליך געפרעגט בלויז דערפאר, כדי אָפּצואוועגדען דעם גע־שפּרעך פון ביכער.

— ניין, איך זיץ אלץ אין דער היים. איך ארבייט אלץ דאָ, אין דער אליי.

— אין דער אליי?

— יאָ, זי געפעלט מיר זער, און איך בין אייך זער דאנק־באר, וואָס איר האָט מיר אָנגעוויזען אויף איר. דאָ געהט כמעט קיינער ניט דורך

— דערמאָנט זיך, — האָט ער זי איבערגעשלאָגען, — ניט איך האָב אייך אָנגעוויזען אויף דער אליי; מיר האָבען זיך צופעליג דאָ געטראָפען.

— יאָ, איר זייט גערעכט.

זיי זיינען ביידע שטיל געוואָרען.

— און דער גערשטען איז אייך שוין אינגאנצען ארי־בער? — האָט זי געפרעגט, קוקענדיג אים גלייך אין רעכטען אויג אריין.

ער איז רויט געווארען.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— דאנקען גאָט אינגאנצן אריבער, — האָט איליא איליטש געענטפערט.

— ווייקט דאָס אויג מיט ווייַן, ווען עס הויבט אייך אָן צו בייסען, — האָט זי ווייטער גערעדט, — וועט צו קיין גערשטען ניט קומען. דאָס האָט די אַלטע אַם מיך אויסגע־לערנט.

„וואָס רעדט זי אַלץ וועגען גערשטען? — האָט אָבלאָ־מאָוו געגומען טראַכטען.

— און עסט ניט קיין שווערע מיטאָגען, — האָט זי צו־געלייגט ערנסט.

„זאַכאַר!" האָט אַ צאָרנדיגער אויסגעשריי אים גענומען שטיקען די קעל.

— עס איז גענוג, — האָט זי, ניט אויפהויבענדיג די אויגען פון דער ארבייט, ווייטער גערעדט, — אַז מען זאָל עסען אַ שווערען מאָלצייט און אָפליגען אַ דריי טעג, באַזונדערס אויף דער פּלייצע, אַז עס זאָל זיך באַווייזען אַ גערשטען.

„איד־יאַ־אַ־אָ־ט!" האָט אין זיין אינגעווייט אַ דונער געטאָן אויף זאַכאַר'ס אדרעס.

— וואָס העפט איר דאָ אוים?

— אייך געפעלט עס?

— יאָ, עס איז זער שען. דאָס איז דאָך אַ בעז־צווייגעל?

— דאכט זיך, אַז יאָ, — האָט זי נאַכלעסיג געענט־פערט. — איך האָב אויסגעקליבען דאָס ערשטע־בעסטע וואָס איז מיר איינגעפאַלען.

און פאררויטלענדיג זיך אַ ביסעל האָט זי אויף גיך פאַר־וויקעלט די קאַנווע.

„עס הויבט אָן צו ווערען לאַנגווייליג, אויב עס זאָל נאָך אַזוי אָנהאַלטען, און מיר זאָל ניט געלינגען גאָרנישט ארויסצו־קריגען פון איר, — האָט אָבלאָמאָוו געטראַכט. — אַן אַנדע־רער, שטאָלץ, למשל, וואָלט פון איר אַלץ ארויסגעקראַגען אָבער ניט איך."

אָנגעכמורעט און פארשלאָפען האָט ער זיך ארומגעקוקט.

אבלאַמאָוו

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און אַריינגעלייגט די אַרבייט אין קערבעל אַריין.

— לאָמיר צוגעהן צום וועלדעל, — האָט זי געזאָגט, דער־לאַנגענדיג אים דאָס קערבעל צום טראָגן און אַליין האָט זי געעפּענט דעם שירעם, פאַררוקט דאָס קלייד און גענומען געהן. — וואָרום זייט איר ניט פרעהליך? — האָט זי אים געפרעגט.

— איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, אָלגא סערגיעוונא, — האָט ער געענטפערט. — און וואָס איז אויף מיר די שמחה? און ווי אַזוי פרעהט מען זיך דאָס?

— פאַרנעמט זיך מיט עפּעס, קומט אָפטער צווישען מענשען, — האָט געזאָגט אָלגא.

— פאַרנעמען זיך מיט עפּעס! פאַרנעמען זיך מיט עפּעס קאָן מען בלויז דאַמאָלט, ווען מען האָט אַ ציל אין לעבען. אָבער וואָס פאַר אַ ציל האָב איך? איך האָב קיין ציל ניט.

— דאָס לעבען אַליין איז אַ ציל פאַר זיך.

— ווען דו ווייסט ניט פאַרוואָס דו לעבסט, לעבסטו דורך דיינע טעג אָן אינטערעס. פרעהסט זיך וואָס דער טאָג איז אַריבער און עס איז געקומען די נאַכט, און אין שלאָף טראַכסטו וועגען דעם, צו וואָס האָט מען געדאַרפט אין גאַנ־צען דעם היינטיגען טאָג, און צו וואָס דאַרפסטו דעם מאָרגענ־דיגען האָבען.

שווייגענדיג און מיט אַ שטרענגען בליק האָט זי זיך איינ־געהערט צו זיינע רייד. אין די אַראָפּגעלאָזענע ברעמען איז געווען פאַרהוילען אַן אומפאַרייטדליכקייט, אין די קנייטשען פון די ליפּען איז ווי אַ שלאַנג אַרומגעקראָכען פאַראַכטונג און אומצופריעדענהייט.

— צו וואָס לעבען? — האָט אָלגא אַרויסגערעדט. — איז דען מעגליך, אַז עמיצענ'ס לעבען זאָל זיין אומנוציג?

— יאָ, זער מעגליך, — האָט געזאָגט איליאַ איליטש. — למשל, מיין לעבען...

— איר ווייסט נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג ניט, וואָס עס

איז דער ציל פון אייער לעבען? — האָט אים אָלגאַ געפרעגט, אפשטעלענדיג זיך. — איך גלויב עס אייך ניט, איר זאָגט אויף זיך אַ בלבול, ווארים, ווען דאָס זאָל זיין אַן אמת, וואָלט איר ניט ווערט געוועזן צו לעבען...

— איך בין שוין דורכגעגאַנגען דעם פונקט, וואו דער ציל דאַרף זיך געפינען, און דאָרט, וואו איך דאַרף נאָך דורכגעהן, איז שוין קיין ציל ניט דאָ...

ער האָט אַ זיפץ געטאָן, און זי האָט זיך צושמייכעלט.

— איז שוין קיין שום ציל ניט דאָ? — האָט זי פרעגענ־דיג איבערגעזאָגט זיינע ווערטער, אָבער אַזוי לעבעדיג, אַזוי פרעהליך, און מיט אַ געלעכטער, אַזוי ווי זי וואָלט ניט געגלויבט זיינע רייד און וואָלט פאַראויסגעזען, אַז עפּעס האָט ער נאָך אויף זיין לעבענס־וועג.

— איר מעגט זיך לאַכען, — האָט זיך איליאַ איליטש אָפּ־גערופען, — אָבער אַזוי איז עס פּאַרט!

איינצווייגענדיג דעם קאָפּ, איז זי שטיל ווייטער געגאַנגען.

— צוליב וואָס, צוליב וועמען האָב איך צו לעבען? — האָט געריידט אָבלאָמאָוו, נאָכגעהענדיג נאָך איר. — איך האָב ניט נאָך וואָס צו שטרעבען, איך האָב ניט אויף וואָס צו ווענ־דען מיין בליק, ארום וואָס צו קאָנצענטרירען מיינע האָפנונגען. די לעבענס־בליאונג איז אָרונטערגעפאַלען, געבליבען זיינען בלויז די דערנער.

שטיל זיינען זיי ווייטער געגאַנגען. אַ צוטראַגענע האָט זי זיך איינגעהערט צו זיינע רייד. געהענדיג האָט זי אָפּגעריי־סען אַ בעז־צווייגעל און, ניט קוקענדיג אויף אים, האָט זי עס אים דערלאַנגט.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטען? — האָט אָבלאָמאָוו גע־פרעגט, ווערענדיג פאַרציטערט.

— איר זעט דאָך: אַ צווייגעל.

— וואָס פאַר אַ צווייגעל? — האָט ער געפרעגט, אָנ־שטרענגענדיג אויף איר ביידע אויגען.

— אַ בעז־צווייגעל.

אַבלאַמאָוו

— איך ווייס... אבער וואָס שטעלט עס מיט זיך פאָר?
— לעבענס־בליאונג און...
זי האָט זיך אפגעשטעלט.
— און? — האָט ער, פרעגענדיג, ווידערהאָלט.
— און מיין ערגערניש, — האָט זי געזאגט, קוקענדיג אויף אים אנגעשטרענגט און גלייך אין די אויגען, און איר שמייכעל האָט געזאגט, אז זי ווייס, וואָס זי טוט.
דער נעבעל פון אונדורכדרינגליכקייט איז ארונטערגעפאַלען פון איר. איר בליק האָט אנגעהויבען צו רעדען און דערצעהלען. זי האָט אזוי ווי צופלייסען אויפגעמישט דאס בוך אויף א געוויסער זייט און ערלויבט דורכצולעזען א פארהייליגטע שטעל.
— הייסט עס, אז איך מעג האָפען, — האָט אבלאָמאָוו מיטאמאָל אויסגעשריען א דערפרעהטער.
— אלץ. אבער...
זי איז שטיל געבליבען.
ער איז אזוי ווי מיטאמאָל אויפגעשטאנען תחית המתים. זי האָט אים פשוט ניט דערקאנט: דאס פארשלאָפענע, פארנעבעלטע געזיכט איז מאָמענטאַל פארענדערט געווארען, די אויגען זיינען געווארען גרעסער, עס האָט זיך באוויזען א פארב אין די באקען. זיין מוח האָט זיך גענומען באוועגען, פון די אויגען האָט א לויכט געטאָן ווילען און באגער. אָלגאַ האָט דורכגעלעזען אין דעם דאָזיגען שטומען שפּיל פון געזיכט, אז אבלאָמאָוו האָט אין דעם מאָמענט באקומען א ציל אין לעבען.
— עס עפענט זיך... ווידער עפענט זיך פאר מיר דאס לעבען... — האָט ער אנגעהויבען רעדען ווי פון היץ. — אָט איז עס, אין אייערע אויגען איז דאס לעבען, אין אייער שמייכעל, אין אָט דעם צווייגעל... אלץ איז...
— ניין, ניט אלץ... א העלפט.
— די בעסערע?
— דאַכט זיך, אז יאָ, — האָט זי געזאגט.
— וואו איז די אנדערע העלפט?

א. א. גאַנטשאַראָוו

— זוכט איר.

— צו וואס?

— כדי ניט צו פארלירען די ערשטע, — האָט זי געזאגט און דערלאנגט אים די האנד, און זיי האָבען זיך געלאזען געהן אהיים.

און א באגייסטערטער האָט ער בגנבה געווארפען בליקען אמאָל אויף איר פיגור, אמאָל אויף איר קעפעל, אויף אירע לאָקען און אלץ שטארקער געדריקט אין דער האנד דאס צווייגעל.

— דאָס אלץ איז מיינס, מיינס! — האָט ער איינגעטענה'ט מיט זיך, ניט גלויבענדיג אליין אין דעם.

— איר וועט זיך דאך שוין ניט איבערקלייבען אין ווי־בורגער קווארטאל? — האָט זי אים געפרעגט, ווען ער איז אהיים געגאנגען.

ער האָט זיך צולאכט און אפילו ניט אנגערופען זאכאר'ן אידיאָט.

9.

פון דעם טאָג אָן זיינען שוין קיין פלוצליכע פארענדערונ־גען ניט פאָרגעקומען מיט אָלגא'ן. זי האָט זיך געהאלטען מיט איר טאַנטע און אין דער געזעלשאפט פון מענשען, פונקט אזוי העפליך ווי פריער, אָבער געלעבט און געפילט דאָס לע־בען האָט זי בלויז מיט אָבלאָמאָוו'ן. זי האָט שוין מער ביי קיינעם קיין עצות ניט געפרעגט ווי צו האנדלען, ניט פארלאָזט זיך אויף קיינעמס אויטאָריטעט.

און אין דער מאָס ווי עס האָבען זיך פאר איר אנטפלעקט אלע נייע זייטען פון לעבען, האָט זי אָנגעשטרענגטערהייט באַ־אָבאַכט אלע ערשיינונגען, וואכיג זיך איינגעהערט צו דער שטימע פון איר אינסטינקט און גלייך פארגליכען עס מיט די פאַר באאָבאַכטונגען, וואָס זי האָט געמאכט אין איר לעבען און געגאנגען פאָרזיכטיג, טאפּענדיג מיט'ן פוס די ערד, אויף וועל־כער איר איז פאָרגעשטאנען צו טרעטען.

זי האָט ניט געהאט מיט וועמען זיך צו בעראטען, ביי וועמען צו פרעגען אן עצה. ביי דער טאַנטע? די טאַנטע פלעגט זיך אָבער אזוי דורכשארען דורך אזוינע פראגען און אָלגא האָט קיינמאָל ניט געוואוסט איר מיינונג און שטאָלץ איז ניט געווען אין דער היים.

איר לעבען האָט זיך אָנגעפילט אזוי שטיל, אזוי אומ־באמערקט פון יעדען איינעם, אז זי האָט זיך געקאָנט לעבען אין איר ספערע, ניט ציענדיג קיין אויפמערקזאמקייט. זי האָט געטאָן דאָס, וואָס פריער, אָבער געטאָן האָט זי עס איצט אנדערש.

זי איז איצט אויך געפאָרען אין פראנצויזישען טעאטער, אָבער דער אינהאַלט פון דער פּיעסע האָט איצט געהאט עפּעס א צוזאמענהאנג מיט איר לעבען. ווען זי האָט איצט געלעזען א בוך, האָט זיך כמעט שטענדיג אין אים געפונען שורות, וואָס

האָבען געפינקעלט מיט פונקען פון איר מוח, וואו ניט וואו איז דאָס בוך דורכגעשטראַלט געוואָרען פונ׳ם פייער פון אירע געפילען, עס האָבען זיך אין בוך געפונען ווערטער, וואס זי האָט ערשט נעכטען געהאט געזאָגט, אזוי ווי דער פּראָפעסער וואָלט זיך אונטערגעהערט צו דעם קלאַפּען פון איר הארץ.

אין וואלד שטעהען נאָך אלץ דיזעלבע בוימער, אָבער אין זייער גערויש האָט זיך לעצטענס דערפילט א נייער זין. צווי־שען די בוימער און איר האָט זיך איינגעשטעלט א האַרמאָניע. די פייגעל צווישערען שוין מער ניט גלאַט אזוי זיך, נאָר זיי פירען צווישען זיך שמועסען. אלץ ארום איר רעדט, אלץ אָטעמט אין איינקלאַנג מיט אירע געפילען. זי האָט אזוי ווי געהערט דאָס אָטעמען פון קנאָספּ, ווען ער האָט זיך פאַנאַנ־דערגעעפענט.

און אירע חלומות זיינען פול מיט געשטאַלטען, מיט וועלכע זי האָט טיילמאָל גערעדט אויפ׳ן קול... טיילמאָל דער־צעהלען זיי איר עפּעס, אָבער אזוי ניט קלאָר, אז עס איז איר שווער זיי צו פאַרשטעהן, זי מיט זיך צו ריידען מיט זיי, און אלץ, וואס עס גערינגט איר ארויסצוברענגען פון מויל איז ניט קלאָר, אומפאַרשטענדליך. בלויז קאַטיא דערצעהלט איר אין־דער־פרי, אז זי האָט גערעדט פון שלאָף.

זי האָט זיך דערמאָנט שטאָלץ׳ס פאָראויסזאָגונגען: ער האָט איר אָפטמאָל געזאָגט, אז זי האָט נאָך ניט אָנגעהויבען צו לעבען, און טיילמאָל פלעגט פאַסירען, אז זי האָט זיך גע־פילט באַליידיגט, וואָס ער האַלט זי נאָך פאַר א קליין מיידעל, ווען זי איז שוין אַלט צוואַנציג יאָר. איצט האָט זי פאַרשטאַ־נען, אז ער איז געווען גערעכט, אז זי הויבט ערשט איצט אָן צו לעבען.

— ערשט דאמאָלט, ווען עס וועלען זיך צושפּילען די קרעפטען פון אייער אָרגאַניזם, וועט זיך צושפּילען דאָס לעבען ארום אייך, און איר וועט דערזען דאָס, וואָס אייערע אויגען זיינען נאָך איצט ניט אימשטאַנד צו זען, און דערהערען וועט איר דאָס, וואָס איר קאָנט נאָך איצט ניט הערען: איר וועט

דערהערען ווי עס זינגען די נערוועז, ווי עס וואקסט דאָס גראָז. איילט זיך ניט, ווארט, עס וועט פון זיך אליין קומען! — האָט ער איר געוואָרענט.

און עס איז געקומען.

„דאָס האָט זיך, אפנים, דער אָרגאניזם אויפגעכאַפּט, עס האָבען זיך צושפּילט אין מיר מיינע כוחות...״ האָט זי גערעדט מיט זיינע ווערטער, וואכיג איינהערענדיג זיך אין יעדען אומ־באקאנטען ציטער פון איר קערפּער, און מיט שאַרפע בליקען זיך איינקוקענדיג אין יעדער נייער ערשיינונג פון די ניי ער־וואַכטע קרעפטען.

זי איז ניט אריינגעפאלען אין קיין חלומות, ניט אונטער־געגעבען זיך צו דעם פּלוצליכען ציטער פון די בלעטער, צו די זעאונגען, וואָס זי האָט געזען אין שלאָף, צו דעם געהיימניס־פולען געמורמעל, וואָס האָט זיך געטראָגען איבער איר ביי נאכט, פּונקט ווי עמעץ וואָלט זיך איינגעבויגען איבער איר און איר איינגערוימט אין אויער עפּעס אומפאַרשטענדליכעס און אומקלאָרעס.

„נערוועז!״ זאָגט זי אמאָל מיט אַ שמייכעל, דערשטי־קענדיג אין זיך די טרערען, און מיט די לעצטע קרעפטען קוים אויסהאַלטענדיג דעם קאַמף פון די שוואכע נערוועז מיט די אויפגעוואכטע קרעפטען.

זי הויבט זיך אויף פון בעט, טרינקט אויס אַ גלאָז וואסער, עפענט דאָס פענסטער, ווישט זיך אָפּ מיט אַ טיכעל דאָס פּנים און ניכטערט זיך אויס פון די חלומות, וואָס זי האָט אויפ׳ן וואָר און אין שלאָף.

און קוים עפענט אַבלאָמאָוו נאָר אויף אין־דער־פרי זיינע אויגען, איז דאָס ערשטע, וואָס זיין פאַרשטעלונג זעט — אָלגאַ׳ס געשטאַלט אין דער גאַנצער גרויס מיט׳ן בעז־צווייגעל אין דער האַנט. ער שלאָפט איין מיט׳ן געדאַנק וועגען איר, און זי איז מיט אים ווען ער לעזט, ווען ער געהט שפּאַצירען.

ער האָט אין די געדאַנקען געפירט מיט איר אַן אומאויפ־הערליכען געשפּרעך סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. צו דער

א. א. גאנטשאראוו

„געשיכטע פון אנטדעקונגען און ערפינדונגען" האט ער צוגע־לייגט אלץ נייע אנטדעקונגען אין דער אויסערליכער זייט פון אלגא'ן און אין איר כאראקטער, ער האט ערפונדען צופאלען צו קאנען זיך אומגעריכט באגעגענען מיט איר, שיקען איר ביכער, מאכען איר סורפריזען.

ער האט פארטגעזעצט אין דער היים דעם געשפרעך, וואס ער האט מיט איר געפירט, ווען זיי האבען זיך געזען עס פלעגט פאסירען, אז עס איז גראד אריינגעקומען זאכאר, און ער האט זיך צו אים געווענדט מיט אן אומגעוועהנליך ווייכער און צארטער שטימע, מיט וועלכע ער האט אין די געדאנקען גערעדט מיט אלגא'ן, און אים אזוי זאגען:

— דו האסט שוין ווידער, פערד איינער, מיר ניט לאנג צוריק דערלאנגט ניט אפגעפוצטע שיך, גיב אכטונג, איך וועל זיך מיט דיר פאר דעם אלעם גאנץ גוט אפרעכענען.

און פון דעם מאמענט אן, ווען אלגא האט פאר אים דאס ערשטע מאל געזונגען, איז פארשוואונדען פון אים זיין זארג־לאזיגקייט: ער האט שוין מער ניט געלעבט מיט זיין פריערדי־גען לעבען, ווען אים איז געווען אלץ איינס צי ער ליגט אויף דער סאפע און קוקט אויף דער וואנט, אדער עס זיצט ביי אים אלעקסעיעוו, אדער ער אליין געפינט זיך ביי זיין פריינד איוואן געראסימאוויטש; טעג, ווען ער האט גאר ניט ערווארט נים פון טאג און ניט פון דער נאכט.

אבער איצט האט דער טאג און די נאכט, און יעדע שעה פון מארגען און פון אוונט געהאט זיין פנים. אדער ער איז געווען פון גוטהארציגקייט באשטראלט, אדער ער איז געווען פארבלאז און אומעטיג. דאס איז געווען אפהענגיג דערפון צי די שטונדע איז אנגעפילט געווען פון אלגא'ס אנוועזענהייט, אדער איז פארבייגעגאנגען אן איר און איז דאן, זעלבסטפאר־שטענדליך, געווען לאנגווייליג און אן לעבען.

זיין קאפ איז געווען פול מיט האפנונגען, אנונגען, פאר־אויסזעאונגען, און דאס אלץ האט זיך געדרעהט ארום דעם, צי ער וועט זי יא, אדער ניט זען היינט. וואס וועט זי טאן און

אבלאמאוו

זאָגען? ווי וועט זי א קוק טאָן אויף אים? וואָס פאר אַן אויפטראג וועט זי אים געבען? וועגען וואָס וועט זי אים פרע־גען, און וועט זי יאָ, אָדער ניט זיין צופרידען? אָט די גע־דאנקען און איבערלעגונגען זיינען געוואָרען די וויכטיגסטע פראגען פון זיין לעבען.

„אך, ווען עס וואָלט מעגליך געווען געניסען בלויז די ווארעמקייט פון דער ליבע און ניט דארפען פארזוכען פון אירע דאגות! — האָט ער גע׳חלומ׳ט.

אבלאָמאָוו האָט שוין אויך דורכגעלעזען א פאָר ביכער. אָלגא האָט אים געבעטען, אז ער זאָל איר דערצעהלען זייער אינהאלט און מיט אַן אומגלויבליכען גערולד האָט זי זיך איינ־געהערט צו זיינע רייד. ער האָט אָנגעשריבען איינינע בריף אין דאָרף אריין, איבערגעביטען דעם סטאראָסטאַ, אריינגעזאנגען אין באציאונגען, מיט דער הילף פון שטאָלצ׳ן, מיט איינעם פון זיינע שכנים. ער וואָלט שוין געהאט אוועקגעפאָרען אין דאָרף, ווען ער וואָלט גערעכענט פאר מעגליך זיך צושיידען אויף א צייט מיט אָלגאַ׳ן.

ער האָט מער ניט געגעסען אין אָוונט, און עס זיינען שוין אפילו אריבער צוויי וואָכען וואָס ער ווייס ניט וואָס עס הייסט זיך צולייגען אויף דער סאָפע.

אין א צייט פון א צוויי־דריי וואָכען זיינען זיי אויסגע־פאָרען אַלע אומגעגענדען פון פעטערסבורג. די טאנטע, אָלגאַ, דער באראָן און ער האָבען באזוכט אַלע קאָנצערטען, וואָס זיי־נען געגעבען געוואָרען אויף דער פרייער לופט אויסערהאלב פעטערסבורג.

ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן אָבלאָמאָוו׳ן, וואָלט ער ווייטער פון פארק קיין טראָט ניט געמאכט. אָבער אָלגא האָט אַלץ אויסגעזוכט נייע פלעצער וואו ארויסצופאָרען, און קוים האָט ער זיך נאָר אָנגעהויבען צו קווייקלען וואָס צו ענטפערען אויף אַן איינלאדונג ערגעץ־וואו ארויסצופאָרען, האָט זי שוין געזען, אז זיי זאָלען יאָ ארויספאָרען. און דאמאָלט איז ניט געווען קיין ענדע צו אירע שמייכלען. א פינף וויאָרסט ארום

זייער זומער־זאווינונג איז ניט געווען קיין איין בערגעל, אויף וועלכען אָבלאָמאָוו איז ניט ארויפגעקראָכען צו איייניגע מאָל.

און דערווייל איז די סימפּאַטיע צווישען זיי אַלץ שטאַרקער געוואָרען, און זיך ארויסגעוויזען אין אַלע זייערע באַציאונגען. אָלגא האָט זיך פאנאנדערגעבליט צוזאמען מיט'ן געפיל. אין די אויגען איז צוגעקומען ליכטיגקייט, אין אירע באוועגונגען — גראציע. איר בוזעם האָט זיך אזוי פּראכטפול אנטוויקעלט און אזוי פּינקטליך באוועגט זיך.

— דו ביזט דאָ שענער געווארען, אָלגא, — פלעגט איר זאָגען די טאַנטע. אין דעם באַראָנ'ס שמייכעל האָט זיך אויסגעדריקט דער זעלבער קאָמפּלימענט.

רויטלענדיג זיך האָט אָלגא אוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף דער טאַנטע'ס פּלייצע. צערטליך האָט די טאַנטע געגלעגט איר די באַקען

— אָלגא, אָלגא! — האָט פארזיכטיג און כמעט פליסטערענדיג איינמאָל אָבלאָמאָוו גערופען אָלגא'ן צופוסענס פון א באַרג, וואו זי האָט באַשטימט, זיך צו טרעפען, אום פון דאָרט צו געהן שפּאַצירען.

עס הערט זיך קיין ענטפער ניט. ער נעמט ארויס דעם זייגער.

— אָלגא סערגיעוונא! — האָט אָבלאָמאָוו אויסגערופען אויפ'ן קול.

אָלגא איז געזעסען אויפ'ן באַרג און געהערט זיין רופען און געשוויגען. זי האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטען ניט פאנאַנדער צולאכען זיך. זי האָט אים געוואָלט צווינגען ארויפגעהן אויפ'ן באַרג

— אָלגא סערגיעוונא! — האָט ער אויסגערופען, דורכשפּארענדיג זיך דורך די בושען ביז'ן העלפט פון באַרג און ארויפקוקענדיג אין דער הויך. „זי האָט באַשטימט אויף האַלב זעקס”, האָט ער גערעדט צו זיך אליין.

זי האָט מער ניט געקאָנט איינהאַלטען דאָס געלעכטער.

אבלאמאוו

— אָלגאַ, אָלגאַ! איר זייט גאָר אויבען! — האָט ער געזאָגט און ארויפגעקראָכען אויפ'ן שפּיץ פון בארג.

— אן איינפאל! באַהאלטען זיך אויף בערג! — האָט ער געזאָגט און געזעצט זיך לעבען איר. — כדי מיך צו מאַטערען, מאַטערט איר זיך אליין.

— פון וואנען קומט איר? גלייך פון דער היים? — האָט געפרעגט אָלגאַ.

— ניין, איך בין פריער צו אייך פארגאנגען. דאָרט האָט מען מיר געזאָגט, אז איר זייט אוועקגעגאנגען.

— וואָס האָט איר היינט געטאָן? — האָט זי אים געפרעגט.

— היינט...

— געקריגט זיך מיט זאכאר'ן, — האָט זי פארענדיגט.

ער האָט זיך צולאכט, ווי דאָס וואָלט געווען אן אוממעגליכע זאך.

— גראָד ניט, איך האָב געלעזען אַ צייטונג. אָבער הערט זיך נאָר איין, אָלגאַ...

אָבער ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, ער האָט זיך בלויז אוועקגעזעצט לעבען איר און פארזונקען געוואָרען אין באטראַכטען איר פּראָפיל, איר קאָפּ, די באוועגונגען פון איר האנט, וואָס זי האָט געמאכט ארייִנשטעלענדיג און ארויסנעמענדיג די נאָדעל פון דער קאנווע. ער האָט אנגעשטעלט אויף איר אַ בליק ווי אַ ברען-גלאָז, און אים ניט געקאָנט אָפּרייסען פון איר, זי האָט זיך ניט גערירט. בלויז איר בליק האָט זיך געווענדט אמאָל רעכטס, אמאָל לינקס, אמאָל אין דער הויך, אמאָל אין דער נידער, אָפּהענגיג דערפון, ווי עס האָט זיך באַוועגט איר האנט. אין אים איז פארגעקומען אן אנגעשטרענגטע טעטיגקייט: דאָס בלוט האָט שטאַרקער פּולסירט, טאָפּעלט שטאַרק האָט געשלאָגען דאָס הארץ. דאָס האָט געווירקט אויף אים, אז ער האָט געאָטעמט אָפּגעהאקט און שווער, ווי מען אָטעמט איידער מען ווערט היינגעריכט, און אין דעם מאָמענט ווען דער גייסט איז אמהעבסטען.

א. א. גאַנטשאַראָוו

ער האָט אויך געשוויגען און ניט געקאָנט זיך א ריר טאָן, בלויז די אויגען, וואָס זיינען געווען פייכט פון אנטציקונג זיי־נען געווען געווענדט צו איר.

פון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפען אויף איהם א טיי־פען בליק, געלעזען אין זיין פּנים דעם ניט זער פארשטעלטען געדאנק און געטראכט: „גאָט מיינער! ווי שטאַרק ער האָט ליב! אָ, ווי ער איז צערטליך, אָ, ווי ער איז צערטליך!" און זי האָט באוואונדערט און שטאָלצירט מיט דעם מענשען, וואָס איז געלעגען, א דאנק איר קראפט, ביי אירע פיס.

דער מאָמענט פון סימבאָלישע אַנדייטונגען, פיל־זאָגענדיגע שמייכלען און בעז־צוויינלער, איז פארביי אויף שטענדיג. די ליבע איז געוואָרען שטרענגער מאָנענדער, האָט גענומען פאר־וואנדעלט ווערען אין א פליכט; עס האָבען זיך באוויזען גע־גענזייטיגע רעכט. ביידע צדדים האָבען זיך אַלץ מער און מער גענומען אנטפּלעקען: די אונטערשידען און די ניט־איינשטי־מיגקייטען זיינען פארשוואונדען, אָדער אָפּגעטראָטען דעם פּלאַץ פאר מער פּאָזיטיווערע זייטען פון לעבען.

זי האָט אים אַלץ געשטאָכען פאר די אומזיסט פאר־בראכטע יאָרען. זי האָט געשטראָפט זיין אַפּאטיע פיל טיפער און ווירקזאמער ווי שטאָלץ. דאָס איז געווען דערפאר, ווייל וואָס מער זי האָט זיך דערנעהענטערט צו אים, זיינען אירע שטעך־ווערטלעך אויף זיין פוילער עקזיסטענץ פארוואנדעלט געוואָרען אין א דעספּאָטישען ווילען און זי האָט אים גענומען איינגע׳עקשנ׳ט דערמאָנען אָן די צילען און פליכטען פון לע־בען און שטרענג געפאָדערט, אז ער זאָל זיך נעמען באוועגען, אומאויפהערליך האָט זי זיך געווענדט צו זיין שכל, זי האָט אים פארפּלאָנטערט אין פראגען וואָס זיינען איר געווען קלאָר און געווענדט זיך צו אים ווענען די פראגען, וואָס זיינען איר געווען אומפארשטענדליך, אומקלאָר.

און ער האָט זיך געהאלטען אין איין ברעכען דעם קאָפּ, כדי ניט אראָפּצופאלען אין אירע אויגען. ער האָט איר געהאָל־פען קלאָר ווערען אין פילע פארפּלאָנטערטע פראגען.

אבלאמאוו

איר גאנצע טאקטיק איז געווען דורכגעדרונגען מיט צערט־ליכקייט. אלע זיינע באמיאונגען נאכצופאלגען די באוועגונגען פון איר מוח, האבען געאטעמט מיט ליידענשאפט.

אבער אפטער זיינען אים אויסגעגאנגען די כוחות און ער האט זיך געלייגט צו אירע פיס, צוגעלייגט די האנט צו דער ברוסט און איינגעהערט זיך ווי עס קלאפט זיין הארץ, האל־טענדיג דערביי געוועגדט אויף איר אן ענטציקענדען און בא־וואונדרענדען בליק.

„ווי ער האט דאס מיך ליב!“ האט זי געזאגט צו זיך אין די מינוטען און באוואונדערט אים. און אויב זי האט אמאל באמערקט אין אים, אין זיין נשמה עפעס פון זיינע פריערדיגע שטריכען, — און געקאנט האט זי טיף קוקען אין זיין נשמה, — די קלענסטע שפורען פון מידקייט, א קוים באמערקטע אפא־טיע, האבען זיך גלייך אויף אים גענומען שיטען פארוואורפען אין וועלכע עס איז טיילמאל געווען צוגעמישט א ביטערקייט פון חרטה, די מורא פאר א באגאנגענעם פעלער.

און ווען ער קלייבט זיך אמאל א גענעץ טאן און ער עפענט שוין דאס מויל, ווערט ער איבערראשט פון איר ער־שטוינטען בליק, וואס איז געווענדט אויף אים און ער גיט מא־מענטאל א מאך־צו זיין מויל, אז עס גיבען אזש א קריץ די ציין. זי האט פארפאלגט אפילו דעם קלענסטען שאטען פון פארשלאפענקייט אין אים. זי האט אים געפרעגט ניט נאר וואס ער מאכט, נאר אפילו וואס ער קלייבט זיך צו טאן.

און נאך מער ווי פון די פארוואורפען, האט אין אים אויפ־געוואכט דער מוט, ווען ער האט באמערקט, אז פון זיין מיד־קייט ווערט זי מיד, נאכלעסיג און גלייכגילטיג. אין אזא מאמענט האט גלייך אויפגעוואכט אין אים א פיבערהאפטע טעטיגקייט און דער שאטען איז פארשוואונדען.

אבער די אלע דאגות זיינען נאך דערוויל ניט ארויסגע־געגאנגען פון דעם מאגישען קרייז פון ליבע. זיין גאנצע טע־טיגקייט איז דערווייל געווען א נעגאטיווע: ער שלאפט ניט, לעזט, טיילמאל קלייבט ער זיך צו פארענדיגען דעם פלאן, געהט

און פּאַרט אַ סך אַרום. אָבער דער ציל אַליין איז נאָך ניט דער־גרייכט, ער געפינט זיך ערשט אין זיינע אַבזיכטען.

— וואָס נאָך פאַר אַ לעבען און טעטיגקייט וויל דאָס האָבען אַנדרעי? — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו, אויסגלאָצענדיג די אויגען נאָכ'ן מיטאָג, כדי ער זאָל ניט איינשלאָפען, — איז דען דאָס קיין לעבען ניט? איז דען ליבע ניט קיין טעטיגקייט? זאָל ער עס פּרובירען! יעדען טאָג — צען וויאָרסט צו־פוס! נעכטען האָב איך גענעכטיגט אין שטאָדט אין אַ לומפּיגען גאַסט־הויז, אָן אָנגעטועגער, בלויז אָן שטיוועל, אָן זאַכאַר'ן, און דאָס אַלץ אַ דאַנק איר.

אַם פיינליכסטען איז געוועזן פאַר אים, ווען אָלגאַ פלעגט אים פאַרלייגען אַ ספּעציעלע פראַגע און פאָדערען פון אים, ווי פון אַ פּראָפעסאָר אַ צופרידענשטעלענדען ענטפער. און דאָס האָט מיט איר אָפט פּאַסירט, און דאָס איז ניט געקומען פון פּעדאַנטיזם, נאָר פון אַ פּשוט'ן פאַרלאַנג עס צו פאַר־שטעהן. זי האָט אפילו אָפט פאַרגעסען אירע צילען אין באַצוג אויף אָבלאָמאָוו'ן און איז פאַראינטערעסירט געוואָרען מיט דער פראַגע אַליין.

— פאַרוואָס לערנט מען אונז ניט דאָס? — פלעגט זי זאָגען מיט ערגערניש, איינהערענדיג זיך אַמאָל מיט גייציג־קייט צו אָפּגעריסענע שטיקלעך פון אַ געשפּרעך אויף אַ טעמאַ, וואָס מען האָט געהאַלטען, אַז עס איז אומנויטיג פאַר פרויען צו וויסען וועגען דעם.

איינמאָל איז זי צו אים צוגעטראָטען מיט אַן אַסטראָנאָ־מישער פראַגע. אַזוי ווי ער איז געוועזן אומפאָרזיכטיג און בארופען זיך אויף הערשעל'ן, האָט זי אים געשיקט אין שטאָדט אריין, און ער האָט דאַרט געדאַרפט דורכלעזען אַ בוך און אַזוי לאַנג איר דערצעהלען, ביז זי האָט זיך צופרידענגע־שטעלט.

אַן אַנדער מאָל האָט ער ווידער, אַ דאַנק זיין אומפאָר־זיכטיגקייט, אַרויסגערעדט זיך אין אַ געשפּרעך מיט'ן באַראָן וועגען פאַרשידענע שולען אין דער מאָלעריי — האָט ער שוין

אבלאמאוו

געהאט ארבייט אויף א וואך צייט: לעזעג, איבערגעבען איר דאס איבערגעלעזענע, דערנאך ערשט זיינען זיי געפארען אין ערמיטאזש, און דארט האט ער געדארפט אנווענדען די טעא־ריע אין דער פראקטיק.

און די גאנצע צווייטע וואך האט ער נאך געדארפט ארומ־פארען איבער די קראמען און קריגען פאר איר רעפראדוקציעס פון די בעסטע בילדער.

און דער ארעמער אבלאמאוו איז ארומגעלאפען איבער די ביכער־קראמען און גאנצע נעכט ניט געשלאפען, געבראכען זיך, געלעזען, כדי ער זאל מארגען פרי איר קאנען ענטפערען, בלומרשט אומגערן אויף דער פראגע, וואס זי האט אים נעכ־טען געשטעלט, און עס זאל מאכען דעם איינדרוק, ווי ער וואלט עס ארויסגעגראבען פון ארכיוו פון זיין זכרון.

זי האט אים געשטעלט די אלע פראגען ניט מיט ווייבער־שער צוטראגענהייט, ניט לויט א מאמענטאלען קאפריז צו באַ־קאנען זיך גראד מיט דעם, נאר איינגעשפארטערהייט, מיט אומגעדולד, און אין פאל אבלאמאוו האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען, האט זי אים געשטראפט מיט א דויערהאפטיגען, אויספרובירענדיגען בליק. א, ווי ער האט געציטערט פאר אט דעם בליק!

— וואס רעדט איר קיין ווארט ניט? וואס שווייגט איר אלץ? — האט זי געפרעגט. — מען קאן מיינען, אז אייך איז לאנגווייליג!

— אך! — פלעגט ער ארויסרעדען, ווי ער וואלט געקור־מען צו זיך נאך א צייט פון זיין אין אוממאכט. — ווי איך האב אייך ליב!

— איר מיינט עס אן אמת? אבער ווען איך זאל ניט פרעגען, וואלט מען עס גארנישט ניט געקאנט דערקענען, — האט זי געזאגט.

— פילט איר דען ניט וואס עס קומט אין מיר פאר? — האט ער אנגעהויבען. — איר ווייסט, מיר איז אפילו שווער צו רעדען. אט דא... גיט מיר אייער האנט, עפעס שטערט

מיר צו רעדען, ווי א שווערער שטיין וואָלט געלעגען, ווי עס פּאַסירט אין צייטען פון א גרויסען אומגליק... עס איז זאָנ־דערבאר: אין אָרגאַניזם קומט פאָר אין א צייט פון אן אומ־גליק און אין דער צייט פון גרויסער פרייד דערזעלבער פּראָ־צעס: עס איז שווער, כמעט אוממעגליך צו אָטעמען, עס ווילט זיך וויינען! ווען איך זאָל זיך איצט אויסוויינען וואָלט מיר, פונקט ווי אין א צייט פון אן אומגליק, געוואָרען פיל לייכטער...

שווייגענדיג האָט זי א קוק געטאָן אויף אים, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען אין דעם אמת פון זיינע רייד און האָט פאַרגליכען זיי מיט דעם וואָס עס איז געווען אויפגע־שריבען ביי אים אויפ׳ן פּנים, און א שמייכעל געטאָן: די פאַרגלייכונג איז געווען צופרידענשטעלענד. אויף איר פּנים איז געווען אויסגעגאָסען אזא רואיג גליק, וואָס מען האָט, דאכט זיך, ניט געקאָנט מיט קיין שום זאַך אויפרייצען. עס איז געווען קלאָר, אז איר איז ניט געווען שווער אויפ׳ן הארצען, נאָר, פאַרקערט, גוט, ווי עס איז געווען אלץ אין דער נאטור אין דעם דאָזיגען שטילען־פרי־מאָרגען.

— וואָס איז מיט מיר? — האָט אזוי ווי זיך אליין געפרעגט אָבלאָמאָוו, א פאַרטראַכטער.

— זאָגען אייך?

— זאָגט.

— איר זייט... פאַרליבט.

— יאָ, זיכער, — האָט ער באַשטעטיגט, אוועקרייסענדיג איר האַנט פון דער קאַנווע, אָבער ער האָט ניט געקושט די האַנט, נאָר האָט בלויז די שפּיץ פינגער פעסט צוגעדריקט צו זיינע ליפּען און האָט, דאכט זיך, געקליבען זיי האַלטען אזוי א לאַנגע צייט.

— לאָזט אָפּ, געגוג שוין, — האָט געזאָגט אָלגא סער־גיעוונא.

— און איר? — האָט ער געפרעגט. — איר... איר זייט ניט פאַרליבט?

— פאַרליבט? ניין!... איך האָב ניט ליב דאָס וואָרט.

איך האָב אייך ליב! — האָט זי געזאָגט און געקוקט אויף אים לאַנג, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען, צי זי האָט אים טאַקע ליב.

— איך האָב ליב! — האָט ארויסגערעדט אַבלאָמאָוו. — אָבער ליב האָבען קאָן מען דאָך אויך א מאמע, א טאַטע, אפילו א הונט. דאָס אַלץ קאָן ארומגענומען ווערען מיט דעם באַגריף „איך האָב ליב", ווי מיט אַן אַלטען...

— שלאָפראָק? — האָט זי לאַכענדיג געפרעגט. — א פראַפאָ, וואו איז אייער שלאָפראָק?

— וואָס פאַר א שלאָפראָק? איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין שלאָפראָק.

זי האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט א שמייכעל פון פאַרוואורף.

— און איר האָט ניט וועגען וואָס צורעדען, נאָר וועגען אַן אַלטען שלאָפ־ראָק! — האָט ער געזאָגט. — איך וואַרט, מיין נשמה געהט אויס פון אומגעדולד צו הערען, ווי עס ברויזט אויף ביי אייך דאָס געפיל, מיט וועלכען נאָמען איר וועט דעם אויסדרוק אָנרופען, און איר... זאָל אייך גאָט ניט שטראָפען אַלגאַ! יאָ, איך בין פאַרליבט אין אייך און איך זאָג, אַז אָן דעם קאָן ניט געמאָלט זיין אפילו פשוט'ע ליבע! אין א טאַטען, אין א מאמען פאַרליבט מען זיך ניט, זיי האָט מען ליב.

— איך ווייס ניט, — האָט זי, פאַרטראַכטערהייט, ארויסגערעדט, ווי זי וואָלט געוואָלט אריינדרינגען אין איר האַרץ און דערגרונטעווען וואָס דאָרט קומט פאָר. — איך ווייס ניט, צי בין איך פאַרליבט אין אייך, אויב ניט, איז מסתמא נאָך דער מאָמענט ניט געקומען דערפאַר. איך ווייס בלויז איין זאַך, אַז אַזוי האָב איך ניט ליב געהאַט מיין פאָטער און ניט מיין מוטער...

— און וואָס איז דער אונטערשיד? פילט איר דען עפּעס באַזונדערעס? — האָט ער זיך אָנגערופען.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— און אייך ווילט זיך זער וויסען? — האָט זי אים פיקסיג געפרעגט.

— יאָ, יאָ, יאָ! און איר האָט ניט קיין באדערפעניש ארויסצורעדען זיך?

— און ווארום ווילט זיך עס אייך אזוי וויסען? — האָט זי געפרעגט.

— כדי יעדען אויגענבליק צו לעבען מיט דעם! אי איצט, אי די גאנצע היינטיגע נאכט, אי מאָרגען, — ביז מיר וועלען זיך ווידער טרעפען... בלויז דערמיט לעב איך! — האָט אָבלאָמאָוו פארענדיגט.

— אָט זעט אליין, איר מוזט יעדען טאָג אָפפרישען אייער צערטליכקייט! אָט אין וואָס עס ליגט דער אונטערשיד צווישען א מענשען וואָס איז פארליבט און א מענשען וואָס ליבט. איך, למשל...

— וואָס איר? — האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט.

— איך האָב ליב אנדערש, — האָט זי געזאגט, איבערווארפענדיג זיך איבער דער באנק און פירענדיג די אויגען איבער די איילענדע וואָלקען. — מיר איז לאנגווייליג אָן אייך. עס איז מיר א שאָד צו צושיידען זיך מיט אייך אפילו אויף א קורצער צייט, און אויף א לענגערער — איז שווער און פיינליך. איך האָב איין מאָל פאר אלע מאָל דערזען, באגריפען און איך גלויב, אז איר האָט מיך ליב — און איך בין גליקליך, כאָטש איר האָט מיר מער ניט ווידערהאָלט, אז איר האָט מיך ליב. מער און בעסער קאָן איך ניט ליבען.

— און ווען... איר... זאָלט... שטאַרבען... — האָט זי אָנגעהויבען אָפגעהאקט צו רעדען, — וועל איך טראָגען נאָך אייך אייביגען טרויער און וועל קיינמאָל אין לעבען מער קיין שמייכעל ניט טאָן און זאָלט איר ליב קריגען א צווייטע, וועל איך אייך ניט פאַרוואַרפען, ניט שילטען אייך און וועל נאָך אין הארצען אייך ווינשען גליק... פאר מיר איז אָט די ליבע דאָס זעלבע, וואָס דאָס לעבען... און דאָס לעבען...

זי האָט געזוכט אן אויסדרוק.

אַבלאַמאַוו

— וואָס איז נאָך אייער מיינונג דאָס לעבען? — האָט אַבלאַמאַוו זי געפרעגט.

— דאָס לעבען — דאָס איז אַ חוב, אַ פליכט, פאָלגליך, איז די ליבע אויך אַ פליכט. מיר האָט גאָט אַזוי ווי צוגעשיקט די ליבע, — האָט זי געזאָגט און אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, — און געהייסען ליבען.

— אָט וואָס עס הייסט ביי אייך ליבע! — האָט ער געזאָגט פאַרטראַכטערהייט.

— יאָ, און ביי מיר, דאַכט זיך, וועט אויך קלעקען כוחות צו ליבען דאָס גאַנצע לעבען.

„ווער האָט גורם געווען דערצו? — האָט אַבלאַמאַוו געטראַכט, קוקענדיג אויף איר כמעט מיט ערפורכט. — דאָס איז דאָך צו איר ניט געקומען דורך ערפאַרונג, ניט דורך פייער און רויך איז זי דאָך געקומען צו דעם קלאָרען און פשוט'ן פאַרשטעהן פון ליבע און לעבען".

— און זיינען פאַראַן לעבעדיגע פריידען, ליידענשאַפטען? — האָט געפרעגט אַבלאַמאַוו.

— איך ווייס ניט, — האָט זי געענטפערט, — איך האָב זיי ניט דורכגעלעבט, און קען זיי ניט.

— אָ, ווי איך פאַרשטעה אַלץ אַצינד!

— מעגליך, אַז מיט דער צייט וועלען אין מיר אויך פאַרקומען די זעלבע אויסברוכען, וואָס אין אייך; מעגליך, אַז איך וועל אַמאָל קוקען אויף אייך, ווען מיר וועלען זיך באַגעגענען און ניט זיין זיכער, צי זייט איר דאָס באמת... אָבער דאָס דאַרף זיין זעהר קאָמיש! — האָט זי אַ פרעהליכע צוגעלייגט. — אוי, סאַר אַ אויגען איר שטעלט אַמאָל אויס, אַז מיר דאַכט זיך, אַז די טאַנטע באַמערקט אַלץ.

—טאָ וואָס פאַר אַ גליק ברענגט אייך די ליבע, אויב איר פילט ניט יענע לעבעדיגע פריידען, וואָס איך פיל? האָט אַבלאַמאַוו זי געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ גליק? אָט וואָס פאַר אַ גליק! — האָט זי געזאָגט, אַנווייזענדיג אויף איהם, אויף זיך, אויף דער איינ־

זאמקייט, וואָס האָט זיי ארומגערינגעלט. — אין דען דאָס ניט קיין גליק? האָב איך דען פריער אמאָל שוין אזוי געלעבט? פריער וואָלט איך דאָ ניט אויסגעזעסען אפילו א פערטעל שעה אליין אָן א בוך, אָן מוזיק! צו רעדען מיט א מאנספּארשוין, אויסער מיט אנדרעי איוואניטש'ען, איז מיר געווען לאנגוויי־ליג, און איך האָב ניט געהאט וועגען וואס צו רעדען מיט אים, און איך וואָלט אלץ געזוכט אן אויסרייד, ווי צו בלייבען אליין... אָבער איצט... איצט איז אפילו פרעהליך צו שווייגען זאלבע־נאַנד!

זי האָט געווענדט אירע אויגען צו די בוימער, צום גראָז און דערנאָך זיי אפּגעשטעלט אויף אים. זי האָט א שמייכעל געטאָן און דערלאנגט אים די האנט.

— וועט דען מיר ניט וועה טאָן, ווען איר וועט נעמען אוועקגעהן? — האָט זי צוגעלייגט. — וועל איך זיך דען ניט איילען צו לייגען וואָס פריער שלאָפען, כדי איינצושלאָפען און ניט דארפען זען די לאנגווייליגע נאכט? וועל איך דען ניט מאָרגען גאנץ פרי שיקען נאָך אייך? וועל איך דען ניט...

און מיט יעדען „וועל איך דען ניט" האָט אָבלאָמאָוו'ס געזיכט אלץ מער זיך פאנאנדערגעבליט, און די אויגען זיינען געוואָרען שטראַלענדיגער.

— יאָ, יאָ, — האָט ער איר נאָכגעזאָגט, — איך וואַרט אויך אויף דעם מאָרגען, מיר איז אויך לאנגווייליג די נאכט, אויך איך וועל אין דער פרי שיקען אימיצען צו אייך, ניט ווייל איך האָב עפּעס צו באפעלען, נאָר כדי אן איבריג מאָל ארויסצו־רעדען און דערהערען, ווי עס קלינגט אייער נאָמען, כדי אן איבריג מאָל צו הערען א פּאָר איינצעלהייטען וועגען אייך און צו קאָנען מקנא זיין די, וואָס זיי האָבען אייך שוין געזען.. מיר לעבען, האָפען, טראכטען און וואַרטען אין איין און דעם זעלבען אופן. זייט מיר מוחל, אָלגא, מיינע צווייפלונגען: איך צייג זיך איבער ,אז איר האָט מיך ליב, ווי איר האָט ניט ליב געהאט אייער פאָטער ,אייער מוטער, אייער טאָנטע, אייער...

— הינטעל, — האָט זי ארויסגערעדט און צולאכט זיך.

אבלאמאוו

— גלויבט מיר, — האָט זי פאַרענדיגט, — פונקט אַזוי, ווי איך גלויב אייך, צווייפעלט ניט און באַאומרואיגט ניט מיט פוסטע צווייפלען דאָס דאָזיגע גליק, אַז ניט קאָן עס נאָך אַוועקפליען. וואָס איך האָב איינמאָל אָנגערופען מ י י נ ס, וועל איך שוין קיינמאָל ניט צוריקגעבען, אויסער מען זאָל עס ביי מיר צונעמען. איר ווייסט, — האָט זי ארויסגערעדט מיט זיכערקייט אין איר שטימע, — אַז פאַר דעם מאָנאַט, וואָס איך קאָן אייך, האָב איך פיל איבערגעטראַכט און איבערגעלעבט... צווייפעלט ניט...

— איך קאָן ניט ניט צווייפלען, — האָט ער זי איבערגעשלאָגען, — און פאָדערט דאָס גאָרניט פון מיר. איצט, ווען איך בין נעבען אייך, בין איך זיכער אין אַלעם: אייער שטימע, אייער בליק, אַלץ אין אייך רעדט. איר קוקט אויף מיר, ווי איר וואָלט גערעדט: איך דאַרף קיין ווערטער ניט, איך קאָן לעזען אייערע געדאַנקען. אָבער ווען איר זייט ניט דאָ, הויבט זיך אָן אַזאַ פיינליך שפּיל פון צווייפעל, פון פאַרשידענע פראַגען, אַז איך מוז לויפען צו אייך אום נאָך אַמאָל אַ קוק צו טאָן אויף אייך. אָהן דעם גלויב איך ניט. וואָס זאָל דאָס באַדייטען?

— און איך גלויב אייך יאָ: פון וואַנען קומט דאָס? — האָט זי געפרעגט.

— איר זאָלט נאָך ניט גלויבען? פאַר אייך שטעהט דאָך אַ משוגע'נער, וואָס איז אָנגעשטעקט מיט ליידענשאַפט! אין מיינע אויגען, גלויב איך, קאָנט איר זיך זען, פונקט אַזוי גוט ווי אין אַ שפּיגעל. דערצו זייט איר ערשט צוואַנציג יאָר אַלט. גיט אַ קוק אויף זיך: קאָן אַ מאַנספּערזאָן, באַגעגענדיג אייך, זיך אָפּזאָגען פון באַצאָלען אייך דעם צינז פון באַוואונדערונג... ווען אפילו בלויז מיט'ן בליק? אָבער קענען אייך, הערען אייך, האָבען די מעגליכקייט צו קוקען לאַנג אויף אייך, ליבען אייך, אָ, דאָס קאָן אַ מענשען ארונטערפירען פון זינען! און איר זייט אַזוי רואיג! און אויב עס געהען פאַראיבער אַ צוויי

מעת־לעת און איך הער ניט פון אייך „איך האָב אייך ליב...” הויבט אָן די אומרואיִגקייט דורכצולעכערן...

ער האָט אָנגעוויזן אויף זיין הארץ.

— איך האָב אייך ליב! איך האָב אייך ליב! איך האָב אייך ליב! זייט איר שוין אויף דריי טעג פארזאָרגט! — האָט געזאָגט אָלגא, אויפשטעהענדיג פון דער באנק.

— איר וויצעלט זיך אַלץ, און מיר איז אזוי ניט פרעה־ליך! — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט, אַרונטערלאָזענדיג זיך מיט איר פון בארג.

און אזוי האָט זיך אָפגעשפּילט צווישען זיי אָט דער דאָזי־גער מאָטיוו אויף די פארשידענסטע אופנים. די צוזאמענ־קונפטען, די געשפּרעכען, — דאָס אַלץ איז געוועזן איין ליד, איין ליכט, וואָס האָט געלויכטען העל און איז צושפּליטערט גע־וואָרען אויף שטראַלען פון די פארשידענסטע קאָלירען, וואָס האָבען געציטערט אין דער ארומיגער אטמאָספער. יעדער טאָג און יעדע שעה האָבען געבראכט נייע שטראַלען און קלאַנגען, אָבער דער מאָטיוו איז געוועזן שטענדיג דער זעלבער.

און ער, און זי האָבען זיך איינגעהערט צו די דאָזיגע קלאַנ־גען און האָבען זיי אונטערגעכאפּט, נאָכגעזונגען זיי איינער פאר׳ן צווייטען און ניט פארדעכטיגט, אז מאָרגען וועלען אויפ־קלינגען נייע קלאַנגען, עס וועלען זיך באוויזען נייע שטראַלען און ניט געדענקט, אז נעכטען האָבען אַנדערע קלאַנגען גע־קלונגען.

זי האָט באַקליידט די געפילען פון איר הארץ אין אזוינע פארבען, וואָס האָבען גראָד אין דעם מאָמענט געברענט אין איר פאַנטאזיע, און זי האָט געגלויבט, אַז דאָס זיינען די נאַטירליכע קאָלירען, און זי האָט זיך געאיילט מיט אן אומשולדיגער און אומבאוואוסטער קאָקעטעריי צו באווייזען זיך פאַר איר פריינד אין דער שענסטער באַפּוצונג.

ער האָט נאָך מער געגלויבט אין די אַלע כשוף׳דיגע קלאַנ־גען, אין דעם באצויבערענדען שיין און ער האָט זיך געאיילט צו ערשיינען פאר איר אין דער גאַנצער באוואָפנונג פון דער

אבלאַמאָוו

ליידענשאַפט, צו ווייזען איר דעם גאַנצען גלאַנץ און קראַפט פון דעם פייער, וואָס האָט פאַרצערט זיין נשמה.

זיי האָבען ניט אָפּגענאַרט ניט זיך אליין און ניט געלייגט איינער פאַר'ן צווייטען: זיי האָבען בלויז אַרויסגעגעבען דאָס, וואָס עס האָט גערעדט זייער האַרץ.

דעם אמת זאָגענדיג איז אָבלאָמאָוו'ן ניט געווען קיין אונ־טערשיד צי אָלגאַ האָט זיך פאַר אים באַוויזען אין געשטאַלט פון קאָרדעליען, אָדער אין אַן אַנדער געשטאַלט, אַבי נאָר זי זאָל זיך פאַר אים באַווייזען אין די שטראַלען און פאַרבען אין וועל־כע זי האָט געלעבט אין זיין האַרץ, אַבי אים זאָל נאָר זיין גוט.

און אָלגאַ האָט אויך ניט געוואָלט דערגעהן, צי איר ליי־דענשאַפטליכער פריינד וועט אויפהויבען איר האַנד־שו, ווען זי זאָל איר אַ וואָרף טאָן אין אַ לייבענשטייג, צי ער וועט זיך פאַר איר וואַרפען אין אַ תהום אַריין, אַלץ וואָס איר האָט אינטערע־סירט איז געווען, אַז זי זאָל שטענדיג אין אים זען די סימפּטאָ־מען פון אָט דער ליידענשאַפט, אַז ער זאָל שטענדיג בלייבען טריי דעם אידעאַל פון אַ מאַנספּאַרשוין, און דערצו פון אַזאַ, וואָס האָט אויפגעוואַכט צום לעבען דורך איר; אַז עס זאָל שטענדיג אויפפלאַמען אין אים דער פייער פון מוט, ווען ער וועט דערזען איר שמייכעל, דעם גלאַנץ פון אירע אויגען. און אַז ער זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען זען אין איר דעם ציל פון זיין לעבען.

און דערפאַר האָט אין דעם דורכגלימערענדען געשטאַלט פון קאָרדעליען, אין דעם פייער פון אָבלאָמאָוו'ס ליידענשאַפט, זיך אָפּגעשפּיגעלט בלויז איין אויגענבליק, בלויז דאָס פאַר־גענגליכע אָטעמען פון דער ליבע, בלויז איר פרי־מאָרגען, אירס אַ קאַפּריז. מאָרגען וועט אויפשטראַלען עפּעס אַנדערש, וואָס וועט, מעגליך, זיין פונקט אַזוי שעהן, אָבער פּאָרט עפּעס אַנ־דערש...

.10

אבלאָמאָוו איז געווען אין א צושטאַנד, אין וועלכען עס געפינט זיך א מענש, וואָס האָט נאָר וואָס באגלייט די פארגע־הענדע זומער זון און האָט איצט הנאה פון די רויטע שפורען, וואָס זי האָט געלאָזען נאָך זיך; ער רייסט ניט אָפּ זיינע אויגען פון דער אוועקנד־דעמערונג און דרעהט ניט אוים דעם קאָפּ אהין, פון וואַנען עס קומט אָן די נאַכט, נאָר ער טראַכט פון די ווארימע, ליכטיגע שטראַלען, וואָס וועלען זיך מאָרגען אויף ס'ניי באווייזען.

ער איז געלעגען אויפ'ן רוקען און הנאה געהאַט פון די לעצטע שפורען פון זייער נעכטיגער באגעגעניש. „איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב!" האָט נאָך אלץ געקלונגען אין זיינע אויערען, און געקלונגען האָט עס בעסער פון אלע אָלגא'ס לידער. נאָך האָבען גערוט אויף אים די לעצטע שטראַלען פון איר טיפען בליק. ער האָט דערלעזען אין אים זיין מיין, באשטימט דעם גראַד פון איר ליבע און גענומען פאר־זונקען ווערען אין שלאָף, ווי מיט אמאָל...

אין־דער־פרי איז אָבלאָמאָוו אויפגעשטאַנען א בלייכער און א טרויעריגער. אויפ'ן פנים ביי אים זיינען געווען סימנים פון שלאָפלאָזיגקייט. דער שטערען — אין קנייטשען. די אויגען זיינען מאַט, אָהן פייער, עס איז אין זיי ניט דאָ קיין פונק ווילען. דער שטאָלץ, דער פרעהליכער, מוטיגער בליק, די גע־מעסיגטע, פול מיט באוואוסטזיין אייליגע באוועגונגען פון א פארנומענעם מענשען, — פון דעם אלעם איז קיין סימן ניטאָ.

אָהן אינטערעס האָט ער געטרונקען דעם טיי, ניט צוגערירט זיך צו א בוך, ניט צוגעזעצט זיך צום טיש. א פארטראַכטער האָט ער פארדויכערט א סיגאַר און זיך צוגעזעצט אויף דער סאָפע. פריער וואָלט ער זיך צוגעשפּארט, אָבער איצט האָט אים

אבלאמאון

אפילו ניט געצווינגען צום קישען: ער האט זיך שוין אפגעוועהנט דערפון. דאך האט ער זיך אנגעשפארט מיט'ן עלענבויגען אן קישען — א צייכען, וואס האט אנגעדייט אויף זיין פריערדיגער געוועהנהייט.

ער איז געווען טרויעריג, צייטענווייז האט ער געזיפצט, טיילמאל א צוק געטאן מיט די פלייצעס און מיט באדויערען געשאקעלט דעם קאפ.

עפעס ארבייט אין אים, אבער דאס איז ניט קיין ליבע. אלגא'ס געשטאלט שטעהט אים פאר די אויגען, אבער עס איז אזוי ווי פארנעבעלט, אהן א פונק פון ליכטיגקייט, און אזוי פרעמד. מיט קרענקליכע בליקען קוקט ער אויפ'ן געשטאלט און זיפצט.

„לעב, ווי גאט האט געבאטען, און ניט ווי דיר ווילט זיך, — איז א קלוגע רעגעל, אבער..."

און ער האט זיך פארטראכט.

„עס איז קלאר, אז מען קאן ניט לעבען, ווי עס ווילט זיך, — האט אנגעהויבען אין אים צו רעדען א פינסטערע, ווידערשפעניגסטע שטימע. — מען פאלט אריין אין ווידערשפרוכען, וואס דער מוח פון אן איינציגען מענשען וועט זיי קיינמאל ניט קאנען פאנאנדערפלאנטערען, מעג ער זיין ווי טיף און ווי העזה'דיג! נעכטען האסטו עפעס פארלאנגט, היינט האסטו עררייכט דאס, וואס דו האסט מיט די לעצטע כוחות באגערט נעכטען, און נאכדעם פארפלוכסטו דאס לעבען, ווארום עס האט פארווירקליכט דאס, וואס דו האסט אזוי שטארק באגערט, — אט וואס עס קומט ארויס פון זעלבסטשטענדיגען און העזה'דיגען שפאנען איבער'ן לעבען, פון דעם חוצפה'דיגען א י ך ו ו י ל. מען דארף געהן טאפענדיג ארום זיך, אויף פילעס פארמאכען די אויגען, ניט פאנטאזירען צופיל וועגען גליק און ניט קלאגען זיך, אז עס פארשווינדט, — אט אזוי דארף מען לעבען! ווער האט דאס אויסגעטראכט, אז דאס לעבען איז גענוס, גליק? נאראנים! „דאס לעבען איז א פליכט, — זאגט אלגא, — א חוב. און די פליכט איז א שווערע. לאמיר זי ערפילען..."

א. א. גאַנטשאַראָוו

ער האָט א זיפץ געטאָן.

— ניט זען זיך מיט אָלגאַ'ן... גאָט מיינער! דו האָסט מיר געעפענט די אויגען און אָנגעוויזען מיין פליכט, — האָט ער געזאָגט, אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל, — וואו זאָל איך נעמען כוחות? פאַנאַנדערגעהן זיך? איצט קאָן מען עס נאָך טאָן, אמת, מיט גרויסע יסורים, אָבער דערפאר וועסטו זיך ניט דאַרפען שפּעטער פארשעלטען, פארוואָס דו ביסט זיך ניט צוגאַנגען! און באַלד וועט מען קומען פון איר, זי האָט געוואָלט שיקען... זי ערווארט ניט...

וואָס איז געווען די אורזאַך? וואָס פאר א ווינד האָט מיטאַמאָל א וועה געטאָן אויף אָבלאָמאָוו'ן? וואס פאר א וואָלקען האָט ער אָנגעטראָגען? וואס ליגט ער ארויף אויף זיך אזא שווערען יאָך? און ערשט נעכטען, דאכט זיך, האָט ער געקוקט אין אָלגאַ'ס נשמה און געזען דאָרט א ליכטיגע וועלט און א ליכטיגע צוקונפט, דורכגעלעזען דאָרט זיין און איר גורל. וואָס האָט, אלזאָ, פּאַסירט?

מסתמא האָט ער געגעסען אָוועגד־ברויט, אָדער געלעגען אביסעל אויף דער פּלייצע, און די פּאָעטישע שטימונג האָט אָפּ־געטראָטען דעם פּלאַץ פאר שרעקענס־בילדער.

עס פּאַסירט אָפט, אז מען שלאָפט איין אין א שטילען, באַשטערענטען, זומער אָווענד, טראַכטענדיג ווי שעהן וועט זיין דאָס פעלד אין די ערשטע מאָרגען שטראַלען! ווי פרעהליך וועט זיין צו באַהאַלטען זיך פאר דער זון אין וואַלד!. . . און מיטאַמאָל וועקט דיך אויף דער רויש פון רעגען, קוקסט ארויס און דו זעעסט גאָר טרויעריגע וואָלקען, עס איז קאַלט, פייכט...

אין אָווענד האָט אָבלאָמאָוו, ווי געוועהנליך, זיך צוגע־הערט צום קלאַפּען פון זיין הארץ, באַטאַפּט עס מיט די הענד און גענומען זיך איבערצייגען, צי די פאַרהאַרטונג איז פארגרע־סערט געוואָרען, און ענדליך האָט ער זיך גענומען פאַרטיפען אין אַן אַנאַליז פון זיין גליק, און מיטאַמאָל אָנגעטראָפען אויף א טראָפּען סם און איז פאַר'סם'ט געוואָרען.

דער סם האָט געווירקט גיך און שטאַרק. ער איז אין די

אבלאמאוו

געדאנקען דורכגעלאפען זיין גאנץ לעבען: צום הונדערטסטען מאל האט צו־שפעטע חרטה צוזאמענגעדריקט זיין הארץ. ער האט זיך גענומען פארשטעלען, וואס ער וואלט געווען איצט, ווען ער וואלט מוטיג געגאנגען פאראויס, ווען ער וואלט גע־לעבט פילזייטיגער און געוועזען טעטיגער, און ער איז איבער־געגאנגען צו דער פראגע, וואס שטעלט ער מיט זיך איצט פאר און ווי האט געקאנט, און ווי קאן אים איצט אלגא ליב האבען, און פאר וואס זאל זי אים ליב האבען?

איז עס ניט קיין טעות? האט מיטאמאל ווי א בליץ גע־טאן ביי אים אין מוח. דער בליץ איז אריינגעפאלען צו אים אין הארץ אריין און האט אים זיין הארץ צובראכען. ער האט א קרעכץ געטאן. „יא, עס איז ניט מער ווי א טעות!" האט זיך גענומען דרעהען ביי אים אין מוח.

„איך האב דיך ליב, איך האב דיך ליב, איך האב דיך ליב", האט ווידער א קלונג געטאן אין זיין זכרון, און זיין הארץ האט גענומען זיך דערווארמען, אבער מיטאמאל איז עס ווידער קאלט געווארען. און וואס זאל באדייטען אלגא'ס דריי־פאכי־געס „איך האב דיך ליב"? עס איז ניט מער ווי א פארבלענ־דעניש פון איר זייט, דאס איז ניט קיין ליבע, עס איז בלויז דער פארגעפיל פון ליבע!

דער קול פון ליבע וועט זיך נאך א מאל דערהערען פון איר הארץ ארויס, אבער ווי שטארק וועט דאס א קלונג טאן! עס וועט א דונער טאן מיט אזא אקארד, אז די וועלט וועט אויפ־געטרייסעלט ווערען! עס וועט געוואר ווערען די טאנטע, דער באראן, און ווייט וועט זיך צוטראגען זיין עכא! דאס דאזיגע געפיל וועט ניט אנהויבען שטראמען אזוי שטיל, ווי א טייכעל, וואס פליסט צווישען גראזען מיט א קוים הערבארען מורמעל.

זי ליבט איצט פונקט אזוי ווי זי שטיקט עפעס אויס: שטיל, פויל, און אזוי באציט זי זיך צו אים, זי באוואונדערט אים דערווייל, אבער שפעטער וועט זי אן אים פארגעסען. יא, דאס איז בלויז א פארבערייטונג צו ליבען, אן עקספערימענט, און ער — דער סוביעקט, וואס האט זיך אונטערגערוקט דורך

א. א. גאַנטשאַראָוו

א צופאַל דער ערשטער, פאר אַן עקספּערימענט איז ער צו דער־לײדען:

וואָרים דורך א צופאַל האָבען זײ זיך באַקאַנט און נאָנט געוואָרען. זי וואָלט אים ניט באַמערקט: דאָס האָט שטאָלץ אָנגעוויזען איר אויף אים, ער האָט אָנגעשטעקט דאָס יונגע, אײנדרוקספולע הארץ מיט זײן אײגענעם אַנטײל אין אָבלאָ־מאָוו׳ס לעבען, עס האָט זיך באוויזען מיטגעפיל צו אים, צו זײן לאַגע, א געפיל פון זעלבסטליבע ארונטערצוטרײסלען די אַפּאַ־טיע פון זײן נשמה, און דערנאָך פארגעסען זי.

„דאָס איז עס און ניט מער! — האָט ער מיט שרעק ארויסגערעדט, אויפהויבענדיג זיך פון בעט און מיט א צי־טערדיגער האנד אָנצינדענדיג א שוועבעלע. — בלויז דאָס! זי איז געווען גרייט צו עמפּפאנגען די ליבע, וואַכיג האָט געוואַרט איר הארץ, און ער איז אומגעריכט געקומען אויף איר וועג, דורך א טעות געקומען. און ווען דער אמת׳ער וועט קומען, וועט זי זיך אָפּקערען מיט שרעק פון אים! אָ, ווי זי וועט דאָס דאמאָלט א קוק טאָן אויף אים! ווי זי וועט זיך דאָס דאַ־מאָלט אָפּקערען פון אים! איך האָב צוגע׳גנב׳עט, וואָס עס באַ־לאַנגט צו א צווייטען! איך בין א גנב! וואָס טו איך? וואָס טו איך? גאָט מײנער! איך בין דאָך אין גאנצען בלינד!״

ער האָט א קוק געטאָן אין שפּיגעל ארײן: בלײך, געל, די אויגען — מאַט. און ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענע יונגע, גליקליכע, מיט דעם פײכטען פארטראַכטען, אָבער שטארקען און טיפען בליק, ווי ביי איר, מיט א ציטערדיגען פײערל אין די אויגען מיט זיכערהייט אויף זיג אין זייער שמייכלען, מיט א מוטיגען טראָט און מיט א קלינגענדיגען קול. און ער וועט זיך ענדליך דערוואַרטען, אז אײנער זאָל זיך באווייזען: זי וועט אויפברויזען, וועט א קוק טאָן אויף אים, אָבלאָמאָוו׳ן, און... וועט זיך צולאַכען אויפ׳ן קול.

ער האָט ווידעראמאָל א קוק געטאָן אין שפּיגעל אַריין.

„אַזוינע ליבט מען ניט!״ האָט ער א זאָג געטאָן.

דערנאָך איז ער געפאַלען אויפ׳ן בעט אײנגעגראַבען דעם

פנים אין קישען. „אדיע, אלגא, זיי געזונט", האט ער פארענדיגט.

— זאכאר! זאכאר! — האט ער אין־דער־פרי א געשריי געטאן, — אויב עס וועט קומען נאך מיר א מענטש פון די אילינסקיס, זאג אים, אז איך בין אין דער היים ניטא, אז איך בין אוועקגעפארען אין שטאדט אריין.

— צו באפעל!

„ניין, ניט אזוי... איך וועל איר שוין ליבערשט אויפשרייבען א פאר ווערטער, — האט ער געזאגט צו זיך אליין, — אז ניט וועט עס איר פארקומען זער ווילד, וואס איך בין מיטאמאל פארפאלען געווארען. עס איז אומבאדינגט נויטיג אן ערקלערונג."

ער האט זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען שרייבען גיך, מיט היץ, מיט א פיבערהאפטער שנעלקייט, גאר ניט אזוי ווי ער האט אנפאנג מאי געשריבען צום ווירט פון הויז.

„איך וועט עס זיכער אויסקומען זאנדערבאר, אלגא סערגעיעוונא, — האט ער געשריבען, — וואס שטאט מיר וועט גאר צו אייך קומען א בריף. א בריף אין א צייט ווען מיר זעען זיך אזוי אפט. לעזט דעם בריף דורך אין גאנצען, און איר וועט דאמאלט זען, אז אנדערש האב איך ניט געקאנט האנדלען. מיר האבען געדארפט אנהויבען פון דעם בריף. דאמאלט וואלטען מיר אויסגעמידען פיל געווינס־ביסען, וואס ערווארט אונז אין דער צוקונפט; אבער איצט איז אויך נאך ניט צו שפעט. מיר האבען ליב באקומען איינער דעם צווייטען אזוי צופעליג, אזוי אומגעריכט און גיך, און דאס האט מיר געשטערט צו עפענען פריער די אויגען, געשטערט צוריקצוקומען צו דער ווירקליכקייט. און אויסער דעם, קוקענדיג אויף אייך, הערענדיג אייך דורך גאנצע שטונדען, ווער האט דאס געוואלט נעמען אויף זיך דעם שווערען חוב פון באפרייען זיך פון דעם כשוף? וואו קאן מען זיך אננעמען מיט אזויפיל כוח, אז מען זאל זיך קיין איינציג מאל ניט אויסגליטשען? און יעדען טאג האב איך צו זיך געזאגט: „ווייטער וועל איך זיך ניט לאזען פאר'כשופ'ען, איך

שטעל זיך אָפּ, עס הענגט דאָך אָפּ אָן מיר", אָבער וואָס א טאָג האָב איך זיך אַלץ ווייטער פאַרפּלאָנטערט. איצט קומט אין מיר פאָר א קאַמף און איך בעט אייער שטיצע. ערשט אין דער היינטיגער נאַכט האָב איך פאַרשטאַנען, אז איך פאַל אַלץ טי־פער אין תהום אריין און האָב באַשלאָסען אָפּשטעלען זיך.

„עס איז ניט קיין עגאָאיזם, וואָס איך רעד בלויז וועגען זיך אליין. עס איז דערפאַר, ווייל ווען איך וועל שוין ליגען אויפ'ן גרונט פון תהום, אין וועלכען איך פאַל איצט, וועט איר נאָך אַלץ, ווי א ליכטיגער מלאך, ארומשוועבען אין דער הויך, און איך ווייס ניט, צי איר וועט גאָר וועלען אפילו וואַרפען א בליק אין אָט דעם תהום אריין. הערט זיך איין, איך וועל אייך זאָגען אָפען, אָן וועלכע עס איז אָנדייטונגען: איר האָט מיך ניט ליב און איר קאָנט מיך ניט ליב האָבען. גלויבט עס מיר, וואָרים איך בין א מענש אָן ערפאַרענער און ווייס, וואָס איך רעד. איז דאָך שוין לאַנג, ווי מיין הארץ האָט אָנ־געהויבען צו קלאַפּען, לאָמיר זאָגען, קלאַפּען פאַלש, ניט אין דער ריכטיגער צייט, אָבער דאָס אַליין האָט מיך שוין אויסגע־לערענט אונטערצושיידען ווען עס קלאַפּט אמת'דיג און ווען פאַלש, אָדער בלויז צופעליג. איר קאָנט ניט ווּיסען, אָבער איך דאַרף און קאָן ווּיסען וואו עס איז אָן אמת'דיג געפיל און וואו בלויז א צופאַל, און עס ליגט אויף מיר א חוב צו וואָרענען דעם, וואָס איז נאָך אין דעם ניט קלאָר. און איך וואָרען אייך: גיט אכט, איר בלאָנזשעט!

„אזוי לאַנג ווי די ליבע איז צווישען אונז געווען עפּעס לייכטס און שמייכלענדיגעס, אזוי לאַנג ווי זי האָט ארויסגע־קלונגען בלויז פון אייערע לידער, געטראָגען זיך אין דופט פון א בעז צווייגעל, אין ניט ארויסגערעדטען מיטגעפיל, אין פאַרשעמטען בליק, האָב איך איר ניט געטרויט, אָנגענומען זי פאַר אָן איינבילדונג, פאַר אָן עגאָאיסטיש געפיל. אָבער די שטי־פעריי איז פאַראיבער, איך האָב זיך אָנגעשטעקט מיט ליבע, דערפילט די סימפּטאָמען פון ליידענשאַפט, און איר, איר זייט געוואָרען פאַרטראַכטער, ערנסטער. איר האָט מיר אוועקגע־

אַבלאַמאָוו

געבען אייערע פאַנטאַזיעס, און אייך האָבען אָנגעהויבען רעדען אייערע נערוועז, איר האָט גענומען ווערען אויפגערעגט, און דאַמאָלט, דאָס הייסט איצט האָב איך זיך דערשראָקען און דערפילט, אַז אויף מיר ליגט די פליכט זיך אָפּצושטעלען און זאָגען אייך, וואָס דאָס איז אַזוינס.

„איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך האָב אייך ליב, און איר האָט מיר געענטפערט אויף מיין ליבע. הערט איר ניט, וואָס פאַר אַ דיסאָנאַנס עס קלינגט אין דעם? איר הערט ניט? וועט איר עס שפּעטער דערהערען, ווען איך וועל שוין ליגען אין תהום. גיט אַ קוק אויף מיר, טראַכט זיך איין אין מיין לעבען און זאָגט, צי איר קאָנט מיך ליב האָבען, צי איר האָט מיך ליב?

„איך האָב אייך ליב, איך האָב אייך ליב, איך האָב אייך ליב,!" האָט איר מיר נעכטען געזאָגט. עס איז ניט אַזוי, ניט אַזוי, ניט אַזוי! ענטפער איך אייך אויף דעם.

„איר האָט מיך ניט ליב אָבער איר לייגט ניט, — איַיל איך צו באַמערקען, — און איר גענאַרט מיך ניט; איר קאָנט ניט זאָגען י אָ ווען אַלץ אין אייך זאָגט נ י י ן. איך וויל אייך בלויז דערווייזען, אַז אייער איצטיגער אויסדרוק „איך האָב אייך ליב", באַציט זיך ניט אויף אייער איצטיגער ליבע, נאָר אויף דער קומענדער; דאָס איז בלויז אַן אומקלאָרער פאַרלאַנג נאָך ליבע, וואָס, אַ דאַנק דעם מאַנגעל אין אמת'ער נאַרונג, אין אמת'ן פייער, לויכט ער מיט אַ פאַלשען, קאַלטען שיין, וואָס ווייזט זיך אָפּטמאָל אין די צערטליכקייטען וואָס אַ פרוי ווייזט אַרוים צו אַ קינד, צו אַן אַנדער פרוי, אָדער גאָר אין אירע טרערען, און היסטערישע צופאַלען. גלייך אין אָנפאַנג האָב איך אייך געדאַרפט זאָגען: „איר האָט אַ טעות, פאַר אייך שטעהט ניט דער אויף וועמען איר האָט געוואַרט, וועגען וועמען איר האָט גע'חלום'ט. וואַרט צו, ער וועט קומען, און דאַמאָלט וועט איר אויפלעבען. איר וועט זיך ערגערען און שעמען פאַר אייער טעות, און מיר וועט אייער ערגערניש און שאַנד פאַרשאַפען יסורים" — אָט וואָס איך האָב אייך געדאַרפט זאָגען, ווען איך וואָלט געווען מוטיגער און, שליסליך, ווען איך

וואָלט געווען אויפריכטיגער. . . עס איז אמת, אַז איך האָב גע־רעדט, אָבער גערעדט האָב איך עס פון מורא און אַזוי, אַז איר זאָלט ניט גלויבען מיינע רייד. איך האָב פריער געוואָלט זאָגען אַלץ, וואָס עס קאָנען זאָגען אַנדערע, כדי אייך צוצוגרייטען, אַז איר זאָלט ניט הערען און ניט גלויבען זיי. אַליין האָב איך זיך געאיילט צו זען אייך, וואָס אָפטער, טראַכטענדיג דערביי: „מעג אמאָל קומען אַ צווייטער, דערווייל בין איך גליקליך". אָט האָט איר פאַר זיך די לאָגיק פון דער ליידענשאַפט.

„איצט, אָבער, טראַכט איך שוין אין גאַנצען אַנדערש. און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל זיך אַזוי צובינדען צו איר, אַז זען זי וועט ניט זיין בלויז אַ פאַרגעניגען, נאָר עס וועט ווערען אַ נויטווענדיגקייט, ווען די ליבע וועט דורכדרינגען דאָס האַרץ? ווי אַזוי וועל איך זיך דאַמאָלט באַפרייען פון איר? וועל איך דען קאָנען איבערטראַגען די יסורים? שלעכט וועט מיר דאַ־מאָלט זיין. שוין איצט קאָן איך זיך ניט דערמאָנען אָן שרעק יענע צייט. ווען איך וואָלט געווען ערפאַרענער, עלטער, דאַ־מאָלט וואָלט איך געבענשט מיין גליק און דערלאַנגט אייך מיין האַנד אויף אייביג. אָבער אַזוי. . .

„צו וואָס שרייב איך דאָס אַלץ? פאַר וואָס בין איך אַליין ניט געקומען און געזאָגט אייך, אַז דער פאַרלאַנג אייך צו זען, וואַקסט מיט יעדען טאָג אַלץ מער, אָבער זען אייך, טאָר איך ניט? אורטיילט אַליין צי מיר קלעקט מוט עס אייך צו זאָגען! טיילמאָל וויל איך עפּעס ענליכעס צו דעם אייך זאָ־גען, אָבער עס קומט אַרויס עפּעס אַנדערש. מעגליך, אַז אויף אייער פּנים וואָלט זיך באַוויזען טרויער (אויב עס איז אמת, אַז אייך איז ניט לאַנגווייליג מיט מיר), אָדער איר, ניט פאַר־שטעהענדיג מיינע גוטע אַבזיכטען, וואָלט זיך גאָר געפילט באַ־ליידיגט, — וואָס עס זאָל ניט זיין, איך וואָלט עס ניט געקאָנט איבערטראָגען, און איך רעד ווייטער ניט דאָס וואָס איך האָב געוואָלט, די ערליכע אַבזיכטען פאַרשווינדען מיט'ן רויך און עס ענדיגט זיך דערמיט, וואָס מיר באַשטימען זיך מאָרגען ווי־דער צוטרעפען. איצט, אָבער, ווען איר זייט ניט דאָ פאַר מיר

איז גאָר עפּעס אַנדערש: פאַר מיינע אויגען שטעהען ניט ניט אייערע מילדע אויגען, ניט אייער גוט און ליב געזיכט; דאָס פּאַפּיר ליידט און שווייגט, און איך שרייב רואיג (איך ליג): מיר וועלען זיך שוין מער ניט זען. (איך ליג ניט).

„אַן אַנדערער וואָלט מסתמא צוגעלייגט: איך שרייב און באַגיס זיך מיט טרערען, אָבער איך פּוץ זיך ניט אויס פאַר אייך, איך דראַפּיר זיך ניט אין מיין טרויער, ווייל איך וויל ניט פאַרגרעסערען דעם פּיין. אָט דאָס גאַנצע פּוצען זיך אין פּיין, האָט פאַר זיך אַ ציל אַריינצולאָזען טיפערע וואָרצלען אין דעם באָדען פון געפיל, און מיין צוועק איז ארויסצורייסען פון מיר און פון אייך זיינע זאמען. און וויינען בלויז פאַרפירער, וואָס זוכען דורך פראַזען צו פאַנגען פרויען, אָדער טרויעריגע פאַנטאַזיאָרען. איך זאָג דאָס, געזעגענדיג זיך מיט אייך, ווי מען געזעגענט זיך מיט אַ גוטען פריינד, וואָס פאָרט אוועק אין אַ וויטער מדינה. אין אַ וואָך דריי, אָדער פיר אַרום וואָלט עס געווען שווער, וואָלט עס געוועזען צו שפּעט. שוין אַפילו איצט בין איך ניט ווי אַ מענש דאַרף זיין, איך צעהל ניט קיין שעה׳ען און מינוטען, איך ווייס ניט ווען די זון געהט אויף און אונטער, נאָר איך צעהל: יאָ געזען — ניט געזען, איך וועל זי יאָ זען — איך וועל זי ניט זען, זי איז געווען — זי איז ניט געווען, זי וועט זיין. . . מעגליך, דאָס אַלץ פּאַסט זיך זער גוט פאַר דער יוגענט, וואָס קאָן לייכט איבערטראָגען אַנגענעמע און אומאַנגענעמע אויפרעגונגען; פאַר מיר, אָבער, איז ווי אַנגעמאָסטען רו, מעג זיין אפילו לאַנגווייליגע, פאַרשלאָפענע. מיט שטורעמס קאָן איך מיר קיין עצה ניט געבען.

„פיל וועט פארוואונדערען מיין האַנדלונג: צו וואָס אַנטלויפען? וועלען זיי זאָגען. אַנדערע וועלען לאַכען פון מיר, זאָלען זיי! אויב איך האָב זיך געקאָנט באַשליסען ניט צו באַגעגענען זיך מער מיט אייך, בין איך שוין גרייט אויף אַלץ.

„אין מיין טיפען טרויער געפין איך אביסעל טרייסט אין

דעם, וואָס דער דאָזיגער קליינער עפּיזאָד אין אונזער לעבען, וועט איבערלאָזען אויף שטענדיג אין מיר אַזא ריינע, וואוילדופטענדע ערינערונג, וואָס דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז איך זאָל ניט ווידעראַמאָל פאַרזונקען ווערען אין דער פריהערדיגער אַפּאַטיע, און אייך, ניט ברענגענדיג קיין שום שאָדען, וועט עס דינען פאַר אַ וועגווייזער אין אייער צוקונפטיגען, נאָרמאַלען לעבען. אדיע, מיין מלאך, פליט אַוועק וואָס גיכער, ווי אַ דערשראָקען פייגעלע פליט אַוועק פון דעם צווייגעל, אויף וועלכען עס האָט זיך דורך אַ טעות אַוועקגעזעצט. און ווי זי, פליט אַוועק לייכט, מוטיג, פרעהליך פון דער צווייג, אויף וועלכער איר האָט זיך צופעליג אַוועקגעזעצט!"

אַבלאָמאָוו האָט געשריבען מיט באַגייסטערונג. לייכט איז די פען געלאָפען איבערן פּאַפּיר. די אויגען האָבען געלויכטען, די באַקען האָבען געברענט. דער בריף איז אַרויסגעקומען אַ לאַנגער, ווי אַלע ליבעס־בריף: אַ שרעק, וואָס פאַר אַ פּלוידערער פאַרליבטע זיינען.

„זאָנדערבאַר, מיר איז שוין איצט ניט לאַנגווייליג, מיר איז שוין איצט ניט שווער! — האָט ער געטראַכט. — איך בין איצט כמעט ווי גליקליך. . . ווי אַזוי איז דאָס? מסתמא איז דאָס דערפאַר, וואָס איך האָב אין דעם דאָזיגען בריף אַרונטערגעוואָרפען די משא פון מיין האַרץ."

אַבלאָמאָוו האָט דורכגעלעזען דעם בריף, צוזאַמענגעלייגט און פאַרקלעפּט אים.

— זאַכאַר! — האָט ער געזאָגט. — ווען עס וועט קומען דער מענש, גיב אים דעם בריף פאַר דער פריילין.

— צו באַפעל! — האָט געזאָגט זאַכאַר.

אַבלאָמאָוו'ן איז באמת פרעהליך געוואָרען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די פיס אויף דער סאָפע און געפרעגט, צי עס איז ניטאָ וואָס איבערצובייסען. ער האָט אויפגעגעסען צוויי אייער און פאַררויכערט אַ סיגאַר. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי אָלגאַ וועט באַקומען דעם בריף, ווי זי וועט ער־

שטויִנס ווערען, וואָס פאַר אַ פּנים זי וועט מאַכען, ווען זי וועט דעם בריף דורכלעזען. וואָס וועט דאַמאָלט זיין?

ער האָט הנאה געהאַט פון דער פּערספּעקטיווע פון דעם היינטיגען טאָג, פון דער נייער ווענדונג, וואָס די אַנגעלעגענהייט האָט אָנגענומען... מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער זיך איינגעהערט צום קלענסטען רויש פון דער טיר צי עס קומט ניט דער מענש... ניין, עס איז שטיל אין פאָדערהויז.

„וואָס זאָל דאָס באַדייטען?" — האָט ער אַן אומרואיגער געטראַכט ביי זיך. — ווי איז דאָס מעגליך? קיינער איז נאָך ביז איצט ניט געוועזן . . ."

אַ געהיימע שטימע האָט צו אים אַ מורמעל געטאָן: „וואָס באַאומרואיגסטו זיך אַזוי? דו ווילסט דאָך אַז קיינער זאָל ניט קומען, אַז דו זאָלסט קאָנען צורייסען די באַציאונגען". אָבער ער האָט דערשטיקט אין זיך די דאָזיגע שטימע.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער אַ רוף געטאָן זאַכאַר'ן פון הויף, וואו ער איז זיך געזעסען מיט'ן קוטשער.

— קיינער איז ניט געווען? קיינער איז ניט געקומען? — האָט ער געפרעגט.

— מען איז יאָ געווען — האָט געענטפערט זאַכאַר.

— וואָס האָסטו געטאָן?

— איך האָב געזאָגט, אַז איר זייט ניטאָ, אין דער שטאָדט אַריין, האָב איך געזאָגט, זייט איר אַוועקגעפאָרען.

אָבלאָמאָוו האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגען.

— ווער האָט דיר געהייסען אַזוי טאָן? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט. — וואָס האָב איך דיר געהייסען טאָן, ווען דער מענש וועט קומען?

— עס איז ניט געקומען קיין מענש, נאָר די דינסט, — האָט זאַכאַר זיך קאַלטבלוטיג אָפּגערופען.

— און דעם בריף האָסטו אַוועקגעגעבען?

— געוויס ניט. צום ערשטען האָט איר דאָך געהייסען זאָגען, אַז איר זייט אין דער היים ניטאָ, און ערשט שפּעטער —

אפגעבען דעם בריף. וועל איך טאקע ווי נאר דער מענש וועט קומען, אים אפגעבען דעם בריף.

— ניין איך קאן פון דיר מער ניט אויסהאלטען! ביסט א פשוט'ער מערדער! וואו איז דער בריף? גיב אים מיר אהער! — האט געזאגט אבלאמאוו.

זאכאר האט געבראכט דעם בריף, וואס איז שוין געוועזן גוט פארפלעקט.

— די הענט דיינע זאלסטו דיר וואשען! — האט מיט כעס א געשריי געטאן אבלאמאוו, אנווייזענדיג אים אויף די פלעקען.

— איך האב ריינע הענט — האט גיך אפגעענטפערט זאכאר, קוקענדיג אן א זייט.

— אניסיא, אניסיא! — האט א רוף געטאן אבלאמאוו.

אניסיא האט זיך אויף א העלפט ארויסגערוקט פון פאדער־צימער.

— זעסט וואס זאכאר האט אפגעטאן? — האט ער זיך פאר איר געקלאגט. — אט האסטו א בריף און גיב אים אפ דעם מענשען, אדער דער קעכין, אדער ווער עס זאל ניט קומען פון די אילינסקים אז זיי זאלען אים אפגעבען דער פריילין. האסט פארשטאנען?

— איך וועל ערפילען אלץ, וואס איר האט באפוילען, הער.

אבער ווי נאר זי איז ארויין אין קארידאר האט זאכאר ארויס־געריסען פון איר האנד דעם בריף.

— מארש אין קיך אריין! דאס איז ניט קיין ארבייט פאר דיר! — האט ער א געשריי געטאן.

אין גיכען איז נאכאמאל געקומען צולויפען דאס דינסט־מיידעל. זאכאר האט איר געעפענט די טיר און אניסיא האט געוואלט צוגעהן צו איר, אבער זאכאר האט געווארפען אויף איר א כעס'דיגען בליק.

— וואס ווילסטו דא האבען? — האט זאכאר זי הייזעריג געפרעגט.

— איך בין בלויז געקומען הערען, ווי דו וועסט...

אַבלאַמאָוו

— עך, דו! — האָט ער אַרויסגעדונערט און פאַרמאַסטען זיך אויף איר מיט׳ן עלענבויגען. — וואוהין?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אַוועקגעגאַנגען, אָבער פון צווייטען צימער האָט זי אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַלט, צי זאַכער פּירט אוים דעם הער׳ס באַפעל.

איליא איליטש האָט דערהערט אַ טומל און איז אַליין אַרויסגעלאָפען.

— דו ביסט עס, קאַטיאַ? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס פריילין האָט באַפוילען פרעגען, וואו אַהין איר זייט אַוועקגעפאָרען? אָ, איר זייט דאָך גאָר נישט ניט אַוועקגעפאָרען! איך לויף עס דערצעהלען אין דער היים, — האָט זי געזאָגט און געוואָלט אַרויסלויפען.

— איך בין אין דער היים. דאָס האָט ער דיר געליגט, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו. — נאַ דיר דעם בריף און גיב אים אָפּ דער פריילין.

— צו באַפעל.

— וואו איז די פריילין איצט?

— זיי זענען געגאַנגען אין דאָרף שפּאַצירען און געהייסען אייך זאָגען, אַז אויב איר האָט שוין געענדיגט דאָס ביכל, זאָלט איר קומען אַ זייגער צוויי אין פאַרק.

זי איז אַוועקגעגאַנגען.

„ניין, איך וועל ניט געהן... צו וואָס נאָך אויפרעגען דאָס האַרץ, ווען אַלץ דאַרף געענדיגט ווערען?...” — האָט געטראַכט אָבלאָמאָוו לאָזענדיג זיך אין דאָרף אַריין.

ער האָט פון דער ווייטען געזעהן ווי אָלגאַ שפּאַצירט אויפ׳ן באַרג, ווי קאַטיא האָט איר דעריאָגט און איר אָפּגעגעבען דעם בריף. ער האָט געזעהן, ווי אָלגאַ האָט זיך אויף אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויפ׳ן בריף, אַ טראַכט געטאָן אַ ווײַלע, און אַריין אין דער אַליי פון פאַרק.

אָבלאָמאָוו איז אַרומגעגאַנגען דעם באַרג און איז אַריין פון דער צווייטער זייט אין דער זעלבער אַליי און, צוקומענדיג ביז

אין דער מיט פון דער אליי, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן גראָז, צווישען בושען, און געוואַרט.

„זי וועט דאָ פאַרבייגעהן, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, — און אומבאַמערקט וועל איך אַ קוק טאָן אויף איר און פאַרשווינדען אויף אייביג.״

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער געוואַרט אויף דעם קלאַנג פון אירע טריט. עס איז שטיל. מען הערט קיין קלאַנג ניט. די נאַטור האָט געלעבט אַ טעטיג לעבען; ארום האָט געקאָכט מיט אומבאַמערקטער ארבייט, אָבער אויבערפלעכליך האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אַלץ איז געלעגען אין אַ פייערליכער רו.

און אין גראָז האָט זיך דערווייל אַלץ באַוואָויגען, געוועזן פאַרנומען. פון פאַרשידענע זייטען איילען זיך די מוראַשקעס, זיי זענען זער באַשעפטיגט, שטויסען זיך אָן איינע אָן דער אַנדערער, געהען זיך פאַנאַנדער, און קוקענדיג אויף זיי האָט מען פאַר זיך דאָס זעלבע בילד, ווי מען וואָלט געקוקט פון דער הויך אויף אַ מענשליכען יריד.

„סאַר אַ ליאַרם איז דאָ! — האָט אַ טראַכט געטאָן אָבלאָמאָוו, איינהערענדיג זיך צו דעם, וואָס עס איז ארום אים פאָרגעקומען אין דער נאַטור, — און פון דרויסען זעט אַלץ אוים אַזוי שטיל, אַזוי רואיג!״

אָבער קיין טריט הערט מען נאָך אַלץ ניט. מיטאַמאָל האָבען זיך דערהערט טריט... „אָך! — האָט אָבלאָמאָוו אַ זיפץ געטאָן און שטיל פאַנאַנדערגעשפּרייט די צווייגען. — דאָס איז זי, זי... גאָט מיינער! זי וויינט! זי וויינט!״

שטיל און פּאַמעליך איז אָלגאַ געגאַנגען און געווישט זיך מיט אַ טיכעל די אויגען; אָבער ווי נאָר זי האָט זיך אָפּגעווישט איין טרער, האָט זיך גלייך באַוויזען אַ צווייטע. זי שעמט זיך, שלינגט די טרערען, זי וויל עס פאַרבאָרגען אפילו פון די בוימער, אָבער זי קאָן עס ניט. אָבלאָמאָוו האָט קיינמאָל ניט געזען אָלגאַ׳ן וויינען. און ער האָט ניט ערוואַרט צו זען קיין טרערען

אַבלאַמאָוו

און זיי האָבען אים אַזוי ווי אַ ברי געטאָן, אָבער אַזוי, אַז עס איז אים ניט היים, נאָר ווארעם געוואָרען.

ער האָט גענומען מיט גיכע טריט איר נאָכגעהן.

— אָלגאַ, אָלגאַ! — האָט ער צערטליך געמורמעלט, גע־העדיג נאָך איר.

זי האָט אַ ציטער געטאָן, אומגעדרעהט דעם קאָפּ, און ער־שטוינטע אַ קוק געטאָן אויף אים, דערנאָך האָט זי זיך אומגע־דרעהט און געגאַנגען ווייטער.

ער האָט גענומען שפּאַנען ביי איר זייט.

— איר וויינט, אָלגאַ? — האָט אָבלאָמאָוו אַרויסגערעדט.

שטאַרקער האָבען גענומען שטראָמען אירע טרערען. זי האָט זיי מער ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט צוגעדריקט דאָס טיכעל צום געזיכט, זי האָט אויסגעבראָכען אין אַ יאָמער און זיך צוגעזעצט אויף דער ערשטער באַנק.

— וואָס האָב איך דאָ אָנגעטאָן? — האָט ער אַ דערשראָ־קענער אַ מורמעל געטאָן און געפּרואווט אוועקרייסען איר האַנד פון געזיכט.

— לאָזט מיך צו רו! — האָט זי אַרויסגערעדט. — געהט אוועק! וואָס טוט איר דאָ? איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך דאַרף ניט וויינען: עס איז ניטאָ אויף וואָס. איר זייט גערעכט: אַלץ קאָן אַמאָל פּאַסירען.

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך זאָל ניט זען מער אייערע טרערען? — האָט ער געפרעגט, שטעלענדיג זיך פאַר איר אויף די קני. — זאָגט, באַפעלט: איך בין אויף אַלץ גרייט...

— איר האָט געמאַכט, אַז עס זאָלען זיין טרערען, און עס איז ניט מער אין אייער מאַכט אָפּשטעלען זיי... איר זייט ניט אַזוי שטאַרק! לאָזט צו רו! — האָט זי געזאָגט, פאָכענדיג זיך דאָס פּנים מיט אַ טיכעל.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און גענומען זיך שילטען מיט די ערגסטע קללות:

— אַן אומגליקליכער בריה! — האָט ער אַרויסגערעדט מיט חרטה.

זי האָט געעפֿענט איר קערבעל, אַרויסגענומען דעם בריוו און אים דערלאַנגט.

— נעמט אים, — האָט זי געזאָגט, — און געהט אַוועק מיט אים, כּדי איך זאָל ניט דאַרפֿען וויינען מער, קוקענדיג אויף אים.

שווייגענדיג האָט ער באַהאַלטען דעם בריוו אין קעשענע און איז געזעסען לעבען איר מיט אַן אַראָנטערגעלאָזענעם קאָפּ.

— איר וועט דאָך זיכער, אָלגאַ, באַרעכטפֿערטיגען מיינע אַבזיכטען, — האָט אָבלאָמאָוו שטיל אַרויסגערעדט. — דאָס איז דער בעסטער באַווייז, ווי טייער מיר איז אייער גליק.

— יאָ, זער טייער! — האָט אָלגאַ אַרויסגערעדט מיט אַ זיפֿץ. — ניין, איליאַ איליטש! איר האָט אַ פּנים ניט פֿאַרגונען וואָס איך בין געוועזען אַזוי גליקליך, האָט איר זיך צוגעאיילט און פֿאַר׳סמ׳ט מיין גליק!

— פֿאַר׳סמ׳ט! האָט איר דורכגעלעזען מיין בריוו ביז צום סוף? איך ווידערהאָל אייך...

— ניין, ניט דורכגעלעזען, ווייל די אויגען זענען פֿול געוואָרען מיט טרערען... סאַר אַ נאַר איך בין דאָס! אָבער איך האָב זיך אָנגעשטויסען די ענדע פֿון בריוו. ווידערהאָלט ניט, כּדי איך זאָל ווידעראַמאָל ניט וויינען.

טרערען האָבען גענומען קאַפּען פֿון אירע אויגען.

— זאָג איך זיך דען ניט אָפּ פֿון אייך, אָפּפֿער איך זיך ניט דערפֿאַר, וואָס איך ציטער פֿאַר אייער גליק? — האָט אָבלאָמאָוו אָנגעהויבען. — טו איך עס דען קאַלטבלוטיג? וויינט דען ניט מיין האַרץ אין מיר? פֿאַרוואָס דען טו איך עס?

— פֿאַרוואָס? — האָט זי איבערגעזאָגט זיינע ווערטער, און אויפֿהערענדיג מיטאַמאָל צו וויינען, האָט זי אומגעדרעהט צו אים איר געזיכט. — פֿאַר דער זעלבער אורזאַך, וואָס איר האָט זיך איצט באַהאַלטען אונטער די בושען, — כּדי צו זען צי איך וועל וויינען, און ווי איך וועל וויינען. אָט פֿאַרוואָס איר האָט עס געטון! ווען איר וואָלט מיט׳ן גאַנצען האַרצען געוואָלט דאָס, וואָס איר האָט געשריבען אין בריוו, ווען איר

וואָלט געווען אויף אַן אמת איבערצייגט אין דעם, וואָס איר האָט געשריבען אין בריף, אַז מיר דאַרפען זיך פאַנאַנדערגעהן, וואָלט איר אַוועקגעפאָרען קיין אויסלאַנד, ניט געזעגענענדיג זיך מיט מיר.

— סאַר אַן איינפאַל! — האָט אַבלאַמאָוו געזאָגט מיט פאַרוואורף, און ניט דערענדיגט דעם זאַץ.

ער האָט זיך געפילט געטראָפען פון איר באַמערקונג, ווייל אים איז געוואָרען קלאָר, אַז עס איז אמת.

— יאָ, — האָט זי נאָכאמאָל געזאָגט. — נעכטען האָט איר געדאַרפט האָבען מיין איך האָב אייך ליב, היינט האָט זיך אייך פאַרוועלט זען מיינע טרערען, און מאָרגען קאָן אייך גאַר איינפאַלען צו וועלען זען, ווי איך שטאַרב.

— אָלגאַ, ווי קאָנט איר מיך אַזוי באַליידיגען? גלויבט איר דען ניט, אַז איך וואָלט איצט אַוועקגעגעבען אַ האַלב לעבען מיינס, אַז איך זאָל קאָנען הערען אייער געלעכטער און ניט זען אייערע טרערען.

— עס איז גאַנץ מעגליך, אַז איצט, ווען איר האָט דערזען, ווי עס וויינט צוליב אייך אַ פרוי, וואָלט איר עס געטאָן... ניין, — האָט זי צוגעלייגט, — איר האָט קיין האַרץ ניט. איר זאָגט, אַז איר האָט ניט געוואָלט מיינע טרערען, האָט איר ניט געדאַרפט מאַכען, אַז איך זאָל וויינען...

— ווי אַזוי האָב איך עס געקאָנט פאַראויסזען?! — האָט מיט אַ פראַגע און אויסרוף אין זיין שטימע געזאָגט אַבלאַמאָוו, אַוועקלייגענדיג די הענט אויפ'ן האַרצען.

— דאָס האַרץ, וואָס עס ליבט, — האָט זי געענטפערט, — האָט זיין שכל; עס ווייסט וואָס עס וויל, און עס ווייסט פאָראויס וואָס עס וועט זיין. איך האָב נעכטען ניט געקאָנט קומען צו אייך: עס זענען אומערוואַרטעטערהייט געקומען צו אונז געסט, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז איר וואָלט זיך אויסגעמאַטערט וואַרטענדיג אויף מיר, איך וואָלט אפשר ניט געקאָנט שלאָפען, און איך בין געקומען, ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אַז איר זאָלט זיך מאַטערען... אָבער איר... אייך איז פרעהליך, וואָס איך וויין. נאַט, קוקט, קוקט, האָט הנאה!...

א. א. גאַנטשאַראָוו

און זי האָט ווידער זיך צעוויינט.

— איך בין אזוי שלעכט געשלאָפען אַלגאַ; איך האָב זיך די גאַנצע נאַכט געפּלאָגט...

— האָט איך אפנים פאַרדראָסען, וואָס איך בין יאָ גוט געשלאָפען, וואָס איך האָב זיך ניט געמאַטערט... ניט אמת? — האָט זי אים איבערגעשלאָגען. — ווען איך זאָל זיך איצט ניט צו וויינען, וואָלט איר די נאַכט אויך שלעכט געשלאָפען.

— וואָס בלייבט מיר איצט צו טאָן? בעטען אום אַנט־שולדיגונג? — האָט ער מיט הכנעה און צערטליכקייט געפרעגט.

— קינדער בעטען אַנטשולדיגונג, אָדער ווען מען טרעט עמיצען אָפּ א פוס. אין אונזער פאַל וועט קיין אַנטשולדיגונג ניט העלפען, — האָט זי געזאָגט, פאָכענדיג מיט'ן טיכעל דאָס גע־זיכט.

— וואָס איז אָבער, ווען דאָס אַלץ איז אמת? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו. — ווען איך בין גערעכט אין מיין באַהויפּ־טונג און אייער ליבע איז בלויז א טעות? אז ווען איר וועט זיך פאַרליבען אין א צווייטען און א קוק טאָן אויף מיר וועט איר רויט ווערען פאַר שאַנד...

— און אז יאָ, איז וואָס? — האָט זי אים געפרעגט, קו־קענדיג אויף אים מיט אזאַ טיף איראָנישען, און דורכדרינגענ־דען בליק, אַז אָבלאָמאָוו האָט זיך פאַרלאָרען.

„זי וויל עפּעס ארויסקריגען פון מיר! — האָט ער א טראַכט געטאָן. — האַלט זיך פעסט, איליא איליטש!"

— „און אז יאָ, איז וואָס?" — האָט ער מעכאַניש ווידער־האָלט אירע ווערטער. ער האָט אומרואיג געקוקט אויף איר און געוואָלט טרעפען, וואָס פאַר א געדאַנק פאַרמירט זיך אין איר קאָפּ, ווי אזוי באַרעכטפערטיגט זי איר „און אז יאָ, איז וואָס?", ווען עס איז קלאָר, אז מען קאָן ניט רעכטפערטיגען די רעזולטאַטען פון זייער ליבע, אויב זי איז ניט מער ווי א טעות.

זי האָט אויף אים געקוקט אזוי באַוואוסטזיניג, מיט אזאַ

זיכערהייט, און פונקט אזוי האָט זי אַפּנים באַהערשט איר גע־דאַנק.

— איר האָט מורא, — האָט זי שטעכיג געענטפערט, — צו פאַלען „אויפ'ן גרונט פון תהום", אייך שרעקט די צוקינפטיגע באַליידיגונג, ווען איך וועל אייך אויפהערען צו ליבען!... „אייך וועט זיין גוט" שרייבט איר...

ער האָט נאָך אַלץ זער שלעכט פאַרשטאַנען איר מיין.

— יאָ, מיר וועט דאָך דאַמאָלט זיין גוט, אויב איך וועל ליב קריגען אַ צווייטען, דאָס הייסט, אַז איך וועל זיין גליקליך! און איר זאָגט דאָך, אַז איר זייט גרייט צו אָפּפערען מיט אייער לעבען פאַר מיין גליק!

ער האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף איר און געבלינצעלט מיט די אויגען.

— איר זייט גאָר צו אַזאַ שלום געקומען! — האָט אַב־לאַמאָוו אַ מורמעל געטאָן, — איך בין זיך מודה, אַז איך האָב ניט ערוואַרט אַזאַ...

און זי האָט אים אזוי גיפטיג באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס.

— און דאָס גליק, וואָס מאַכט אייך שיער משוגע? — האָט זי ווייטער גערעדט. — און די דאָזיגע פרימאָרגענס און אָוועגדען, אָט דער פּאַרק, מיין „איך האָב אייך ליב" — דאָס אַלץ איז גאָרנישט ניט ווערט? קיין שום אָפּפער ניט ווערט? קיין שום יסורים?

„אוי, ווען איך זאָל קאָנען פאַרזונקען ווערען!" האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ווען עס איז אים קלאָר געוואָרען אָלגאַ'ס מיין.

— און אויב, — האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ פראַגע, — אייך וועט זיך דערעסען אָט די ליבע, ווי עס האָבען זיך אייך דערעסען ביכער, געזעלשאַפט, אייער אַמט; און אויב, מיט דער צייט, אָן וועלכער עס איז אַנדערער ליבע, אָן דער קאָנקורענץ פון אַן אַנדער פרוי, וועט איר מיטאַמאָל איינשלאָפען לעבען מיר, ווי ביי זיך אויף דער סאָפע, און מיין קול וועט שוין ניט קאָנען מער אייך מאַכען וואַכעדיג; און אויב ניט נאָר אַן אַנדער פרוי, נאָר דער שלאָפראָק אייערער וועט אייך טייערער זיין?...

— אָלגאַ, דאָס קאָן ניט זיין! — האָט ער איר איבער־געשלאָגען מיט אומצופרידענהייט, און אָפּגערוקט זיך פון איר.

— פאַרוואָס קאָן דאָס ניט זיין? — האָט געפרעגט אָל־גאַ. — איר זאָגט, אַז איך מאַך אַ טעות, אַז איך וועל ליב קריגען אַ צווייטען, און מיר, ווידער, דאַכט זיך טיילמאָל אויס, אַז איר וועט מיך פשוט אויפהערען צו ליבען. און וואָס וועט זיין דאַ־מאָלט? ווי אַזוי באַרעכטיג איך מיינע איצטיגע האַנדלונגען? אויב ניט דער וועלט, אויב ניט די מענשען, וואָס וועל איך זאָגען זיך אַליין?... איך שלאָף אויך אַמאָל ניט איבער דעם, אָבער איך מאַטער אייך ניט מיט אָנדייטונגען וועגען דער צוקונפט, ווייל איך גלויב, אַז עס וועט זיין גוט. דאָס גליק איז ביי מיר שטאַרקער פאַר דער שרעק. עס איז עפּעס ווערט ביי מיר דאָס, וואָס עס פינקלען אויף ביי אייך די אויגען דורך מיר; וואָס איר קלעטערט איבער בערג, זוכענדיג מיך; וואָס איר פאַרגעסט אייער פוילקייט און לויפט פאַר מיר אין דער היץ אין שטאָדט אריין נאָך אַ בוקעט, נאָך אַ בוך; עס איז עפּעס ווערט פאַר מיר דאָס, ווען איך זע, אַז איך מאַך אייך שמייכלען, באַגערען דאָס לעבען... איך זוך און וואַרט בלויז אויף איין זאַך — אויף גליק, און איך גלויב, אַז איך האָב דאָס גליק געפונען. אויב איך מאַך אַ טעות, אויב עס איז אמת, אַז איך וועל באַוויינען מיין טעות, פיל איך ווייניגסטענס דאָ (זי האָט צוגעלייגט די האַנד־פלאַך צום האַרצען), אַז איך בין אין דעם ניט שולדיג, אַז מיין מזל איז אַזאַ. אָבער מיך שרעקען ניט קיין צוקונפטיגע טרערען; איך וועל ניט וויינען אומזיסט: איך האָב דורך זיי עפּעס געקויפט... מיר איז אַזוי גוט... געוועזען!... — האָט זי צוגעלייגט.

— זאָל ווידער אַלץ זיין גוט... — האָט זיך געבעטען אָב־לאָמאָוו.

— און איר זעט בלויז טרויעריגעס אין דער צוקונפט. און דעם גליק שענקט איר קיין אויפמערקזאַמקייט ניט... דאָס איז אומדאַנקבאַרקייט, — האָט זי פאַרטגעזעצט, — דאָס איז ניט קיין ליבע, דאָס איז...

אבלאמאוו

— ענאאיזם! — האט דערענדיגט אבלאמאוו און ניט גע־וואגט א קוק צו טאן אויף אלגא׳ן, ניט געוואגט צו רעדען, ניט געוואגט צו בעטען קיין אנטשולדיגונג.

— געהט אייך, — האט אלגא שטיל ארויסגערעדט, — וואוהין איר האט געוואלט געהן.

ער האט א קוק געטאן אויף איר. אירע אויגען זענען גע־ווען טרוקען. א פארטראכטע האט זי געקוקט אויף דער ערד און געצייכענט מיט׳ן שירעם אויפ׳ן זאמד.

— ציט זיך אוים אויף דער פלייצע, — האט זי צוגע־לייגט, — מאכט קיין טעות ניט, פאלט ניט אין קיין אפגרונט אריין.

— איך האב זיך פאר׳סמ׳ט און אייך אויך אין דער צייט, ווען איך האב געקאנט זיין גליקליך, — האט ער געמורמעלט מיט חרטה.

— טרינקט קוואס, וועט איר זיך ניט פאר׳סמ׳ען, — האט זי אים געשטאכען.

— אלגא, דאס איז ניט גרויסמוטיג! — האט ער געזאגט. נאכדעם ווי איך האב זיך אליין באשטראפט מיט מיין ווידוי...

— יא, מיט ווערטער שטראפט איר זיך, פאראורטיילט זיך, ווארפט זיך אין תהום אריין, גיט אוועק א האלב לעבען, אבער ווען עס באווייזט זיך נאר א פונק פון צווייפעל א שלאפלאזע נאכט, ווערט איר אזוי צערטליך צו זיך, פארזיכטיג, פארזארגט, און איר זעט אזוי ווייט!

„סאר א טיפער אמת, און ווי פשוט ער איז!" האט א טראכט געטאן אבלאמאוו, אבער ער האט זיך געשעמט עס ארויס־זאגען אויפ׳ן קול.

פארוואס האט ער עס אליין ניט פארנומען, באגריפען, און עס האט אים געדארפט געבען צו פארשטעהן א פרוי, וואס הויבט ערשט אן צו לעבען? און ווי שנעל האט זי זיך אנטוויקעלט! ניט לאנג צוריק האט זי נאך אויסגעזען ווי א קינד.

— מיר האבען ניט מער וועגען וואס צו רעדען, — האט

זי פאַרענדיגט, אויפהויבענדיג זיך. — זייט געזונט, איליא איר ליטש, און זייט... רואיג. ליגט דאָך אין דעם אייער גליק.

— אָלגאַ! ניין, ווי גאָט איז אייך ליב, ניין! איצט, ווען אַלץ איז ווידער ליכטיג געוואָרען, פאַרטרייבט מיך ניט פון זיך... — האָט ער געזאָגט, נעמענדיג זי פאַר דער האַנד.

— וואָס ווילט איר נאָך האָבען פון מיר? איר זייט אומרואיג צי עס איז ניט אַמאָל אַ טעות מיין ליבע צו אייך. איך קאָן ניט באַפרייען אייך פון אייער צווייפעל; מעגליך, אַז עס איז בלויז אַ טעות...

ער האָט אַרויסגעלאָזען איר האַנד. ווידער האָט דאָס מעסער אַ וועה געטאָן איבער אים.

— וואָס הייסט איר ווייסט ניט? איר פילט דען ניט? — האָט ער געפרעגט מיט אַן אומזיכערער שטימע. — איר פאַרדעכטיגט דען...?

— איך פאַרדעכטיג גאָרניט; נעכטען האָב איך אייך געזאָגט, וואָס איך פיל, און וואָס עס וועט זיין אין אַ יאָר אַרום, וויים איך ניט. און קומט דען נאָך איין גליק אַ צווייטעס, אַ דריטעס, פונקט אַזאַ? — האָט זי געפרעגט, קוקענדיג אויף אים. — זאָגט, איר זייט דאָך ערפאַרענער.

אָבער ער האָט זי שוין ניט געוואָלט מער איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון דעם געדאַנק, און ער האָט געשוויגען, ווינענדיג מיט איין האַנד אַן אַקאַציע.

— ניין, מען ליבט בלויז איינמאָל! — האָט ער נאָכגעזאָגט, ווי אַן אינגעל אַן אויסגעלערענטע פראַזע.

— זעט איר שוין אליין! אויך איך גלויב אין דעם, — האָט זי צוגעלייגט. — אויב עס איז ניט אַזוי, איז גאַנץ מעגליך, אַז איך זאָל אייך אויך אויפהערען צו ליבען, אַז מיר זאָל וועה טאָן דער טעות, און אייך אויך; מעגליך, אַז מיר וועלען זיך פאַנאַנדערגעהן!... ליב האָבען צוויי-דריי מאָל? ניין, ניין! איך קאָן ניט גלויבען, אַז דאָס איז מעגליך!

ער האָט אָפּגעזיפצט. אין זיין נשמה האָט זיך געגומען דרעהען דאָס „עס איז גאַנץ מעגליך" און ער האָט זיך אָנגע-

כאַפּט אָן דעם. וואָס אַ רגע איז אים געוואָרען לייכטער. דער „טעות" וואָס ער האָט אויסגעטראַכט ביי נאַכט, איז געווען אין דער ווייטער צוקונפט..." ניט בלויז די ליבע, דאָס גאַנצע לע־בען איז דאָך אַזוי... — איז אים מיטאַמאָל געקומען אויפ'ן גע־דאַנק. — און אויב אַוועקשטויסען פון זיך יעדען צופאַל, ווייל עס קאָן זיין, אַז עס איז ניט מער ווי אַ טעות, ווען איז מען שוין זיכער, אַז עס איז ניט אַ טעות? „וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר? איך בין אַזוי ווי בלינד..."

— אָלגאַ, — האָט ער געזאָגט, קוים אָנרירענדיג מיט צוויי פינגער איר טאַליע (זי האָט זיך אָפּגעשטעלט), — איר זייט פיל קליגער פון מיר.

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— ניין, איך בין בלויז פּשוט'ער און געוואַגטער. וואָס האָט איר מורא? גלויבט איר אויף אַן אמת, אַז מען קאָן אויפ־הערען ליב צו האָבען? — האָט זי אים געפרעגט מיט אַ שטאָל־צער זיכערהייט.

— איצט האָב איך שוין מער קיין מורא ניט! — האָט מוטיג ארויסגערעדט אַבלאַמאָוו. — צוזאַמען מיט אייך, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר'ן שיקזאַל.

— די דאָזיגע ווערטער האָב איך ניט לאַנג צוריק ערגעץ געלעזען. . . יאָ, ביי סיו, דאַכט זיך, — האָט זי מיטאַמאָל ארויסגערעדט איראָניש, אומדרעהענדיג זיך צו אים, — מיט דעם איינציגען אונטערשיד, וואָס דאָרט זאָגט זיי אַ פרוי צו אַ מאַן. . .

אַבלאַמאָוו איז רויט געוואָרען פון שאַנד.

— אָלגאַ! זאָל אַלץ בלייבען ביים נעכטיגען, — האָט ער געבעטען, — איך וועל מער ניט מורא האָבען פאַר טעות'ן.

זי האָט געשוויגען.

— יאָ? — האָט ציטערנדיג געפרעגט אַבלאַמאָוו.

זי האָט געשוויגען.

— אויב איר ווילט ניט רעדען, גיט עפּעס אַ צייכען. . . אַ צווייגעל בעז. . .

— בעז . . . ניטאַ מער קיין בעז! — האָט זי געענטפערט. — זעט אַליין, בלויז פאַרוועלקטער בעז איז פאַרבליבען.

— ניטאַ מער קיין בעז, פאַרוועלקט געוואָרען! — האָט ער ווידערהאָלט קוקענדיג אויף דעם בעז, — און דער בריף איז שוין ניטאַ מער! — האָט ער מיטאַמאָל אַרויסגערעדט.

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין. ער איז נעגאַנגען הינטער איר און געטראַכט וועגען זיך, וועגען דעם בריף, וועגען זיין נעכטיג גליק און וועגען דעם פאַרוועלקטען בעז.

„יאַ, דער בעז איז פאַרוועלקט געוואָרען! — האָט ער געטראַכט. — צו וואָס האָב איך אויפגעשריבען אָט דעם בריף? צוליב וואָס בין איך אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, אַ גאַנצען פרימאָרגען געשריבען? און איצט, ווען אויף דער נשמה איז ווידער רואיג. . . (ער האָט אַ גענעץ געטאָן) ווילט זיך אַזוי שטאַרק שלאָפען. און וואָלט ניט געוועזן אָט דער בריף, וואָלט זי ניט געוויינט, אַלץ וואָלט געוועזן ווי נעכטען. שטיל וואָלטען מיר זיך געזעסען דאָ אין דער אַליי, געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען, גערעדט וועגען גליק. און מאָרגען וואָלט געוועזן דאָס זעלבע וואָס היינט. . .״ ער האָט אַ ברייטען געגעץ געטאָן.

שפּעטער האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגען דעם, וואָס וואָלט געוועזן, ווען דער בריף וואָלט יאָ דערגרייכט זיין ציל, ווען זי וואָלט געטיילט זיינע מיינונגען, וואָלט זיך, ווי ער, דערשראָקען פאַר טעות'ען און פאַר צוקונפטיגע געוויטערס, וואָלט זיך פאַרלאָזען אויף זיין כלומר'שטדיגער ערפאַרענקייט און קלוגשאַפט, און וואָלט איינגעווילינט פאַנאַנדערצוגעהן זיך?

זאָל גאָט אָפּהיטען! געזעגנען זיך, צוריקפאָרען אין שטאָדט אריין, אויף אַ נייער דירה! עס וואָלט געקומען נאָכדעם אַ לאַנגע נאַכט, אַ לאַנגווייליגער מאָרגען, אַן אומערטרעגליכער איבערמאָרגען, און אַ ריי בלייכע און בלייכערע טעג.

ווי איז דאָס מעגליך? דאָס מיינט דאָך טויט! און אַזוי

אבלאמאוו

וואלט דאך פאסירט. ער וואלט קראנק געווארען. ער האט גאר ניט געוואלט צושיידען זיך, ער וואלט עס גארנישט ניט גע־קאנט איבערטראגען, ער וואלט געקומען און געבעטען זיך ביי איר, אז זיי זאלען זיך ווידער זען. פארוואס, ווידער האב איך אנגעשריבען דעם בריף? — האט ער זיך געפרעגט.

— אלגא סערגעיעווונא! — האט ער געזאגט.

— וואס ווילט איר?

— צו דעם אלעם, אין וואס איך האב זיך דא מודה געווען, מוז איך זיך נאך מודה זיין. . .

— אז וואס?

— אז דער דאזיגער בריף איז געווען אומנויטיג. . .

— ניין, ניט אמת, ער איז געווען אומבאדינגט נויטיג, — האט זי באשלאסען.

זי האט זיך אומגעקוקט און צולאכט זיך, זעענדיג די גרוי־מאסע, וואס ער האט געמאכט און ווי עס איז מיטאמאל אוועק פון אים די פארשלאפענקייט, ווי עס האבען זיך אים געעפענט די אויגען פון ערשטוינונג.

— אומבאדינגט נויטיג? — האט ער איבערגעפרעגט פאר־מעליך, אנשטעלענדיג א פארוואונדערטען בליק אויף איר פלייצע.

„וואס זאלען אבער באדייטען די אלע טרערען, די אלע פארוואורפען? זאל דאס זיין ניט מער ווי ביטערקייט?" אבער ער האט קלאר געזען, אז אלגא איז ניט ביטערע.

עס ביטערוועוען און שלאגען זיך דורך מיט ביטערקייט בלויז באגרענעצטע פרויען. א דאנק דעם מאנגעל אין פשוט'ען פארשטאנד, באוועגען זיי די שפרינגפעדער פון דעם אלטעגלי־כען לעבען דורך שלויקייט, פלעכטען, ווי שפיצען, די היימישע פאליטיק, און באמערקען ניט דאס אמת'ע לעבען ארום זיך.

די שלויקייט — דאס איז א קליינע מטבע, פאר וועלכער דו קאנסט זער ווייניג איינקויפען. אזוי ווי מען קאן מיט א קליינער מטבע דורכלעבען איין שעה, צוויי שעה, אזוי קאן מען מיט שלויקייט דא צודעקען, דארט אפנארען, אבער מען קאן

מיט איר ניט ארומכאפּען א גאנצען האָריזאָנט, צוזאמענפירען די ענדען פון א גרויסער געשעעניש.

די שלויקייט איז קורצזיכטיג. קאָנסט ווייטער ווי די נאָז מיט איר ניט זען, דערפאר פּאסירט אָפט, אז זי פאַלט אריין אין דער זעלבער פּאסטקע, וואָס זי האָט אויסגעשטעלט פאַר אַנ־דערע.

אָלגאַ איז פּשוט אַ קלוגע, דערפאר האָט זי אזוי לייכט געלעזט די היינטיגע פראגע, און ניט נאָר בלויז די היינטיגע, יעדע פראגע לעזט זי אזוי! פאר איר ווערט גלייך קלאָר דער טיפערער מיין פון יעדער געשעעניש און זי געהט גלייך דערצו צו.

אָבער די שלויקייט איז פונקט ווי א מויז. לויפט ארום, באהאַלט זיך. . . דערצו איז אָלגאַ'ס כאראקטער אין גאנצען אַן אנדערער. וואס איז אָבער דאָס פאר א נייס?

— פארוואָס איז דער בריף אזוי נויטיג געווען? — האָט ער זי געפרעגט.

— פארוואָס? — האָט זי געפרעגט און גיך זיך אומגע־דרעהט צו אים מיט א שטראַלענדיג געזיכט. — דערפאר, — האָט זי אָנגעהויבען צו רעדען מיט פויזען, — ווייל איר זייט א גאנצע נאכט ניט געשלאָפען, געשריבען בלויז פאר מיר; איך בין אויך עגאָאיסטיש! דאָס איז די ערשטע אורזאך. . .

— פארוואָס האָט איר מיר פריער געמאכט פאַרוואורפען, ווען איר זייט איצט איינשטימיג מיט מיר? — האָט אָבלאָ־מאָוו זי איבערגעשלאָגען אין מיטען.

— ווייל איר האָט אויסגעטראכט די יסורים. איך האָב זיי ניט אויסגעטראכט, און איך פרעה זיך דערמיט, וואָס זיי זיינען שוין פאַראיבער. איר, אָבער, האָט זיי צוגעגרייט און הנאה געהאט פריער. איר זייט א שלעכטער, — דאָס איז גע־ווען מיין פאַרוואורף. אויסער דעם איז דאָ אין בריף א שפּיל פון געדאנק און געפיל. . . איר האָט די נאכט געלעבט ניט לויט אייער ווילען, נאָר ווי עס האָט געוואָלט, אז איר זאָלט לע־

אבלאמאוו

בען, אייער פריינד און איך — דאס איז די צווייטע אורזאך;
און די דריטע אורזאך...

זי איז צוגעגאנגען צו אים אזוי נאנט, אז דאס בקוט האט
א שפאר געטאן אים אין הארצען און אין קאפ אריין. ער האט
גענומען אטעמען שווער, אויפגערעגט. אבער זי האט אים גע־
קוקט גלייך אין פנים אריין.

— דריטענס, ווייל אין דעם בריף זעט זיך, ווי אין א שפי־
געל, אייער צערטליכקייט, אייער פארזיכטיגקייט, אייער דאגה'־
נען וועגען מיר, אייער שרעק פאר מיין גליק, אייער ריין געווי־
סען... אלץ, וואס עס האט מיר אנגעוויזען אין אייך אנדרעי
איוואניטש און וואס איך האב ליב באקומען, און וואס האט מיך
געמאכט פארגעסען אן אייער פוילקייט... אייער אפאטיע...
ניט ווילענדיג האט איר זיך ארויסגערעדט אין דעם בריף...
איר זייט קיין עגאאיסט ניט, איליא איליטש, איר האט עס ניט
אויפגעשריבען, אז מיר זאלען זיך פאנאנדערגעהן — דאס האט
איר גאר ניט געוואלט, ווייל איר האט ניט געוואלט מיך גע־
נארען... דאס האט פון אייך ארויסגערעדט די ערליכקייט, ווען
דאס זאל ניט זיין דער פאל, וואלט דער בריף מיך באליידיגט
און איך וואלט זיך ניט צואויינט, ווייל איך בין שטאלץ!
זעט איר שוין, אז איך וויים פארוואס איך האב אייך ליב,
און איך האב ניט מורא פאר א טעות: איך מאך אין אייך
קיין טעות ניט...

זי האט געשטראלט, געלויכטען, ווען זי האט געזאגט
די דאזיגע ווערטער. אירע אויגען האבען געלויכטען מיט
אזא פייערליכער ליבע, מיט אזא באוואוסטזיין פון אייגענער
קראפט; אויף די באקען האבען זיך געדויטעלט צוויי פלעקען.
און ער, ער איז געווען די אורזאך פון דעם אלעם! מיט דער
באוועגונג פון זיין ערליך הארץ האט ער אריינגעווארפען אין
איר נשמה אט דעם פייער, אט דעם גלאנץ, אט די ליכטיגקייט.

— אלגא! איר... איר זייט בעסער פון אלע פרויען.
איר זייט די ערשטע פרוי אויף דער וועלט! — האט ער ארויס־
גערעדט מיט באגייסטערונג און, ניט פארשטעהענדיג וואס

מיט אים קומט פאר, האט ער אויסגעשפרייט די הענד און זיך איינגעבויגען צו איר. — ווי גאט איז אייך ליב! אן איינציגען קוש אלס אן אדעווף אויף דעם גרויסען גליק, — האט ער ארויסגעמורמעלט אין היץ.

זי איז מאמענטאל צוריקגעטראטען אויף א שפאן; די פארב און דער פייערליכער שיין איז פארשוואונדען פון איר געזיכט. פון די מילדע אויגען האט א בליץ געטאן כעס.

— קיינמאל ניט! קיינמאל ניט! געהט ניט צו צו מיר! — האט זי ארויסגערעדט א דערשראקענע, כמעט מיט מורא און האט אויסגעשטעקט אירע הענד און דעם שירעם צווישען זיך און אים. זי איז געבליבען שטעהן ווי פארשטיינערט, אהן אטעם, מיט א בייזער פאזע, מיט גרויזאמקייט אין בליק.

ער איז מיט אמאל אויסגעניכטערט געווארען: פאר אים איז געשטאנען ניט א מילדע אלגא, נאר א באליידיגטע געטין פון שטאלץ און כעס, מיט צוזאמענגעדריקטע ליפען, מיט בליצען אין די אויגען.

— זייט מוחל! — האט ער געמורמעלט א פארלארענער, א דערשלאגענער.

זי האט זיך לאנגזאם אומגעדרעהט און אוועקגעגאנגען, ווארפענדיג שיפע בליקען פון דער זייט אויף אים. און ער — ווי גארנישט וואלט פאסירט, ער איז זיך געגאנגען פאמעליך ווי א הונד, אויף וועמען מען האט אנגעטראטען.

זי האט גענומען שטעלען גיכערע טריט, אבער דערזעהענדיג זיין פנים, האט זי דערשטיקט אין זיך דעם שמייכעל און גענומען געהן לאנגזאמער, בלויז פון צייט צו צייט האבען א צוק געטאן אירע אקסלען. דער ראזער פלעק האט זיך באוויזען דא אויף איינער, דא אויף איר צווייטער באק.

און ווי זי איז געגאנגען, אזוי האט זיך איר פנים גענומען פאנאנדערבליען, איר אטעם איז געווארען רעגעלמעסיגער, און איר טראט איז ווידער געווארען גלייכמעסיג. זי האט געזען ווי איר „קיינמאל ניט" איז פאר אבלאמאוו'ן הייליג, און דער אויסברוך פון כעס האט גענומען זיך איינשטילען און אפטרע-

אבלאמאוו

טען דעם אָרט פאר א געפיל פון מיטלייד. זי האָט גענומען געהן לאנגזאמער, לאנגזאמער...

איר האָט זיך געוואָלט ווייכער מאכען איר אויסברוך. זי האָט געזוכט א וועג ווי ווידער צו פארקניפּען א געשפּרעך.

„איך האָב אלס באגראָבען! דאָס איז דער איינציגער טעות! „קיינמאָל ניט"! גאָט מיינער! פארוועלקט איז דער בעז, — האָט ער געטראכט, קוקענדיג אויפן אראָפּהענגענדיגען בעז, — נעכטען פארוועלקט געוואָרען, דער בריף איז אויך פאר־וועלקט געוואָרען, און דער דאָזיגער מאָמענט, דער בעסטער מאָ־מענט אין מיין לעבען, ווען א פרוי האָט מיר צום ערשטען מאָל געזאָגט, ווי א בת־קול פון הימעל, אז אין מיר איז דאָ עפּעס גוטעס, דער מאָמענט איז אויך פארוועלקט געוואָרען!"...

ער האָט א קוק געטאָן אויף אָלגאַ'ן — זי שטעהט און ווארט אויף אים מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען.

— גיט מיר דעם בריף! — האָט זי שטיל ארויסגערעדט.

— ער איז פארוועלקט געוואָרען! — האָט אָבלאָמאָוו טרויעריג געענטפערט, דערלאנגענדיג איר דעם בריף.

זי האָט זיך ווידעראַמאָל נאָענט צוגערוקט צו אים און נאָך נידעריגער איינגעבויגען דעם קאָפּ. די אויגענלעדלעך זיינען גע־ווען אין גאנצען ארונטערגעלאָזען... זי האָט כמעט געציטערט. ער האָט איר דערלאנגט דעם בריף. זי האָט ניט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זי איז ניט אוועקגעגאנגען.

— איר האָט מיך אזוי דערשראָקען, — האָט זי אזוי זאנפט צוגעלייגט.

— זייט מיר מוחל, אָלגאַ! — האָט אָבלאָמאָוו געמורמעלט אין דער שטיל.

זי האָט געשוויגען.

— אָט דער גרויזאמער „קיינמאָל ניט!"... — האָט ער טרויעריג א זאָג געטאָן און אָפּגעזיפצט.

— וועט פארוועלקט ווערען! — האָט זי קוים הערבאר ארויסגערעדט און רויט געוואָרען.

זי האָט א וואָרף געטאָן אויף אים א פארשעמטען און

צערטליכען בליק, געגומען זיינעביידע הענד אין אירע, שטארק זיי א דריק געטאָן און צוגעלייגט זיי צו איר הארץ.

— איר הערט ווי עס קלאפּט! — האָט זי געזאָגט. — דאָס האָט איר מיך אזוי דערשראָקען! לאָזט מיר!

און ניט א קוק טוענדיג אויף אים האָט זי גענומען לויפען איבער'ן שטעגעל, אויפהויבענדיג פון פאָרענט אביסעל דאָס קלייד.

— וואו לויפט איר דאָס? — האָט ער געזאָגט. — איך בין פארמאטערט, איך קאָן איך ניט נאָכלויפען...

— לאָזט מיך צו רו. איך לויף זינגען, זינגען, זינגען!.. האָט זי גערעדט מיט א פלאמענדיג געזיכט. — מיר איז ענג געוואָרען אין הארצען, מיר טוט כמעט וועה!

ער איז געבליבען שטעהן און לאנג איר נאָכגעקוקט, ווי אן אוועקפליענדיגען מלאך.

„וועט אויך דער מאָמענט פארוועלקט ווערען?" האָט ער מיט טרויער א טראכט געטאָן, און ניט געפילט, צי ער געהט, אָדער שטעהט אויף דעם זעלבען פּלאַץ.

„פארוועלקט געוואָרען איז דער בעז, — האָט ער ווידער א טראכט געטאָן, — און דער נעכטען איז פארוועלקט, און די נאכט מיט אירע שאָטענס איז אויך אוועק... יאָ, און אויך אָט די רגע וועט פארביי, פונקט אזוי ווי דער בעז! אָבער, ווען עס האָט גענומען אוועקגעהן די היינטיגע נאכט, האָט שוין אנגעהויבען צו שטראָלען דער היינטיגער פריי־מאָרגען..."

וואָס זאָל דאָס באַדייטען? — האָט ער ארויסגערעדט אויפ'ן קול. — און די ליבע אויך... די ליבע? און איך האָב אלץ געמיינט אז זי שפּרייט זיך אויס, ווי א הייסער נאָכמי־טאג, איבער די קעפּ פון די פארליבטע, און אין איר אטמאָספער הערט זיך קיין אָטעם ניט, קיין שום באוועגונג. אבער איצט זע איך, אז אין דער ליבע איז אויך ניטא קיין רו און אז זי באוועגט זיך אויך פאָראויס, פאָראויס... „ווי דאָס גאַנצע לע־בען", זאָגט שטאָלץ. און עס איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען יענער יהושע בן נון, וואָס זאָל איר קאָנען באפעלען: בלייב

אָבלאָמאָוו

שטעהן, באוועג זיך ניט! און וואס גרייט מיר צו דער מאָר־גענדיגער טאָג? — האָט ער מיט שרעק זיך געפרעגט, און א פוילער, א פארטראכטער, געלאזט זיך אהיים.

פארבייגעהענדיג אָלגאָ׳ס פענסטער, האָט ער געהערט, ווי איר נשמה אָטעמט אויף פרייער אין שובערט׳ם קלאנגען, זי האָט אזוי ווי געיאָמערט פון גליק.

גאָט מיינער! ווי גוט איז צו לעבען אויף דער וועלט!

11.

אין דער היים האָט אַבלאַמאָוו ווידער געטראָפען א בריף פון שטאָלץ'ן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען און געענדיגט מיט אָט די ווערטער: „איצט אָדער קיינמאָל ניט!" און נאָך דעם איז געקומען א פאָרוואורף, וואָס ער איז אזוי אומבאוועגליך, דערנאָך האָט געפאָלגט אן איינלאדונג צו קומען אין דער שווייץ, וואוהין שטאָלץ האָט זיך געקליבען, און ענדליך, אן איינלאָדונג קיין איטאַליען.

און אויב דאָס האָט זיך אמאָל אין א בריף ניט געפונען, האָט ער גערופען אָבלאָמאָוו'ן אין דארף אריין, איבערקוקען, דורכזען זיינע געשעפטען, אויפטרייסלען א ביסעל די פויערים פון זייער פארשלאָפען לעבען, פעסטשטעלען זיין איינקונפט, צוטרעטען צום בויען פון נייעם הויז.

„געדענק אונזער אפמאך: איצט אדער קיינמאָל ניט", פלעגט ער געוועהנליך ענדיגען.

— איצט, איצט, איצט! — האָט אבלאָמאָוו ווידערהאָלט.

— אנדרעי ווייסט ניט, וואס פאר א פּאָעמע עס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אין מיין לעבען. וואָס נאָך פאר אן ארבייט זוכט ער עס פאר מיר? קאן איך דען מיט עפּעס אנדעריש זיין אזוי פארנומען? זאָל ער עס אמאָל פּרואווען! נעמט, למשל, די ענגלענדער, די פראנצויזען! זיי פארען זיך ארום אין גאנץ אייראפּא, אנדערע אפילו קיין אזיען און אפריקא, אזוי זיך, אָהן וועלכען עס איז ציל: ווער עס פאָרט צייכענען, ווער עס פאָרט אויסגראבען אלטערטימליכקייטען, ווער עס פאָרט שיסען לייבען, אָדער כאַפּען שלאַנגען. און אז ניט, זיצען זיי זיך אין דער היים רואיגע, פרישטיקען, מיטאָגען מיט פריינד, מיט די ווייבער — דאס איז אלץ, וואָס זיי טוען! און וואס בין איך, אן ארעסטאַנט? דאָס האָט אנדרעי אויס-

אבלאמאוו

געטראכט: „ארבייט, ארבייט, ווי א פערד!“ צו וואס? איך בין זאט, אויסגעקליידט. אבער אלגא האט ווידעראמאל געפרעגט, ווען איך קלייב זיך קיין אבלאמאווקע...

ער האט גענומען שרייבען, פאנטאזירען, ער איז אין ד' געדאנקען אפילו צו אן ארכיטעקט געפארען. אינגיכען איז אויף דעם קליינעם טישעל געלעגען אויסגעלייגט א פלאן פון א הויז, א גארטען. דאס הויז א געראמיג, מיט צוויי באל־קאנען.

„דאס איז מיין צימער, דאס — אלגא'ס, דאס וועט זיין דאס שלאפצימער, און דא וועט זיך געפינען דאס קינדערצי־מער... — האט אבלאמאוו, א שמייכלענדער געטראכט. — אבער די פויערים! וואס טוט מען מיט די פויערים? — דער שמייכעל איז פארשוואונדען פון זיין פנים, זיין שטערען האט זיך גענומען קנייטשען. — דער שכן שרייבט, געהט אריין אין דעטאלען... ווי לאנגווייליג דאס איז! הייסט זיך צו־שיקען דריי טויזענד רובל... א פולמאכט... און האס דארף מען באשטעטיגען אין געריכט... און איך הויב ניט אן צו ווי־סען, וואו דאס געריכט־הויז איז, ווי מען עפענט דארט א טיר“.

עס איז שוין די צווייטע וואך, ווי דער בריף איז אנגע־קומען, און אבלאמאוו האט נאך אלץ ניט געענטפערט אויף אים, און אפילו אלגא האט אים שוין געפרעגט צו ער איז גע־ווען אין געריכט־הויז. ניט לאנג צוריק האט אויך שטאלץ צוגעשיקט א בריף צו אים און צו אלגא'ן, אין וועלכען ער פרעגט: „וואס טוט ער?“

איבריגענס, האט אלגא געקאנט בלויז אויבערפלעכליך אכטונג געבען אויף דער טעטיגקייט פון איר פריינד, און דאס בלויז אין דער ספערע, וואס איז געווען צוגענגליך פאר איר: צי ער איז פרעהליך, צי ער פארט גערן צו מענשען, צי ער קומט אין דער באשטימטער צייט אין וועלדעל אריין, אויף וויפיל עס פארנעמען אים שטאדטישע נייעס, אלגעמיינע גע־שפרעכען. מער פאר אלץ קוקט זי נאך, צי ער האט ניט ארויסגעלאזען פון זינען דעם הויפט־צוועק פון לעבען. און

א. א. גאָנטשאַראָוו

אויב זי פרעגט אים אמאָל וועגען דער פולמאכט, איז דאָס בלויז דערפאַר, כדי זי זאָל האָבען וואָס צו ענטפערען שטאָלץ'ן וועגען די געשעפטען פון זיין פריינד.

דער זומער איז אין מיטען ברען. עס איז ענדע יולי. דאָס וועטער איז וואונדערבאַר. אָבלאָמאָוו צושיידט זיך כמעט ניט מיט אָלגאַ'ן. אין א שעהנעם טאָג איז ער מיט איר אין פאַרק, אין א הייסען נאָכמיטאָג ווערט ער מיט איר פאַרלאָרען צווישען די בוימער פון וועלדעל, זיצט ביי אירע פיס, לעזט איר פאָר, און זי שטיקט שוין אויס אַן אנדער שטיק קאַנווע, און דאָס מאָל — פאַר אים.

און אויך ביי זיי הערשט א הייסער זומער: עס באַוויי־זען זיך אמאָל וואָלקען, אָבער זיי פאַרשווינדען גלייך.

און אויב עס חלום'ען זיך אים אפילו אמאָל שווערע חלומות, און דער צווייפעל נעמט קלאַפען אין הארצען, שטעהט אָבער אָלגאַ, ווי א מלאך, אויף דער וואַך; זי דאַרף בלויז א קוק טאָן מיט אירע ליכטיגע אויגען אים אין פנים אריין, גע־וואָר ווערען, וואָס עס טוט זיך ביי אים אויפ'ן הארצען — און אלץ איז ווידער שטיל, און דאָס געפיל נעמט ווידער שטראָמען רוהיג, ווי א טייך, אפשפיגלענדיג אין זיך נייע שטיקער הימעל.

אָלגאַ'ס קוק אויפ'ן לעבען, אויף דער ליבע, אויף אלץ, איז געוואָרען נאָך קלאָרער, נאָך באַשטימטער. זיכערער פון פריער האָט זי גענומען קוקען ארום זיך, זי האָט ניט קיין מורא פאַר דער צוקונפט; איר פאַרשטאַנד איז געוואָרען ברייטער. אָט באַווייזט זי זיך פּאָעטיש־פאַרשידענאַרטיג, טיף, און אָט קלאָר, רואיג, נאַטירליך...

עס איז אין איר פאַראַן אַן איינגעבאָרענע איינגעשפּאַרט־קייט, וואָס באַזיגט ניט נאָר אלע געוויטערס פון שיקזאַל, נאָר אפילו אָבלאָמאָוו'ס פוילקייט און אַפּאַטיע. אויב עס באַ־ווייזט זיך ביי איר א געוויסער פאַרלאַנג, א געוויסע אבזיכט, הויבט די ארבייט גלייך אָן צו זידען, צו קאָכען. און אלץ, וואָס דו הערסט, איז וועגען דעם. און אויב דו הערסט ניט וועגען דעם, וועסטו גלייך דערזען, אז זי האָט בלויז איין ציל,

אז זי וועט אן דעם ניט פארגעסען, וועט זיך ניט אפשטעלען, וועט זיך ניט פארלירען, אז זי וועט זיך דערשלאגען צו דעם, וואס זי באגערט.

ער האט ניט געקאנט באגרייפען פון וואנען עס נעמט זיך צו איר אזא כוח, אזא טאקט — צו וויסען און קאנען דורכ־פירען, וואס מען דארף, ביי יעדער געלעגענהייט.

„דאס קומט דערפון, — האט ער געטראכט, — וואס איין ברעם ליגט ביי איר קיינמאל ניט גלייך, נאר אביסעל אונטער־געהויבען; און איבער דער ברעם איז דא אזא דינער, קוים באמערקבארער פאלד... אט דארט, אין יענעם פאלד, ליגט איר איינגעשפארטקייט".

וואס פאר א רואיגער און ליכטיגער אויסדרוק זאל זיך ניט באווייזען אויף איר פנים, וועט אבער אלץ אט דער פאלד ניט ארונטער און די ברעם וועט זיך ניט אוועקלייגען גלייך. אבער איר פעלט אין גאנצען אויסערליכע קראפט און שארפע מאנירען. איר איינגעשפארטקייט און אויסגעהאלטענקייט אין דער אויספירונג פון אירע אבזיכטען, האט אויף א האר ניט פארהארטעוועט איר כאראקטער.

עס איז אין איר פאראן א געוויסע שרעקעוודיגקייט, וואס איז אייגען פאר פילע פרויען: עס איז אמת, זי וועט ניט אויפ־ציטערען, ווען זי וועט דערזען א מייזעל, זי וועט ניט פאלען אין חלשות, ווען עס וועט אומפאלען א שטול, אבער זי וועט מורא האבען אוועקצוגעהן ווייטער פון הויז, און זי וועט זיך אומ־קערען, ווען זי וועט דערזען א מאן, וואס וועט איר אויסווייזען פארדעכטיג, זי וועט פארמאכען ביי נאכט דעם פענסטער, כדי גנבים זאלען ניט ארייננקריכען — און נאך אזוינע ווייבערישע שטיק.

דערצו איז איר געווען נאענט דער געפיל פון רחמנות און מיטגעפיל! עס איז געווען זער לייכט ארויסצוקריגען ביי איר טרערען; לייכט איז געווען דער צוגאנג צו איר הארץ. אין דער ליבע איז זי געווען אזוי צערטליך; אין אלע אירע בא־

ציאונגען איז געווען אזוי פיל ווייכקייט, אזוי פיל אויפמערק־
זאמקייט — מיט איין וואָרט, זי איז געווען א פרוי!

אמאָל גיט א בליץ דורך א פונק פון סאַרקאַזם דורך אירע
רייד; אָבער עס לייכט אין אירע רייד אזא גראציע, אזא פיינע
און אנגענעמע פארשטענדעניש, אז יעדער וואָלט מיט פאַר־
געניגען אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ!

אָבער זי האָט אין גאנצען ניט מורא פאר א צוג ווינט,
און איר שאדט גאָרניט, וואָס זי געהט אזוי לייכט אָנגעטאָן
אין די קילע פארנאכטען! זי איז פול מיט געזונט; זי עסט
מיט אפּעטיט, האָט זיך אירע באליבטע מאכלים און זי ווייסט
ווי זיי צוצוגרייטען.

זער א סך ווייסען דאָס; אָבער א סך ווייסען ניט, וואָס
מען דאַרף טאָן אין אזא אָדער אין אַן אנדער פאַל, און ווייסען
זיי עס שוין, איז עס אויסגעלערענטעס, אָנגעהערטעס, און ניט
אייגענס; זיי ווייסען ניט, פארוואָס זיי טוען אזוי און ניט
אַנדערש, זיי בארופען זיך גלייך אויף דעם אויטאָריטעט פון
א טאַנטע, פון א קוזינע...

פילע מענשען ווייסען אפילו ניט, וואָס זיי זאָלען וועלען,
און באשליסען זיי זיך שוין אויף עפּעס, טוען זיי עס אזוי אַן
אינטערעס, אז עס איז רעכט יאָ, און עס איז רעכט, אז ניט.
מסתמא איז דאָס דערפאַר, וואָס ביי זיי ליגען די ברעמען
גלייך, בויגענאַרטיג און האָבען ניט קיין פאַלד אויפ'ן שטערען.

צווישען אָבלאָמאָווי'ן און אָלגאַ'ן האָבען זיך איינגעשטעלט
געהיימע, פון פרעמדע אויגען פארבאָרגענע באציאונגען: יע־
דער בליק, איטליך אומבאַדייטענד וואָרט, וואָס זיי האָבען
ארויסגערעדט אין דער אנוועזענהייט פון פרעמדע מענשען, האָט
געהאַט פאר זיי זיין מיין. זיי האָבען אין יעדער זאַך געזען
אַן אָנדייטונג אויף ליבע.

און ניט קוקענדיג אויף איר גאַנצער זיכערהייט אין זיך,
טרעפט אָבער אויך, אז אָלגאַ שפּרינגט אויף, ווען עס ווערט
אמאָל ביים טיש דערצעהלט די געשיכטע פון א ליבע, וואָס איז
ענליך אויף איר ליבע; און אזוי ווי אלע ליבעס געשיכטען

זיינען זער ענליך איינע אויף דער צווייטער, קומט איר זער אָפט אויס רויט צו ווערען.

און אַבלאָמאָוו, ביי דער קלענסטער אַנדייטונג וועגען דעם, פלעגט זיך אזוי פארלירען, אז אויב עס איז געווען ביים טיי, האָט ער א כאַפּ געטאָן אזא פּאַק צוקער, אז עמעץ פון די אַנוועזענדע האָט זיך צולאכט.

און זיי זיינען געווארען זער וואכיג און גענומען זיך היטען. עס פלעגט טרעפען, אז אָלגא האָט ניט דערצעהלט דער טאַנטע, אז זי האָט געזען אַבלאָמאָוו'ן, און אַבלאָמאָוו, ווידער, האָט אין דער היים געזאָגט, אז ער פאָרט אין שטאָדט אַריין און אוועק איז ער גאָר אין פּארק אריין.

דאָך, ווי קלאָר עס איז ניט געווען אָלגא'ס פאַרשטאַנד, ווי באַוואוסטזיניג זי האָט ניט געקוקט ארום זיך, ווי זי איז ניט געווען פריש, געזונט, האָבען זיך אָבער ביי איר גענומען באַווייזען קראַנקהאפטע סימפּטאָמען. צייטענווייז האָט זי באַהערשט אַן אומרואיגקייט, וואָס זי האָט ניט געוואוסט איר אורזאַך.

טיילמאָל, געהענדיג אין א הייסען נאָכמיטאָג מיט אַבלאָמאָוו'ן אונטער דער האַנט, לעהנט זי זיך פויל אָן אָן זיין אַקסעל און געהט אזוי מעכאַניש, אָן כוחות, שווייגענדיג. עס פארשווינדט פון איר דער מוט; איר בליק, א פארמאַטערטער, אָן לעבען, בלייבט שטעהן אומבאַוועגליך, ער איז געווענדט אויף א געוויסען פונקט, און זי איז פויל אים צו ווענדען אויף א צווייטען געגענשטאַנד.

עס ווערט איר שווער, עפּעס לייגט זיך אויף איר האַרצען, באַאומרואיגט זי. זי וואַרפט פון זיך די מאַנטיליע, דעם שאַל, עס ווערט אָבער ניט גרינגער — עס דריקט אַלץ, עס איז ענג. אָ, ווי עס ווילט זיך איר אוועקלייגען זיך אונטער א בוים און אזוי אָפּליגען גאַנצע שטונדען.

אַבלאָמאָוו פאַרלירט זיך, וועהט איר אין פּנים מיט א צווייגעל, מיט אַן אומגעדולדיגען צייכען רוקט זי אים אָפּ פון זיך.

א. א. גאנטשאראוו

דערנאָך גיט זי מיטאמאָל א זיפץ. קוקט באוואוסטזיניג ארום ארום זיך, ווארפט א בליק אויף אים, גיט אים א דריק די האנט, גיט שמייכעל, און ווידער באווייזט זיך אין איר מוט, פרעהליכקייט און זי באהערשט שוין ווידער זיך.

באזונדערס איז זי אַ געוויסען אָוועגט אריינגעפאלען אין אזא אומרואיגען צושטאנד, אין אזא ליבעס לונאטיזם, און זיך באוויזען פאר אָבלאָמאָוו׳ן אין א נייעם ליכט.

עס איז געוועזן היים, דריקענד; דומפּ האָט געדרוישט אין וועלדעל א ווארעם ווינטעל; דער הימעל האָט זיך באצויגען מיט שווערע וואָלקען. עס איז וואס א ווייל געוואָרען פינס־טערער און פינסטערער.

— עס וועט רעגענען, — האָט געזאָגט דער באראָן און איז אהיים געפאָרען.

די טאנטע איז אוועק צו זיך אין צימער. לאנג האָט אָלגא געשפילט אויף דעם פאָרטעפיאן, אָבער דערנאָך האָט זי אויפ־געהערט.

— איך קאָן ניט, עס ציטערען מיר די פינגער, מיך שטיקט פשוט, — האָט זי געזאָגט אָבלאָמאָוו׳ן. — קומט אין גאָרטען אריין.

לאנג זיינען זיי געגאנגען שווייגענדיג איבער די אלייען; זיי זיינען געגאנגען האנט ביי האנט. אירע הענט זיינען פייכט און ווייך. זיי זיינען אריין אין פארק.

די בושען און די בוימער האָבען זיך צוזאמענגעגאָסען אין איין פינסטערער מאסע; קיין צוויי טריט פאר זיך האָט מען ניט געקאָנט זען. בלויז די זאמדיגע שטעגלעך האָבען זיך געשלענגעלט מיט א ווייסען אָפּשיין.

אָנגעשטרענגט האָט אָלגא אריינגעקוקט אין דעם חושך און זיך צוגעדריקט צו אָבלאָמאָוו׳ן. שווייגענדיג האָבען זיי געבלאָנדזשעט.

— איך שרעק זיך! — האָט, אויפציטערנדיג, געזאָגט אָלגא, ווען זיי האָבען זיך דורכגעשלאָגען, כמעט מיט די הענט

טאַפּענדיג, דורך אַ שמאָלער אַליי, צווישען צוויי פינסטערע, ניט דורכדרינגבארע וועגט פון וואלד.

— פאַרוואָס שרעקסטו זיך? — האָט ער געפרעגט. — האָב ניט קיין מורא, אָלגא, איך בין מיט דיר.

— אויך פאַר דיר שרעק איך זיך! — האָט זי פּליס־טערדיג ארויסגערעדט. — נאָר וואָס פאַר אַ גוטע שרעק דאָס איז! מיין הארץ שטאַרבט אָפּ! גיב די האַנט, זע אַליין ווי עס שלאָגט.

זי האָט אויפגעציטערט און גענומען זיך ארומקוקען.

— זעסט, זעסט? — האָט זי, אַ דערשראָקענע, גענומען פּליסטערען, אַנכאַפּענדיג אים מיטביידע הענט פאַר'ן אַקסעל. — קוק זיך איין, שלייכט זיך ניט עפּעס דאָרט אין דער פינ־סטער?

זי האָט זיך שטאַרקער צוגעדריקט צו אים.

— האָב ניט קיין מורא, קיינער איז דאָרט ניטאָ! — האָט ער גערעדט; אָבער אים אַליין איז קאַלט געוואָרען פאַר שרעק.

— פאַרשטעל מיר וואָס גיכער מיט וואָס עס איז די אוי־גען... שטאַרקער! — האָט זי געמורמעלט... — יאָ, שוין אַלץ פאַראיבער... דאָס זיינען בלויז נערוועז, — האָט זי אַן אויפ־גערעגטע צוגעלייגט. — שוין ווידער! גיב אַ קוק, ווער קאָן דאָס זיין? לאָמיר זיך צוזעצען אויף אַ בענקעל...

ער האָט מיט די הענט אויפגעזוכט אַ באַנק און זי אוועק־געזעצט אויף איר.

— קום אהיים, אָלגא, — האָט ער זיך געבעטען ביי איר, — דו ביסט ניט געזונט.

זי האָט אוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין פּלייצע.

— ניין, דאָס איז די לופט פרישער, — האָט זי געזאָגט. — מיר איז אזוי ענג אין דער ברוסט.

זי האָט געאָטעמט גלייך אין זיין באַק אריין.

ער האָט זיך צוגערירט צו איר קאָפּ מיט זיין האַנט — איר קאָפּ ברענט. איר ברוסט אָטעמט שווער.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— וואָלט ניט בעסער געווען אהיים צו געהן? — האָט אָבלאָמאָוו, א דערשראָקענער, איבערגעפּרעגט, — דאַרפסט זיך לייגען אין בעט אריין...

— ניין, ניין, לאָז צורו, ריר מיך ניט... — האָט זי גע־רעדט אזוי שטיל, אז מען האָט קוים געקאָנט הערען. — עס ברענט ביי מיר דאָ... — האָט זי אָנגעוויזען אויף דער ברוסט.

— קום בעסער אהיים, — האָט זיך ביי איר געבעטען איליא.

— ניין, ווארט צו, עס וועט איבערגעהן...

זי האָט אים געדריקט די האנט און צייטענווייז פון זער נאָענט אריינגעקוקט אין די אויגען. דערנאָך האָט זי גענומען וויינען, אין אָנפאנג שטיל, דערנאָך אויפ'ן קויל. ער האָט זיך אינגאַנצען פארלאָרען.

— ווי גאָט איז דיר ליב, אָלגא, קום וואָס גיכער אהיים, — האָט ער, ציטערנדיג, געהאלטען אין איין בעטען זיך ביי איר.

— לאָז צורו, — האָט זי אים געענטפערט, אויפשלוכ־צענדיג, — שטער ניט, לאָז זיך מיר אויסוויינען... די טרערען וועלען פארלעשען דאָס פייער, עס וועט מיר לייכטער ווערען; דאָס אלץ קומט פון די נערוועז...

ער האָט אין דער פינסטער געהערט ווי שווער זי אָטעמט; ער האָט געפילט ווי אירע הייסע טרערען טריפען אויף זיין האנט, ווי זי דריקט אים קאָנוואולסיוו זיין האנט.

ער האָט ניט קיין ריר געטאָן מיט א פינגער, ניט גע־אָטעמט. און איר קאָפּ ליגט אויף זיין פּלייצע, איר אָטעם בריט די באקען... ער פלעגט אויך אויפציטערען, אָבער ער האָט ניט געוואגט אָנצורירען מיט די ליפּען אירע באקען.

דערנאָך איז זי געוואָרען אלץ שטילער און שטילער, איר אָטעם איז געווארען רעגעלמעסיגער... זי האָט גענומען שטיל ווערען. ער האָט געמיינט, אפשר איז זי גאָר איינגעשלאָפען און האָט מורא געהאט זיך א ריר צו טאָן.

— אָלגא! — האָט ער ארויסגעפּליסטערט.

אָבלאָמאָוו

— הא? — האָט זי, פליסטערענדיג, געענטפערט און אַ הויכען זיפץ געטאָן.

— שוין פאָראיבער... — האָט זי אַ פארמאַטערטע ארויסגערעדט. — מיר איז איצט לייכטער, איך קאָן פרייער אָטעמען...

— קומט. — האָט זיך אָבלאָמאָוו געבעטען.

— קומט! — האָט זי ניט ווילענדיג ווידערהאָלט זיינע ווערטער. — דו, מיין טייערער, — האָט זי מיט פרייד ארויסגערעדט, א דריק געטאָן אים די האַנט און, אָנלעהנענדיג זיך אָן זיין אַקסעל, איז זי מיט אומזיכערע טריט דערגאַנגען ביז׳ן הויז.

אין הויז האָט ער א קוק געטאָן אויף איר; זי איז געווען שוואך, אָבער זי האָט געשמייכעלט מיט אזא זאָנדערבארען שמייכעל, ווי זי וואָלט זיך געפונען אונטער׳ן איינדרוק פון חלומות.

ער האָט זי אוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, געשטעלט זיך לעבען איר אויף די קני און איינינגע מאָל מיט טרערען אין די אויגען געקושט אירע הענט.

און זי האָט אלץ מיט דעם זעלבען שמייכעל געקוקט אויף אים, און מיט די אויגען אים באַגלייט ביז דער טיר.

שטעהענדיג אין דער טיר האָט ער אומגעדרעהט דעם קאָפּ: זי קוקט אים אלץ נאָך, אויף איר פנים איז נאָך אלץ די זעלבע אויסגעמאַטערטקייט, דער זעלבער פיבעריגער שמייכעל, אזוי ווי זי וואָלט ניט געקאָנט אים בייקומען...

א פאַרטראַכטער איז ער אוועקגעגאַנגען. ערגעץ וואו האָט ער שוין אַמאָל געזעהן אזא שמייכעל; ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט אַמאָל געזעהן א בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט א פרוי מיט אזא שמייכעל...

צוזאָמענגענס האָט ער געשיקט געוואָר ווערען וואָס זי מאכט. מען האָט באַפוילען איבערגעבען:

— גאָט זיי דאַנק, און מען בעט קומען צום מיטאָג און אין אָוונט וועלען אלע פאָרען צו די פייערווערק, וואָס וועלען זיין פינף ווערסט פון דאנען.

א. א. גאַנטשאַראָוו

ער האָט ניט געגלויבט זייערע רייד און איז אליין אוועק אהין. אָלגא האָט אויסגעזען פריש ווי א בלימעל, מוטיג, די אויגען האָבען געלויכטען, אויף די באַקען האָבען געבליט צוויי ראָזע פלעקלעך. און ווי קלינגענדיג איז געווען איר שטימע! אָבער זי האָט זיך פארלאָרען, שיער ניט א געשריי געטאָן, ווען אָבלאָמאָוו איז צוגעגאנגען צו איר, און זי האָט א ציטער געטאָן, ווען ער האָט זי געפרעגט, ווי זי פילט זיך נאָכ'ן נעכטיגען צופאל.

— עס איז געווען בלויז א נערוועזע ערשיטערונג, — האָט זי אים אויף גיך געענטפערט. — טאַנטע זאָגט, אז מען דארף זיך ניט לייגען שלאָפען אזוי שפעט. בלויז לעצטענס איז דאָס אזוי מיט מיר...

זי האָט ניט געענדיגט און אָפגעקערט זיך, ווי זי וואָלט געבעטען, אז מען זאָל איר ענטשולדיגען. און פארוואָס זי איז אזוי צוטראָגען, ווייס זי אליין ניט. פארוואָס האָט איר, ווי נאָדלען, געשטאָכען די עראינערונג וועגען דעם נעכטיגען אָוונט?

זי האָט זיך געשעמט פאר עפעס, און זי האָט זיך געערגערט אויף עמעצען, אָט אויף זיך אליין, אָט אויף אָבלאָמאָוו'ן. און מיטאמאָל האָט זיך איר גאר אויסגעוויזען, אז אָבלאָמאָוו איז איר געוואָרען פיל ליבער, נעענטער, אז עס ציט זי צו אים, פונקט אזוי ווי זי וואָלט פון נעכטען אָוונט אריינגעגאנגען מיט אים אין עפעס א געהיימער פארוואנדשאפט...

זי האָט א לאנגע צייט ניט געקאָנט איינשלאָפען. אין דער־פרי איז זי א לאנגע צייט ארומגעגאנגען אַן אויפגערעגטע אין דער אליי אליין. פון פארק אהיים און צוריק. זי האָט אלץ געטראכט און געטראכט, אָנגעשטויסען זיך, אָט האָט זי געמאכט א פינסטערע מינע, אָט האָט א פארב אויפגעלויכטען אויף איר פנים און זי האָט א שמייכעל געטאָן, און אַלץ זיך ניט געקאָנט באשליסען.

„אָך, סאָגיא! — האָט זי מיט ערגערניש א טראַכט געַ־

אַבלאַמאַוו

טאַן. — ס'אר א גליקליכע איז זי! זי וואָלט גלייך באשלאָ־סען, ווי צו האנדלען!"

און אַבלאַמאַוו? וואַס איז ער געווען אזוי שטום און אומבאַוועגליך מיט איר נעכטען?

אַבלאַמאַוו, כאָטש ער האָט פארבראכט זיין יוגענט צווי־שען דער אַל־וויסענדער, אומגלויביגער, קאלטער, אנאַליזי־רענדער יוגענט, האָט אָבער אַלץ געטראָגען ביי זיך אין הארצען א טיפען גלויבען אין פריינדשאפט, אין ליבע, אין ערע, און וויפיל מאָל ער האָט ניט געהאט קיין טעות אין מענשען, און וויפיל מאָל עס מעגען אים מענשען נאָך גענארען, וועט עס אים וועה טאַן, אָבער עס וועט ניט שוואכער מאכען זיין גלוי־בען אין דער ליבע און אין פריינדשאפט. אין דער טיפעניש פון הארצען האָט ער זיך געבוקט פאר דער ריינקייט פון דער פרוי, אנערקענט איר מאכט און דאָס רעכט אָנצונעמען קרבנות.

אָבער ער האָט ניט געהאט גענוג מוט, אָפען אנערקענען אכטונג צו דער אומשולד. אין דער שטיל האָט ער זיך געלאָבט מיט איר אַראָמאַט, אָבער אין דער עפענטליכקייט איז ער טייל־מאָל צוגעטראָטען צום כאָר פון ציניקער און אין זייער ווילדען כאָר האָט ער אויך צוגעלייגט זיין לייכטזיניג וואָרט.

ער האָט אויך קלאָר קיינמאָל ניט פארנומען וויפיל עס באדייט אַן איינציג וואָרט פון ליבע, אמת און ריינקייט, וואָס פאַלט אַמאָל אריין אין א גאנצען שטראָם פון מענשליכע רייד, וואָס פאר א טיפע וואָרצלען עס שלאָגט; אים איז גארנישט ניט איינגעפאלען, אז ווען עס ווערט ארויסגערעדט הויך, טאפּ־פער און מוטיג, וועט עס ניט דערטרונקען ווערען אין די אומ־ווירדיגע געשרייען פון די ציניקער, נאָר זיינע זאמען וועלען פאלען אין הארצען פון געזעלשאפטליכען לעבען.

ביי א סך נעמט זיך אָפּ דער לשון, ווען זיי דארפען ארויס־ריידען א ווארט פון ליבע, זיי ווערען רויט דערביי פאר חרפּה, אָבער הויך און מוטיג רעדען זיי ארויס לייכטזיניגע ווערטער און פארדעכטיגען דערביי ניט, אַז צום אומגליק געהט אויך דעם אומווירדיגע וואָרט ניט פארלאָרען און לאָזט נאָך זיך

א. א. גאָנטשאַראָוו

איבער א שפּור פון זינד און שלעכטס, טיילמאָל אַזא, וואָס קאָן מער ניט אפּגעמעקט ווערען.

דערפאר אָבער איז אָבלאָמאָוו שטענדיג געווען גערעכט, ווען עס איז געקומען צו האנדלען; קיין איין־איינציגער פלעק, קיין איין־איינציגער פאָרוואורף אין הארצלאָזען קאלטען ציניזם איז ניט געלעגען אויף זיין געוויסען. ער האָט ניט געקאָנט הערען די טאָג־טעגליכע געשפּרעכען וועגען דעם, אז דער האָט געביטען זיינע פערד, דער — זיין מעבעל און יענער גאר — א פרוי... און וואָס פאר א קאָסטען עס האָט געבראכט מיט זיך דאָס איבערבייטען...

ניט איינמאָל האָט ער געליטען, ווען ער האָט געזען ווי א מאַן האָט פארלאָרען זיין שטאָלץ און זיין ערע; און געוויינט האָט ער, ווען ער האָט געהערט, אז עמעצענס א פרוי, וואָס ער האָט אפילו ניט געקאָנט, איז נידעריג געפאלען, אָבער געטאָן האָט ער עס אין דער שטיל, ווייל ער האָט זיך געשעמט פאר דער וועלט.

מען האָט אים געדארפט קאָנען פארשטעהן. אָלגא האָט אים פארשטאַנען.

מענער לאַכען פון אזוינע פארשוינען, אָבער פרויען דער־קאָנען זיי גלייך; ריינע, אומשולדיגע פרויען האָבען אזוינע מענער ליב — פון מיטגעפיל; קאליע געוואָרענע פרויען זוכען צוזאמענצוקומען זיך מיט זיי, כדי זיך אָפּצופרישען אביסעל פון דער פארדאָרבענהייט.

דער זומער האָט זיך גערוקט, אוועקגעגאנגען. די באגינענס און די פרי־מאָרגענס זיינען געוואָרען טונקעל און פייכט. אַליץ איז שוין געווען פארוועלקט. אָלגא און אָבלאָמאָוו האָבען זיך געזען אלע טאָג.

ער האָט דעריאָגט דאָס לעבען, דאָס הייסט, ער האָט זיך ערוואָרבען ווידער דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעלאָזען מיט א לאַנגע צייט צוריק. ער ווייסט שוין איצט וואָרום דער פראנצויזישער געזאנדטער האָט פארלאָזען רוים, וואָרום די ענגלענדער שיקען שיפען און מיליטער קיין מזרח; ער האָט זיך אינטע־

אָבלאָמאָוו

רעסירט ווען מען געהט מאכען א נייע אייזענבאן אין דייטשלאנד, אָדער פראנקרייך. אָבער וועגען א שאָסיי פון אָבלאָמאָווקע אין א גרויסען דאָרף אריין האָט ער אפילו ניט געטראכט און שטאָלצ׳ן האָט ער נאָך אלץ ניט געענטפערט אויף זיין בריף.

ער האָט זיך ערוואָרבען בלויז דאָס, וואָס האָט זיך גערעהט אין די אלטעגליכע געשפרעכען אין אָלגאַ׳ס הויז, וואָס מען האָט געלעזען אין די ציימונגען, וואָס זיינען צו זיי אָנגעקומען, און גאַנץ אויפמערקזאַם, א דאַנק אָלגאַ׳ן, האָט ער נאָכגעפאָלגט די אייראָפּעאישע ליטעראַטור.

ניט קוקענדיג אויף די פילע פארענדערונגען וואָס זיינען אָפּטמאָל אריינגעטראָטען אין אָט דער ראָזעווער אטמאָספערע פון ליבע, איז אָבער דער הויפּט טאָן געוועזען א זארגלאָזער הימעל. אויב אָלגאַ׳ן איז אמאָל אויסגעקומען צו פארטראכטען זיך וועגען אָבלאָמאָוו׳ן, וועגען איר ליבע צו אים, אויב פון דער דאָזיגער ליבע איז געבליבען א ליידיג אָרט אין הארצען, אויב אירע פראגען האָבען ניט שטענדיג געפונען א פארטיגען ענטפער אין זיין קאָפּ, און זיין ווילען האָט געשוויגען אויפ׳ן רוף פון איר ווילען און אויף איר מוטיגקייט און לעבענס־דורשט האָט ער געענטפערט בלויז מיט אן אומבאוועגליכען און ליידענשאַפטליכען בליק — איז זי אַריינגעפאַלען אין א טיפער מרה־שחורה. עפּעס קאַלטעס, ווי א שלאַנג, איז אריינגעקראָכען צו איר אין הארצען, אויסגעניכטערט זי פון אלע חלומות און די וואַרעמע מערכענהאַפטע וועלט פון ליבע איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין עפּעס א טריבען הערבסט טאָג, ווען די גאַנצע וועלט זעט זיך בלויז אין גרויען.

זי האָט געזוכט די אורזאַך דערפון. וואָס פעלט איר נאָך? וואָס נאָך קאָן זי ווילען? איז דאָך דאָס איר גורל, וואָס זי האָט ליב אָבלאָמאָוו׳ן. די דאָזיגע ליבע ווערט באַרעכטיגט דורך זיין מילדקייט, דורך זיין גלויבען אין אלץ, וואָס עס איז גוט, און מער פאַר אלעמען, דורך זיין צערטליכ־

קיים, א צערטליכקייט, וואָס זי האָט נאָך ביז איצט ניט באַמערקט אין מענערישע אויגען.

אָבער וואָס זאָל דאָס באַדייטען, וואָס ניט אויף איר יעדען בליק ענטפערט ער מיט א פארשטענדליכען בליק, וואָס עס קלינגט ניט אין זיין שטימע שטענדיג דאָס, וואָס עס דאכט זיך איר, אז זי האָט שוין אמאָל געהערט אויפ׳ן וואָר און אפשר אין חלום... וואָס איז דאָ צו טראכטען? דאָס קומט פון אירע אָנגעקרענקטע נערוועז...

איבעריגענס, ווען זי זאָל אָפילו וועלען אוועקגעהן פון אָט דער ליבע — ווי אזוי? די זאך איז שוין אן אפגעטאָנענע: זי האָט שוין ליב און ארונטערוואַרפען פון זיך די ליבע, ווי מען ווארפט אראָפּ א מאנטעל, קאָן מען ניט. „צוויי מאָל אין לעבען האָט מען ניט ליב", האָט זי ביי זיך געטראַכט — „דאָס, זאָגט מען, איז אוממאָראַליש"...

אזוי האָט זי זיך געלערענט די ליבע, מיט פיין זי אויספּרובירט און איר יעדען נייעם טראָט באַגעגענט מיט א טרער אָדער מיט א שמייכעל. שפּעטער ערשט האָט זיך באוויזען יענער קאָנצענטרירטער אויסדרוק, וואָס האָט אָבלאָמאָוו׳ן אזוי געשראָקען.

אָבער וועגען די דאָזיגע געדאנקען, וועגען דעם דאָזיגען קאַמף האָט זי אָבלאָמאָוו׳ן אפילו צו אנען ניט געגעבען.

אָבלאָמאָוו האָט זיך ניט געלערענט ווי צו ליבען. ער איז איינגעשלאָפען אין יענעם זיסען דרימעל, וועגען וועלכען ער האָט אַמאָל גע׳חלומ׳ט אויפ׳ן קול פאר שטאָלצ׳ן. צייטענווייז האָט ער גענומען גלויבען אין א שטענדיגען זאָרגלאָזען לעבען, אים האָט זיך ווידער גענומען חלומ׳ן אָבלאָמאָווקע, באַוואוינט מיט גוטע, פריינדליכע און זאָרגלאָזע פּנים׳ער, דאָס זיצען אויף דער טעראַסע.

אויך איצט פלעגט ער אריינפאלען אין אָט די פאנטאַזיעס און צוויי מאָל, אין געהיים פון אָלגאַ׳ן, איז ער איינגעשלאָפען אין וואלד, ווארטענדיג אויף איר... ווי מיטאמאָל איז אָנגעלאָפען אן אומערוואַרטעטער וואָלקען...

אבלאמאװ

איינמאָל האָבען זיי זיך אומגעקערט פון ערגעץ, זיי זייַנען געגאַנגען מיט'ן װאַלד, און װי זיי האָבען גענומען אַריבערגעהן דעם ברייטען װעג, איז זיי אַנטקעגען געקומען א װאָלקען פון שטויב און אין דעם װאָלקען האָט זיך געטראָגען א קאָליאַס, און אין דעם קאָליאַס איז געזעסען סאַניטשקא מיט איר מאַן, נאָך עפּעס א הער, און נאָך עפּעס א דאַמע...

— אָלגאַ! אָלגאַ! אָלגאַ סערגעיעװנאַ! — האָבען זיך דערהערט קולות.

דער קאָליאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט. די אַלע הערען און די אַלע דאַמען זיינען אַרויסגעגאַנגען פון איס, זיי האָבען אַרומגערינגעלט אָלגאַ'ן, גענומען זיך באַגריסען, קושען, אָנגעהויבען מיטאַמאָל צו רעדען, און האָבען א לאַנגע צייט ניט באַמערקט אַבלאַמאָװ'ן. שפּעטער האָבען אַלע א קוק געטאָן אויף אים, איין הער האָט א קוק געטאָן אויף אים דורך א לאָרנעט.

— װער איז דאָס? — האָט שטיל געפרעגט סאָניאַ.

— איליאַ איליטש אַבלאַמאָװ! — האָט אים פאָרגעשטעלט אָלגאַ.

אַלע זיינען צוגעגאַנגען צום הויז צו פוס. אַבלאַמאָװ האָט זיך ניט געפילט פריי; ער איז אָפּגעשטאַנען פון דער געזעלשאַפט, ער האָט שוין געהאַט אַריבערגעשטעלט דעם פוס איבער'ן צאַם, כדי זיך אָפּצוטראָגען אהיים. אָלגאַ'ס בליק האָט אים אומגעקערט צוריק.

סוף כל סוף איז עס גאַרנישט מיט גאַרנישט, אָבער די אַלע הערען און דאַמען האָבען געקוקט אויף אים אַזוי מאָדנע, אָבער דאָס איז סוף כל סוף אויך גאַרנישט מיט גאַרנישט. פריער האָט מען אייגענטליך אויף אים קיינמאָל אַנדערש ניט געקוקט א דאַנק זיין פאַרשלאָפענעם און לאַנגװייליגען אויסזען און זיין נאַכלעסיגער קליידונג.

אָבער דעם דאָזיגען זאָנדערבאַרען בליק האָבען די הערען און די דאַמען אַריבערגעטראָגען פון אים אויף אָלגאַ'ן. פון דעם דאָזיגען בליק אויף אָלגאַ'ן איז אים מיט אַמאָל קאַלט געװאָרען אין האַרצען; עפּעס האָט אים גענומען פייניגען,

און אזוי שטארק און אזוי וועהטאָגדיג, אז ער האָט עס ניט געקאָנט איבערטראָגען און איז אוועק אהיים; ער איז געווען פארטראכט, טרויעריג.

צומאָרגענס האָט אים אָלגאַ׳ס אנגענעמעס און פרעהליכעס פלוידערען ניט געקאָנט אויפמונטערען. אויף אלע אירע פראַגען האָט ער זיך בארופען אויף קאָפּ־וועהטאָג און ער האָט גע־דולדיג איבערגעטראָגען ווי מען האָט אויף זיין קאָפּ אויסגע־גאָסען פאר פינף און זיבציג קאָפּ. אָדעקאָלאָן.

דערנאָך, אויפ׳ן דריטען טאָג, ווען זיי האָבען זיך אומ־געקערט אהיים שפעט אין אָוונט, האָט די טאנטע עפּעס אזא קלוגען קוק געטאָן אויף זיי, באזונדערס אויף אים, דערנאָך האָט זי ארונטערגעלאָזען אירע עטוואס אנגעשוואָלענע אויגען־לעפּלעך, און די אויגען קוקען אזוי ווי אדורך דורך די אויגען־לעפּלעך, און אפשר א גאנצע מינוט האָט זי פארטראַכטערהייט געשמעקט שפּירט.

אָבלאָמאָוו האָט זיך געמאַטערט, אָבער ער האָט געשוויגען. אָלגאַ׳ן האָט ער ניט געוואגט פארטרויען דאָס אַלץ, ער האָט מורא געהאט צו דערשרעקען זי און, דעם אמת זאָגענדיג, ער האָט זיך געשראָקען אויך פאר זיך אליין, ער האָט מורא געהאט אויפצורודערען דאָס דאָזיגע רואיגע און וואָלקענלאָזע וועלטעל מיט אזא וויכטיגער און ערנסטער פראגע.

איצט איז שוין מער ניט געשטאַנען די פראגע צי האָט זי ניט דורך א טעות ליב געקראָגען אים, אָבלאָמאָוו׳ן, נאָר, צי איז ניט א טעות, א פעלער זייער גאנצע ליבע, אָט די באגע־געגנישען אין וואלד, אליין, ביז שפעט אין דער נאכט?

ער איז געבליבען אָן כוחות, ער האָט ווי א קינד געוויינט וועגען דעם, וואָס עס האָבען פארבלייכט די רעגענבויגענדיגע קאָלירען פון זיין לעבען, וואָס אָלגא וועט מוזען זיין א קרבן. זיין גאנצע ליבע איז געווען א פארברעכען, א פלעק אויף זיין געוויסען.

מיטאַמאָל האָט עפּעס א ליכט געטאָן אין דעם אויפגע־רעגטען מוח. אָבלאָמאָוו האָט באגריפען, אז צו דעם אַלעם איז

א ב ל א מ א ו ן

דאָ א געזעצליכער אויסוועג: אויסשטרעקן אַלגאַ'ן די האַנד מיט א רינג...

„געוויס, געוויס, — האָט ער מיט א פרײדיגן ציטער אַרויסגערעדט, — און דער ענטפער אויף דעם וועט זיין אַ בליק מיט א פאַרשעמטער צושטימונג... זי וועט קיין וואָרט ניט זאָגן, זי וועט אויפברויזן, א שמייכעל טאָן ביז דער טיפעניש פון איר האַרץ, דערנאָך וועט איר בליק זיך אָנפילן מיט טרערן..."

טרערן און אַ שמייכעל, די שווייגנדיג אויסגעשטרעקטע האַנט, דערנאָך די לעבעדיגע פרייד, די גליקזעליגקייט און די באַוועגונגען, שפעטער א לאַנגער־לאַנגער געשפרעך, א פליסטערן אונטער פיר אויגן, אָט יענער פאַרטרויליכער נשמה־געשפרעך, דער געהיימער אָפמאַך צוזאַמענצוגיסן צוויי לעבענס אין איינס!

אין באַגאַטעלן, אין געשפרעכן וועגן וואָכעדיגע זאַכן וועט דורכשיינען די ליבע; קיינער אויסער זיי וועט זי אָבער ניט באַמערקן. און קיינער וועט ניט וואַגן צו באַליידיגן זיי מיט א בליק...

און מיטאַמאָל איז זיין פנים געוואָרן אַזוי שטרענג, געוואָרן אַזוי ערנסט.

„יאָ, — האָט ער גערעדט מיט זיך אַליין, — אָט וואו עס ליגט די וועלט פון ווירדיגן און באַשטענדיגן גליק! עס איז אַ שאַנדע, וואָס איך האָב ביז אַהער, ווי א אינגעל, געזוכט באַגעגענישן אונטער דעם שיין פון דער לבנה, אונטערגעהערט זיך צום קלאַפן פון א מיידעלשן האַרץ, געכאַפט דעם ציטער פון אירע חלומות... גאָט מיינער!"

ער איז רויט געוואָרן איבער די אויערן.

„נאָך היינט אַוונט וועט אָלגאַ געוואויר ווערן, וואָס פאַר אַ שטרענגע פליכטן עס ליגט אַרויף די ליבע: היינט וועט זיין דער לעצטער צוזאַמענקונפט אונטער פיר אויגן, היינט..."

ער האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן: עס שלאָגט שטאַרק, אָבער גלייכמעסיג, ווי עס דאַרף שלאָגן אַ האַרץ

בּיי אנשטענדיגע מענשען. ווידער ווערט ער אויפגערעגט פון דעם געדאנק, אז אין אָנפאנג וועט אַלגא טרויעריג ווערען, ווען זי וועט דערהערען, אז מען דארף זיך מער ניט זען. דערנאָך וועט ער שנעל איר ערקלערען זיינע אבזיכטען, אבער פריער וועט ער אויספארשען דעם גאנג פון אירע געדאנקען, וועט זיך באַרוישען מיט איר פארלאָרנקייט, און דערנאָך...

ווייטער חלומ'ט זיך אים אלץ איר שעמעוודיגע צושטי־מונג, איר שמייכעל און אירע טרערען, די שווייגענדיג אויס־געשטרעקטע האנט, אַ לאנג, געהיימניספול פליסטערען און קו־שען פאר די אויגען פון דער גאנצער וועלט.

ער איז געלאָפען אויפזוכען אָלגאַ'ן. אין דער היים האָט מען אים געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען. ער לאָזט זיך אין דאָרף — זי איז ניטאָ. זעט ער, אַז אין דער ווייטען געהט זי, ווי אַ מלאך צום הימעל, ארויף אויפ'ן בארג; ווי לייכט שפּאַרט זי זיך אָן מיט'ן פוס, ווי באַוועגט זיך איר טאַליע!

ער לאָזט זיך נאָך איר. זי רירט קוים אָן די ערד און עס דאַכט זיך, אַז זי שוועבט אויף אָן אמת ערגעץ אַוועק. פון מיטען בארג האָט ער זי גענומען רופען.

זי וואַרט אויף אים; און ווען ער איז ניט מער ווי אַ צוויי קלאַפּטער פון איר, גיט זי ווייטער אַ שוועב פאָראויס און ווידער איז שוין אַ גרויסע שטרעקע צווישען איר און אים, זי שטעלט זיך ווייטער אָפּ און שמייכעלט.

ענדליך האָט ער זיך אין גאַנצען אָפּגעשטעלט, זייענדיג זיכער, אַז זי וועט זיך פון אים ניט אויסבאַהאַלטען. און זי איז אים טאַקע אַנטקעגען געלאָפען, דערלאַנגט אים די האַנד, און, לאַכענדיג, אים געשלעפּט נאָך זיך.

זיי זיינען אַריין אין וועלדעל. ער האָט אַרונטערגענומען דעם הוט, און זי האָט מיט אַ טיכעל גענומען אים אָפּווישען דאָס געזיכט און געוועהט אים מיט'ן שירעם אין געזיכט.

אָלגאַ איז היינט געווען עפּעס באַזונדערס לעבעדיג, באַרעד־זאַם, שאַרף, מיטאַמאָל געוואָרען צערטליך, דערנאָך אומערוואַר־טעטערהייט פאַרזונקען געוואָרען אין געדאַנקען.

— טרעף, וואָס האָב איך געטאָן נעכטען? — האָט זי געפרעגט, ווען זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטען.

— געלעזען?

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— געשריבען?

— ניין.
— געזונגען?
— ניין. איך האָב געלייגט קאָרטען! — האָט זי געזאָגט.
— דעם גראַפּס הויז־האַלטערין איז נעכטען געווען. זי קאָן לייגען קאָרטען, האָב איך זי געבעטען.
— נו?
— ניט קיין אויסערגעוועהנליכעס. עס איז ארויסגעקומען א רייזע, דערנאָך עפּעס א מאַסע מענשען און אומעטום א בלאָנ־דין, אומעטום... איך בין אין גאַנצען רויט געוואָרען, ווען זי האָט מיר מיטאַמאָל געזאָגט, אַז עס טראַכט ווענען מיר דער מלך שע־לען. ווען זי האָט מיר געוואָלט זאָגען ווענען וועמען איך טראַכט, האָב איך צוזאַמענגעמישט די קאָרטען און אַנטלאָפען. דו טראַכסט טאַקע ווענען מיר? — האָט זי מיטאַמאָל אים א פרעג געטאָן.
— אך! — האָט ער זיך אָפּגערופען. — ווען מען זאָל קאָנען אביסעל ווייניגער טראַכטען.
— און איך... — האָט זי פארטראַכטערהייט אָנגעהויבען צו רעדען. — איך האָב שוין פארגעסען ווי מען לעבט אנדערש. ווען דו ביסט לעצטע וואָך עפּעס ברוגז געוואָרען און ניט געווען ביי אונז גאַנצע צוויי טעג, בין איך אין גאַנצען געוואָרען אַן אנדערע, א שלעכטע. איך קריג זיך מיט קאַטיע'ן, ווי דו מיט זאַכאַר'ן. איך זע, ווי זי וויינט אין דער שטיל, אָבער מיך אַרט זער ווייניג אירע טרערען. טאַנטע רעדט, איך הער זיך ניט איין, ענטפער איר ניט, טו גאָרנישט ניט, געה פון הויז ניט ארויס. און ווי דו ביסט נאָר געקומען, בין איך גלייך גע־וואָרען אַן אנדערע. קאַטיע'ן אַוועקגעשאָנקען מיין לילאַ קלייד...
— דאָס איז ליבע! — האָט פאַטעטיש ארויסגערעדט אָב־לאָמאָוו.
— וואָס? דאָס לילאַ קלייד?
— אַלץ! אין דיינע ווערטער דערקאָן איך זיך: אָן דיר איז דער טאָג מיר קיין טאָג ניט און ביי נאַכט חלום'ן זיך מיר אַלץ עפּעס בליענדיגע טאָלען. דערזע איך דיך, בין איך

מוטיג, טעטיג; זע איך דיך ניט — בין איך פויל, ווערט מיר לאנגווייליג, עס ווילט זיך אוועקלייגען אויף דער סאפע און וועגען גארנישט ניט טראכטען... ליב, און שעם זיך ניט מיט דיין ליבע.

מיט אמאל איז ער שטיל געווארען. „וואס רעד איך דא? ניט צוליב דעם בין איך דאך אהער געקומען!" האט ער א טראכט געטאן און גענומען הוסטען; ער האט גענומען צו־זאמענציען די ברעמען.

— און אויב איך זאל מיטאמאל גאר שטארבען? — האט זי געפרעגט.

— וואס פאר אן איינפאל! — האט אבלאמאוו נאכלעסיג געזאגט.

— יא, — האט זי געזאגט, — איך וועל זיך פארקילען, וועל קריגען היץ; דו וועסט אהער קומען — איך וועל ניט זיין, וועסט געהן צו אונז, וועט מען דיר זאגען, אז איך בין קראנק; צומארגענס דאס זעלבע. די לאדען פון מיין צי־מער זיינען פארמאכט; דער דאקטאר שאקעלט טרויעריג דעם קאפ; קאטיא וועט ארויס צו דיר א פארוויינטע, אויף די שפיץ נעגעל און וועט שעפטשען: זי איז קראנק, זי שטארבט...

— אך! — האט אבלאמאוו מיטאמאל א זיפץ געטאן.

זי האט זיך צולאכט.

— וואס וועט דאמאלט מיט דיר ווערען? — האט זי גע־פרעגט, קוקענדיג אים אין פנים אריין.

— וואס? איך וועל משוגע ווערען! איך וועל זיך דער־שיסען! און דו וועסט דערווייל געזונט ווערען.

— גענוג, גענוג, הער אויף! — האט זי מיט שרעק ארויס־גערעדט. — וואס מיר האבען דא אנגעפלוידערט! דו באווייז זיך נאר ניט פאר מיר א טויטער: איך האב אזוי מורא פאר טויטע...

ער האט זיך צולאכט, זי אויך.

— גאט מיינער, וואס פאר א קינדער מיר זיינען דאס! —

א. א. גאַנטשאַראָוו

האָט זי געזאָגט, אויסניכטערענדיג זיך פון אַט דער גאַנצער פּלוידעריי.

ער האָט ווידער א הוסט געטאָן.

— הער זיך איין... איך האָב דיר געוואָלט זאָגען.

— וואָס? — האָט זי געפרעגט און שנעל זיך אומגעדרעט צו אים.

עס איז אים באַפאַלען א שרעק און ער האָט געשוויגען.

— נו, זאָג שוין, — האָט זי זיך אָפּגערופען, און לייכט אים א צי געטאָן פאַר'ן ארבעל.

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי... — האָט ער ארויסגערעדט, פאַרלירענדיג אין גאַנצען דעם מוט.

— דו ווילסט יאָ עפּעס זאָגען.

ער האָט געשוויגען.

— אויב עס איז עפּעס שרעקליכעס, איז בעסער, אַז דו זאָלסט עס ניט זאָגען, — האָט זי געזאָגט. — ניין, זאָג יאָ! — האָט זי אין א ווײַלע ארום צוגעלייגט.

— עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! נאַרישקייטען, — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט.

— ניט אמת, האָסט יאָ וואָס צו זאָגען, זאָג! — איז זי צוגעשטאַנען, האַלטענדיג אים ביי ביידע לאַצען פון ראָק, און געהאַלטען האָט זי אים אַזוי נאָענט, אַז ער האָט געמוזט האַלטען אין איין דרעהען דעם קאָפּ אָט רעכטס און אָט לינקס, אַז ניט וואָלט אים אויסגעקומען צו צוקושען זיך מיט איר.

ער וואָלט ניט אַזוי געדרעהט מיט דעם קאָפּ, ווען עס וואָלט אים אין די אויערען ניט געקלונגען אָן אויפהער איר גרויזאַם „קיינמאָל ניט".

— זאָג שוין אַמאָל! — איז זי צוגעשטאַנען.

— איך קאָן ניט, מען דאַרף ניט, — האָט ער זיך געהאַלטען אין איין אָפּבעטען.

— טאָ ווי אַזוי האַלטסטו אין איין פּרעדיגען, אַז „צוטרויען איז דער יסוד פון געגענזייטיגען גליק", אַז „עס דאַרף ניט זיין קיין איין קנייטש אין איינעמס האַרץ, וואָס זאָל זיין

פארבארגען פאר'ן אויג פון דעם צווייטען". ‏וועמעס ווער־טער זיינען דאס?

— איך האב דיר בלויז געוואלט זאגען, אז איך האב דיך אזוי ליב, — האט ער אנגעהויבען לאנגזאם צו ציען די ווער־טער, — אזוי ליב, אז ווען...

ער האט זיך אפגעשטעלט.

— וואס? האט זי אומגעדולדיג ארויסגערעדט.

— אז אויב דו וואלסט איצט ליב געקראגען א צווייטען, און ער וואלט געווען פעהיגער צו מאכען דיך גליקליך, ווי איך בין עס, וואלט איך... שוויגענדיג דערשלונגען מיין טרויער און אים אפגעטראטען דעם פלאץ.

זי האט מיטאמאל ארויסגעלאזען זיין ראק פון אירע הענט.

— פארוואס? — האט זי מיט פארוואונדערונג געפרעגט.

— איך הויב ניט אן צו פארשטעהן. דיך וואלט איך קיינעם ניט אפגעטראטען: איך וויל ניט, אז דו זאלסט זיין גליקליך מיט א צווייטער. דיינע רייד זיינען אזוי קלוג, אז איך פארשטעה זיי אזש ניט.

איר בליק האט פאר'חלומ'ט געבלאנדזשעט איבער די בוימער.

— הייסט דאס, אז דו האסט מיך ניט ליב? — האט זי א ווײַלע שפעטער אים געפרעגט.

— פארקערט, איך האב דיך ליב אזוי, אז איך בין גרייט צו אפפערען מיט זיך פאר דיין גליק, — האט געזאגט אבלא־מאון.

— צוליב וואס? ווער בעט דיך?

— איך זאג דאך, אז אין א פאל, ווען דו זאלסט ליב קריגען א צווייטען.

— א צווייטען? ביסט משוגע? צו וואס זאל איך ליב קריגען א צווייטען, ווען איך האב דיך ליב? וועסטו דען זיך פארליבען אין א צווייטער?

— דו הערסט זיך איין צו מיינע רייד? איין גאט ווייס,

א. א. גאַנטשאַראָוו

וואָס איך פּלוידער, און דו גלויבסט שוין! איך האָב נאָר־נישט דאָס געוואָלט זאָגן...

— וואָס דען האָסטו געוואָלט זאָגן?

— איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז איך פּיל זיך שולדיג געגען דיר, שוין פון לאַנג שולדיג...

— אין וואָס? ווי אַזוי? — האָט זי געפרעגט. — האָסט מיך מער ניט ליב? טרייבסט שפּאַס? זאָג שוין גיכער!

— ניין, ניין, ניט דאָס! — האָט ער אַ טרויעריגער אַרויסגערעדט — פאַרשטעהסט, אָט דאָס... — האָט ער אָנ־געהויבען אומאַנטשלאָסען, — דאָס, וואָס מיר באַגעגנען זיך שטענדיג באַהאַלטענערהייט..

— באַהאַלטענערהייט? פאַרוואָס עפּעס באַהאַלטענער־הייט? איך זאָג כמעט שטענדיג דער טאַנטע, ווען איך האָב דיך געזען.

— כמעט יעדען מאָל, זאָגסטו? — האָט ער אומרואיג גע־פרעגט.

— עס איז דען שלעכט אַזוי?

— איך בין שולדיג! איך האָב דיר שוין לאַנג געדאַרפט זאָגען, אַז אַזוי טוט מען ניט.

— דו האָסט עס מיר שוין אַמאָל געזאָגט, — האָט זי געענטפערט.

— געזאָגט? ווירקליך אַזוי... איך האָב דיר אָנגעדייט אויף דעם. הייסט עס, אַז איך האָב מיין פליכט געטאָן.

ער האָט געקראַגען מוט און איז געוועזן צופרידען, וואָס אָלגאַ האָט אַזוי לייכט אַרונטערגענומען פון זיינע פּלייצעס דעם יאָך פון פאַראַנטוואָרטליכקייט.

— וואָס נאָך האָסטו צו זאָגען? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס נאָך האָב איך צו זאָגען? דאָס אַלץ... — האָט געענטפערט אָבלאָמאָוו.

— ניט אמת! — האָט אָלגאַ ענטשידען אַרויסגערעדט. — האָסט נאָך וואָס צו זאָגען; ניט אַלץ האָסטו אַרויסגערעדט.

— אמת, איך האב געמיינט... — האט ער אנגעהויבען מיט א נאכלעסיגער מינע, — אז...

ער האט זיך אפגעשטעלט. זי האט געשוויגען.

— אז מיר דארפען זיך טרעפען זעלטענער... — ער האט געוואָרפען א צושראָקענעם בליק אויף איר.

זי האט געשוויגען.

— פארוואס עפעס? — האט זי געפרעגט נאכדעם ווי זי האט א ווײלע א טראכט געטאן.

— מיך בייסט א שלאנג: דאס איז דאס געוויסען... מיר בלייבען אזוי לאנג אונטער פיר אויגען; איך ווער אומרואיג, דאס הארץ בלייבט שטעהן אין מיין ברוסט; דו ביסט אויך אומרואיג... איך שרעק זיך... — האט ער קוים מיט מי פאר־ענדיגט.

— וואס?

— דו ביסט יונג, אלגא, און דו ווייסט ניט אלע גע־פארען. עס טרעפט, אז מען איז ניט דער באלעבאס איבער זיך; עס באזעצט זיך אין דיר עפעס א טייוועלשע קראפט, א נעבעל באדעקט דאס הארץ, און אין די אויגען גלאנצען בלי־צען. דער שכל איז טויט; אכטונג צו ריינקייט, צו אומשולד — דאס אלץ האט דער ווינט פארטראגען. דער מענש ווייס ניט וואס עס טוט זיך מיט אים. עס אטעמט אויף אים די ליידענ־שאפט, ער הערט אויף צו זיין דער הערשער איבער זיך — און דאמאלט שפרייט זיך אויס אונטער די פיס א תהום.

ער האט אזש אויפגעציטערט.

— איז וואס? זאל זיך, — האט זי געזאגט קוקענדיג אויף אים מיט ביידע אויגען.

ער האט געשוויגען. ניט געוואוסט וואס ווייטער צו טאן.

לאנג האט זי געקוקט אויף אים, אזוי ווי זי וואלט געלע־זען אין די קנייטשען פון זיין שטערען, ווי מען לעזט אין א בוך, און דערמאנט האט זי זיך אויך איטליך ווארט, וואס ער האט ארויסגערעדט, זיין יעדען בליק, און אין געדאנק איז זי דורכגעלאפען די גאנצע געשיכטע פון זייער ליבע, און ווען

א. א. גאָנטשאַראָוו

זי איז צוגעקומען צו דעם פֿינסטערען אווענט אין גאָרטען איז זי רויט געוואָרען.

— דו רעדסט בלויז נאַרישקייטען! — האָט זי אויף גיך באַמערקט, קוקענדיג אין אַ זייט. איך האָב קיין שום בליצען אין דיינע אויגען ניט געזען... מערסטענטייל קוקסטו אויף מיר פּונקט אַזוי... ווי מיין מאַם פּלעגט אויף מיר קוקען! — האָט זי צוגעליינט און צולאַכט זיך.

— דו טרייבסט שפּאַס, אָלגאַ! איך שפּאַס ניט, איך רעד... און ניט אַלץ האָב איך שוין אַרויסגערעדט.

— וואָס נאָך? — האָט זי געפרעגט. — וואָס פאַר אַ תהום איז דאָרט?

ער האָט אָפּגעזיפצט.

— און דאָס וואָס מיר דאַרפען זיך ניט זען אונטער פיר אויגען...?

— פאַרוואָס עפּעס?

— עס איז ניט גלייך אַזוי.

זי האָט זיך פאַרטראַכט.

— יאָ, מען זאָגט, אַז עס איז ניט גלייך אַזוי, — האָט זי אַרויסגערעדט אַ פאַרטראַכטע. — אָבער וואָרום?

— וואָס וועט מען זאָגען, ווען מען וועט געוואָר ווערען, ווען עס וועט צוטראָגען ווערען?

— ווער וועט זאָגען? איך האָב קיין מאַמע ניט. זי אַליין וואָלט מיך געקאָנט פרעגען, צו וואָס איך זע זיך מיט דיר, און איך וואָלט זיך צוואויינט פאַר איר און איך וואָלט איר געזאָגט, אַז איך האָב קיין שלעכטס ניט געטאָן, און דו האָסט קיין שלעכטס ניט געטאָן. ווער אַנדערש האָט אַ רעכט צו פרעגען? — האָט זיך אָלגאַ אָפּגערופען.

— די טאַנטע — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט.

— די טאַנטע?

מיט טרויער האָט אָלגאַ אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ אויף ניין.

— זי וועט קיינמאָל ניט פרעגען. ווען איך זאָל אין גאַנ־

צען אוועק, וואָלט זי מיך ניט געגאַנגען זוכען, און איך וואָלט ניט געקומען איר זאָגען וואו איך בין געווען און וואָס איך האָב געטאָן. ווער קען נאָך פרעגען?

— אנדרעע... אַלע... ניט לאַנג צוריק האָט סאָניטשקאַ מיט אַ שמייכעל געקוקט אויף דיר און אויף מיר, און די אַלע הערען, און די אַלע דאַמען, וואָס זיינען געווען מיט איך, האָבען אויך אזוי געקוקט.

ער האָט איר דערצעהלט וועגען דעם שרעק, וואָס איז אים באַפאַלען פון יענער צייט אָן.

— ווי לאַנג זי האָט געקוקט בלויז אויף מיר, האָט עס מיך זער ווייניג געאַרט, — האָט ער צוגעלייגט, — אָבער ווי נאָר זי האָט גענומען אויך אויף דיר קוקען מיט'ן זעלבען בליק, האָבען זיך מיר אָפּגענומען הענט און פיס...

— נו? — האָט זי געפרעגט קאַלט.

— מאַטער איך זיך פון דאַמאָלט אָן, איך ברעך זיך דעם קאָפּ, ווי צו פאַרמאַכען מענשליכע מיילער... איך האָב שוין געוואָלט לאַנג מיט דיר רעדען...

— ארויסגעוואָרפענע ארבייט! — האָט זי געענטפערט.

— איך ווייס שוין אַלץ אָן דיר...

— וואָס הייסט, דו ווייסט? — האָט אַבלאַמאָוו, אָן ערשטוינטער, געפרעגט.

— סאָניטשקאַ האָט מיט מיר גערעדט, אויסגעפרעגט זיך, געשטאָכען מיך, זי האָט מיך אפילו געלערענט ווי איך זאָל זיך פירען מיט דיר.

— און דו האָסט מיר וועגען דעם אפילו קיין וואָרט ניט געזאָגט, אָלגאַ! — האָט איר אַבלאַמאָוו פאַרגעוואָרפען.

— דו האָסט מיר ביז איצט אויך קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען דיינע דאגות!

— וואָס האָסטו איר געענטפערט? — האָט געפרעגט אַבלאַמאָוו.

— גאָרנישט ניט געענטפערט! וואָס האָב איך געקאָנט איר ענטפערען אויף דעם? איך בין בלויז רויט געוואָרען.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— גאָט מיינער! ווי ווייט מיר זיינען שוין פאַרקראָכען! דו דאַרפסט שוין רויט ווערען! — האָט ער ארויסגערעדט מיט שרעק. — ווי אומפאָרזיכטיג מיר זיינען עס! וואָס וועט זיין דער סוף דערפון?

ער האָט, פרעגענדיג, געקוקט אויף איר.

— איך ווייסט ניט, — האָט זי שטיל געענטפערט.

אָבלאָמאָוו האָט געטראַכט באַרואיגען זיך אַביסעל, צו לעזען די פראַגע צוזאַמען מיט אָלגא'ן, און דערווייל זיך אָנזאַפען אין אירע אויגען און אירע קלאָרע ווערטער מיט קראַפט, אָבער מיטאַמאָל, ניט קריגענדיג אַ קלאָרען ענטפער, איז ער אָפּהענדיג געוואָרען.

זיין געזיכט איז באַצויגען געוואָרען מיט אומזיכערהייט און אומענטשלאָסענהייט, זיין בליק האָט שטאַר געקוקט ארום זיך. אינווייניג אין אים האָט אַלץ געציטערט. ער האָט שוין כמעט געהאַט פאַרגעסען אָן אָלגא'ן, פאַר זיינע אויגען האָבען זיך אַלץ געדרעהט סאָניטשקא און איר מאַן, די געסט; אין די אויערען האָבען אים געקלונגען זייערע רייד, זייער געלעכטער.

אָלגא, וואָס האָט זיך שטענדיג געקאָנט געפינען, ווייס ניט וואָס צו טאָן, זי שווייגט, קוקט קאַלט אויף אים און נאָך קעלטער זאָגט זי אַלץ איר „איך ווייס ניט". און ער האָט זיך ניט געמיט, אָדער ער האָט ניט געקאָנט אַריינדרינגען אין דעם באַהאַלטענעם מיין פון דעם דאָזיגען „איך ווייס ניט".

און ער האָט אויך געשוויגען. אָן פרעמדער הילף וועט קיינמאָל ביי אים קיין געדאַנק אָדער אבזיכט ניט צייטיג ווערען, ווי אַ צייטיג געוואָרענער עפּעל, ניט אַרונטערפאַלען אליין: מען דאַרף אים אַרונטעררייסען.

אָלגא האָט געקוקט אויף אים אַ פּאָר מינוט, דערנאָך אָנגעטאָן די מאַנטיליע, אַרונטערגענומען פון דער צווייג דעם שאַל, פּאַמעליך זי אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ און גענומען דעם שירעם.

— וואוהין אַזוי פרי? — האָט מיטאַמאָל, ווי אויפכאַפּענדיג זיך, געפרעגט אָבלאָמאָוו.

— ניין, עס איז שוין שפּעט. דו האָסט געזאָגט דעם אמת,—

אבלאמאוו

האָט זי מיט אַ טרויעריגער פּאַרטראַכטקייט אַרויסגערעדט, — מיר זיינען צו ווייט פאַרקראָכען, און קיין אויסוועג איז ניטאָ. מיר דאַרפען זיך וואָס גיכער פאַנאַנדערגעהן און פּאַרמעקען אונטער זיך די שפּורען. זיי געזונט! — האָט זי טרוקען, מיט ביטערניש צוגעלייגט און, איינבויגענדיג דעם קאָפּ, האָט זי זיך געלאָזען מיט׳ן שטעגעל.

— אָלגאַ, האָב רחמנות. גאָט איז מיט דיר, אָלגאַ! וואָס הייסט מיר וועלען זיך מער ניט זען? דערצו האָב איך... אָלגאַ!

זי האָט זיך ניט איינגעהערט צו זיינע רייד און גענומען געהן גיכער. דער זאַמד האָט געקנאַקט אונטער אירע פיס.

— אָלגאַ סערגעיעוונאַ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

זי הערט ניט; געהט ווייטער.

— ווי גאָט איז דיר ליב, קער זיך אום! — האָט ער געשריען ניט מיט אַ שטימע נאָר מיט טרערען. — אפילו אַ פאַרברעכער דאַרף מען דאָך אויך אויסהערען! גאָט מיינער! האָט זי דען אַ האַרץ?... אָט דאָס זיינען פרויען!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און פאַרדעקט מיטביידע הענט די אויגען. קיין טריט האָבען זיך שוין מער ניט געהערט.

— זי איז אַוועק! — ער האָט כמעט אין שרעק אַרויס־גערעדט און אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

אָלגאַ שטעהט פאַר אים.

אַ פריידיגער האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— דו ביסט ניט אַוועקגעגאַנגען, און וועסט ניט אַוועק־געהן?... — האָט ער גערעדט. — געה ניט אַוועק. געדענק, אויב דו וועסט אַוועקגעהן, — וועל איך ניט קאָנען מער לעבען.

— און אויב איך וועל ניט אַוועקגעהן, בין איך אַ פאַר־ברעכערין, דו אויך, האָב דאָס אין זינען, איליאַ.

— ניין, ניט אמת.

— וואָס הייסט ניט אמת? אויב סאַניטשקאַ מיט׳ן מאַן וועלען נאָכאַמאָל אונז טרעפען צוזאַמען — בין איך פאַרלאָרען, ער האָט אַ ציטער געטאָן.

— הער זיך איין, — האָט ער גיך אויף ס'ניי אָנגעהויבען, — איך האָב דיר ניט אַלץ אַרויסגעזאָגט... — און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דאָס, וואָס עס האָט זיך אים אין דער היים אויסגעוויזען פאַר אַזוי פּשוט, נאַטירליך, נויטווענדיג, האָט צו אים געשמיי־כעלט, געווען זיין גליק, איז מיטאַמאָל געוואָרען פאַר אים ווי א תהום. אים האָט גענומען אויספּעלען מוט אריבערצושפּאַנען אי־בער דעם תהום. עס איז פאַרגעשטאַנען אַ וויכטיגער און גע־וואַגטער שריט.

— עמיץ געהט! — האָט געזאָגט אָלגאַ.

פון דעם זייטיגען שטעגעל האָבען זיך דערהערט טריט.

— אפשר איז שוין דאָס ווידער סאַניטשקאַ? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו, און זיינע אויגען זיינען געוואָרען שטאַר פון שרעק.

עס זיינען פאַרבייגעגאַנגען צוויי אומבאַקאַנטע מענער מיט אַ פרוי. אַ שטיין איז אַראָפּ פון אָבלאָמאָוו'ס האַרץ.

— אָלגאַ, — האָט ער גיך אָנגעהויבען צו רעדען און גע־נומען זי פאַר דער האַנד, — לאָמיר אַוועקגעהן פון דאַנען, קומט אָט דאָ, קיינער איז דאָרט ניט דאָ.

ער האָט זי אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און אַליין זיך אַוועק־געזעצט אויפ'ן גראָז לעבען איר.

— דו ביסט בייז געוואָרען, אַוועקגעגאַנגען, און איך האָב דיר נאָך ניט אַרויסגעזאָגט אַלץ, — האָט ער אַרויסגערעדט.

— איך וועל ווידער אַוועקגעהן און מער זיך ניט אומ־קערען, אויב דו וועסט זיך שפּילען מיט מיר, — האָט זי אָנ־געהויבען צו רעדען. דיר זיינען איינמאָל געפעלען געוואָרען מיינע טרערען, און עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז איצט וואָלסטו מיך געוואָלט זען ביי דיינע פיס און אַזוי אַרום, ביסלעכווייז, מיך פאַרוואַנדלען אין דיינם אַ שקלאַף, מאַכען קאַפּריזען, לעזען מיר לעקציעס וועגען מאָראַל, דערנאָך וויינען, זידלען זיך, שרעקען מיך און צום סוף אַ פרעג טאָן, וואָס עס בלייבט אונז איצט צו טאָן? געדענקסט, איליא איליטש, — האָט זי שטאָלץ מיטאַמאָל

ארויסגערעדט און אויפגעהויבען זיך פון דער באנק, — אז איך בין זער אויסגעוואקסען פאר דער צייט, וואָס איך האָב אייך דערקאָנט און איך ווייס, ווי עס הייסט די שפּיל, אין וועלכער איר שפּילט... אָבער מיינע טרערען וועט איר שוין מער ניט זען.

— ווי גאָט איז מיר ליב, איך שפּיל ניט! — האָט אָב־לאָמאָוו ארויסגערעדט איבערצייגענד.

— נאָך ערגער פאר אייך, — האָט זי טרוקען אָפּגעענטפערט. — אויף אלע אייערע וואָרנונגען, פאָרזיכטיגקייטען קאָן איך אייך בלויז זאָגען, אז ביז דער היינטיגער באגעגעניש האָב איך אייך געליבט און ניט געוואוסט, וואָס איך האָב צו טאָן, איצט, אָבער, ווייס איך שוין יאָ, — האָט זי פארענדיגט, און גענומען אוועקגעהן, — און מיט אייך עצות האלטען וויל איך ניט.

— און איך ווייס ניט, — האָט ער געזאָגט, איינהאלטענ־דיג זי פאר דער האנד און אוועקזעצענדיג זי אויף דער באנק; ער איז אויף א ווײַלע שטיל געבליבען און אָנגענומען זיך מיט מוט. — שטעל דיר פאָר, — האָט ער אָנגעהויבען, דאָס הארץ איז ביי מיר איבערפולט מיט איין געפיל, דער קאָפּ מיט איין געדאנק, נאָר דער ווילען, די צונג גיבען זיך מיר ניט אונטער: איך וויל רעדען, אָבער די ווערטער געהען ביי מיר ניט אראָפּ פון דעם צונג. און עס איז דאָך אזוי פשוט, אזוי ווי... העלף מיר, אָלגאַ, אז איך זאָל קאָנען ארויסרעדען, וואָס עס ליגט מיר אויפ׳ן הארצען...

— איך ווייס ניט, וואָס עס ליגט ביי אייך אויפ׳ן האר־צען.

— ווי גאָט איז דיר ליב, נאָר ניט דעם א י ר; דיין שטאָלצער בליק דערהרג׳עט מיך, ווי אייז מאכט מיך קאלט דיין איטליך וואָרט...

זי האָט זיך צולאכט.

— דו ביסט א משוגע׳נער! — האָט זי געזאָגט, ארויפ־לייגענדיג א האנד אויף זיין קאָפּ.

א. א. גאַנטשאַראָוו

— אַט אַזוי, אַט איצט האָב איך באַקומען כוח צו רעדן! אָלגאַ, — האָט ער געזאָגט, שטעלענדיק זיך פאַר איר אויף די קני, — ווער מיין פרוי.

שווייגענדיק האָט זי זיך אוועקגעקערט פון אים.

— אָלגאַ, גיב מיר דיין האַנט, — האָט ער ווייטער גערעדט.

זי האָט אים ניט דערלאַנגט איר האַנט. ער האָט זי אַליין גענומען און צוגעלייגט צו זיינע ליפּן. זי האָט ניט אוועקגענומען די האַנט. די האַנט איז געווען ווייך, וואַרעם און כמעט פייכט. ער האָט געוואָלט אַריינקוקן איר אין פּנים אַריין, זי האָט אַלץ ווייטער אוועקגערוקט דעם קאָפּ.

— איר שווייגט? — האָט ער געזאָגט, קושענדיק איר האַנט.

— אַ סימן פון צושטימונג! — האָט זי אַרויסגערעדט שטיל, און אַלץ נאָך ניט געקוקט אויף אים.

— וואָס פילסטו איצט? וואָס טראַכסטו איצט? — האָט ער געפרעגט, דערמאָנענדיק זיך אָן זיינע פאַנטאַזיעס וועגן אַ שעמעוודיקער צושטימונג, וועגן טרערן.

— דאָס זעלבע וואָס דו, — האָט זי געענטפערט און ווייטער געקוקט ערגעץ דאָרט אין וואַלד אַריין; בלויז דאָס באַוועגן זיך פון איר בוזעם האָט עדות געזאָגט, אַז זי האַלט זיך איין.

„זיינען דיינע אויגן אין טרערן?“ האָט געטראַכט אָבלאָמאָוו, אָבער זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.

— דו ביסט גלייכגילטיק, דו ביסט רואיק? — האָט ער געפרעגט, וועלענדיק זי פאַר דער האַנט אַ ציִ טאָן צו זיך.

— ניט גלייכגילטיק, אָבער איך בין רואיק.

— פאַרוואָס עפּעס?

— ווייל איך האָב עס שוין פון לאַנג פאַראויסגעזען און זיך צוגעוועהנט דערצו.

— שוין פון לאַנג? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט אין ערשטוינטער.

אבלאמאוו

— יאָ, פון דעם מאָמענט, וואָס איך האָב דיר געגעבען דאָס צווייגעלע בעז... האָב איך דיך אין געדאנק אָנגערופען...

זי האָט ניט דערזאָגט.

— פון דעם מאָמענט!

ער האָט שוין ברייט געהאט צושפרייט זיינע ארעמס און געוואָלט זי איינשליסען אין זיי.

— פאַרזיכטיגער... דער תהום צושפרייט זיך ביי דיינע פיס... עס בליצט! — האָט זי פיקסיג ארויסגערעדט און גע־שיקט זיך ארויסגעדרעהט פון זיינע אָרעמס און מיט'ן שירעם אוועקגעשטופט פון זיך זיינע הענט.

ער האָט זיך דערמאָנט דאָס גרויזאמע „קיינמאָל ניט" און איז רואיגער געוואָרען.

— אָבער דו האָסט דאָך קיינמאָל ניט גערעדט, קיינמאָל ניט אָנגעדייט אויף דעם... — האָט ער געזאָגט.

— מיר האָבען ניט קיין חתונה, אונז גיט מען אויס, אָדער מען נעמט אונז.

— פון יענעם מאָמענט... טאקע?... — האָט אָבלאָמאָוו, א פארזונקענער אין געדאנקען, נאָכאמאָל א זאָג געטאָן.

— און דיר, זעט עס אויס, האָט זיך געדאכט, אז ניט קאָנענדיג דיך, וואָלט איך פארבראכט מיט דיר אַליין, געזעסען אין די אווענטען אין די אלטאנען, געהערט און פארטרויט זיך דיר? — האָט זי געפרעגט מיט שטאָלץ.

— ווארט... וואָס מיינסטו?... — האָט ער אָנגעהויבען; זיין געזיכט האָט זיך אים איבערגעביטען און ער האָט ארויס־געלאָזען איר האנט.

א זאָנדערבארער געדאנק האָט אויפגעבליצט אין אים. זי האָט געקוקט אויף אים מיט רואיגען שטאָלץ און א זיכערע גע־ווארט; און אים האָט זיך אין דעם מאָמענט נאָר געוואָלט זען אין איר ניט קיין שטאָלץ און זיכערהייט, נאָר טרערען, ליי־דענשאפט, בארוישענדען גליק, זאָל זיין אויף בלויז איין רגע, און שפעטער מעג זיך שוין דאָס לעבען געהן מיט זיין רואי־גען וועג.

א. א. גאָנטשאַראָוו

און מיטאמאָל, ניט קיין שטראָם פון טרערען פון אומ־ערוואַרטעטען גליק, ניט קיין צושטימונג מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען! ווי אזוי זאָל ער דאָס פאַרשטעהן!

אין זיין הארצען האָט אויפגעוואכט דער שלאַנג פון צוויי־פעל... האָט זי ליב, אָדער זי האָט בלויז חתונה?

— עס איז דאָך אָבער דאָ נאָך אָן אנדער וועג צום גליק, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו.

— וואָס פאַר א וועג? — האָט אָלגאַ געפרעגט.

— אמאָל וואַרט די ליבע ניט, ליידט ניט, רעכענט ניט אוים... די פרוי ברענט אין גאַנצען, ציטערט, און זי געניסט יסורים צוזאַמען מיט אַזוינע פריידען, וואָס...

— איך ווייס ניט וואָס איז דאָס פאַר א וועג.

— א וועג וואו די פרוי אָפּפערט מיט אַלץ: מיט איר רו, מיט איר ערע, און באַקומט אַלס לוין דערפאַר ליבע... די ליבע פאַרבייט איר אַלץ...

— דאַרפט איר האָבען דעם וועג?

— ניין.

— וואָלט איר געוואָלט אויף דעם וועג זוכען אייער גליק? אויף דער רעכענונג פון מיין רו, פון מיין ערע?

— ניין, ניין, ניין! איך שווער ביי גאָט, אַז ניט! — האָט ער ארויסגערעדט מיט אויפרעגונג.

— טאָ צוליב וואָס האָט איר וועגען דעם אָנגעהויבען רע־דען? — האָט אָלגאַ געפרעגט.

— ערען וואָרט, אַז איך ווייס אַליין ניט, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו.

— אָבער איך ווייס: דיר האָט זיך געוואָלט געוואָר ווע־רען, צי איך וואָלט געאָפּפערט מיט מיין רו פאַר דיר, צי איך וואָלט געגאַנגען מיט דיר אויף אָט דעם וועג... איז דאָס ניט דער אמת?

— מיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט גערעכט... און אַז יאָ, איז וואָס?

אבלאמאוו

— קיינמאָל ניט! פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט!

— האָט זי מיט שטאָלץ ארויסגערעדט.

אַבלאָמאָוו האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך האָט ער אַ זיפץ געטאָן.

— דאָס איז אַ שרעקליכער וועג, און עס פאָדערט זיך זער אַ גרויסע ליבע, אַז אַ פרוי זאָל אויף אָט דעם וועג נאָכפאָלגען אַ מאַן, אונטערגעהן און אַלץ נאָך ליבען.

פרעגענדיג האָט ער אַ קוק געטאָן איר אין פנים אריין, און זי — גאָרניט, ווי ניט זי מיינט מען עס; בלויז דער פאַלד איבער איר אויג האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער דאָס פנים איז געבליבען רואיג.

— שטעל דיר פאָר, אַז סאָניטשקאַ, וואָס איז ניט ווערט דיין קלענסטען פינגערעל, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו, — באַגעגענט דיך און מאַכט זיך, אַז זי קאָן דיך ניט.

אָלגאַ האָט אַ שמייכעל געטאָן. איר בליק איז געווען אַזאַ קלאָרער. אָבלאָמאָוו האָט געוואָלט ארויסקריגען, אַז זי וואָלט געקאָנט זיך אָפּפערען פאַר אים; אים וואָלט דאָס אַ סך פאַרגעניגען פאַרשאַפט.

— שטעל דיר פאָר, אַז מענער, צוגעהענדיג צו דיר, וואָלטען ניט אַרונטערגעלאָזען מיט אַכטונג די אויגען, נאָר וואָלטען געקוקט אויף דיר מיט אַזאַ חוצפּה׳דיגען און געוואַגטען בליק...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר: זי באַוועגט פלייסיג מיט׳ן שירעם אַ שטיינדעל אויפ׳ן גראָז.

— דו וואָלסט אריין אין זאַל... אַ פּאָר הויבען וואָלטען אומצופרידען זיך אַ שאָקעל טאָן... איין הויב וואָלט זיך איבערזעצט צו דיר... און דו וואָלסט געווען פונקט אַזוי שטאָלץ, און דו וואָלסט קלאָר געפילט, אַז דו ביסט העכער און בעסער פון זיי.

— צוליב וואָס דערצעהלסטו מיר די אַלע שווידערליכע זאַכען? — האָט זי רואיג ארויסגערעדט. — איך וועל זיך קיינמאָל ניט לאָזען אויף אָט דעם וועג.

— קיינמאָל ניט? — האָט אָבלאָמאָוו טרויעריג געפרעגט.

אַ. אַ. גאָנטשאַראָוו

— קיינמאָל ניט! — האָט אָלגאַ ווידערהאָלט.

— יאָ, — האָט ער פאַרטראַכטערהייט אַרויסגערעדט, — דו וואָלסט ניט געהאַט קיין מוט אַ קוק צו טאָן דער שאַנד אין פּנים אַריין. מעגליך, אַז דו וואָלסט זיך ניט דערשראָקען פאַר'ן טויט: ניט דער טויט איז שרעקליך, נאָר די מורא פאַר אים...

ער קוקט איר אַלץ אין די אויגען צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס מאַכט אויף איר.

אָלגאַ זעט אויס גאַנץ פרעהליך. אַט דער גאַנצער שוידער האָט ניט אַרויסגערופען אין איר קיין שרעק. אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך געשפּילט אויף אירע ליפּען.

— מיר ווילט זיך גאָרניט ניט שטאַרבען! דאָס איז ניט דאָס! — האָט אָלגאַ אַרויסגערעדט, — מען קאָן געהן מיט דעם וועג און ליבען נאָך פיל שטאַרקער.

— פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען מיט אַט דעם וועג? — האָט אָבלאָמאָוו איינגעשפּאַרטערהייט, כמעט מיט ערגערניש געפרעגט, — אויב עס איז אמת, אַז דיך שרעקט ער ניט?

— דערפאַר, וואָס אויף דעם וועג... געהט מען זיך שטענדיג פאַנאַנדער, — האָט זי געזאָגט, — און איך... איך זאָל צוגעהן זיך מיט דיר!

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסעל, לאַנג געקוקט אויף אים, און מיטאַמאָל, אַוועקוואַרפענדיג דעם שירעם אָן אַ זייט, האָט זי גיך און הייס אַרומגעפלאָכטען אירע הענט אַרום זיין האַלז און אים אַ קוש געטאָן, דערנאָך האָט זי אַ ציטער געטאָן, צוגעדריקט איר פּנים צו זיין ברוסט און שטיל אַרויסגערעדט:

— קיינמאָל ניט!

אַ פריידיגער יאָמער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין האַרץ און ער איז געפאַלען צו אירע פיס.

דריטער טייל.

1.

אָבלאָמאָוו האָט געלויכטען, ווען ער איז אהיים געגאנגען. זיין בלוט האָט אין אים געקאָכט, זיינע אויגען געגלאנצט. אים האָט זיך געדאכט, אז עס ברענען אים אפילו די האָר. אין אזא שטימונג איז ער אריין צו זיך אין צימער אריין. מיטאמאָל איז דאָס ליכט ארונטער פון זיין געזיכט און זיינע אויגען האָבען מיט אן אומאנגענעמער איבערראשונג זיך אָפּגעשטעלט אויף איין אָרט: אין זיין שטול איז געזעסען טאראנטיעוו.

— מען קאָן זיך דאָך ניט דערווארטען אויף דיר! וואו שלעפּסטו זיך דאָס ארום? — האָט אים טאראנטיעוו שטרענג א פרעג געטאָן, דערלאנגענדיג אים א באוואקסענע האנט. — און מיט דיין אלטען כלב קאָן מען גארנישט ניט מאכען; איך בעט עפּעס צו פארבייסען, זאָגט ער, אז עס איז ניטאָ, בעט איך אביסעל בראנפען — גיט ער אויך ניט.

— איך האָב מיר דאָ ארומשפּאצירט אין וועלדעל, — האָט נאכלעסיג געזאָגט אָבלאָמאָוו, וואָס איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון דער ערגעניש, וואָס עס האָט אים פארשאפט די ערשיינונג פון זיין לאנדסמאן אין אזא מאָמענט.

ער האָט שוין געהאט פארגעסען יענע טרויעריגע סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט אזא לאנגע צייט, און ער האָט זיך אפּגעוועהנט פון איר שטיקענדיגער לופט. טאראנטיעוו האָט אים אין איין רגע, אזוי ווי ארונטערגעווארפען פון הימעל טיף אין דער בלאָטע אריין. אָבלאָמאָוו האָט זיך געהאלטען אין איין פרעגען: וואָס וויל האָבען דאָ טאראנטיעוו? איז ער דאָ אהער געקומען אויף לאנג? — און אים איז באפאלען

א שרעק, אז טאַראַנטיעוו וועט דאָ פאַרבלייבען איבער מיטאָג, און עס וועט אים אוממעגליך זיין צו זיין היינט ביי די אילינסקיס. אָנגעבלאָזען און שטום האָט ער געוואַרט, וואָס טאַראַנטיעוו האָט צו זאָגען.

— וואָס פעלט דיר, לאַנדסמאַן, גאַרנישט איין אמאָל אַ קוק צו טאָן אויף דער דירה? — האָט טאַראַנטיעוו געפרעגט.

— איצט איז עס איבעריג, — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט, און זיך באַמיהט ניט צו קוקען אויף טאַראַנטיעוו'ן. — איך.... איך וועל זיך אַהין ניט איבערקלייבען

— וו־אַ־ס? וואָס הייסט דו וועסט זיך ניט איבערקליי־בען? — האָט מיט כעס אים אָפגעענטפערט טאַראַנטיעוו. — געדונגען האָסטו, און איבערקלייבען זיך וועסטו ניט? און וואָס איז וועגען דעם קאָנטראַקט?

— וואָס פאַר אַ קאָנטראַקט?

— דו האָסט שוין פאַרגעסען? דו האָסט דאָך אונטער־געשריבען אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר. דערלאַנג אכט הונדערט רובל און געה דיר וואו דיר גלוסט זיך נאָר אליין. פיר מענשען האָבען געוואָלט די דירה, האָט מען זיי אָפגעזאָגט. איינער האָט געוואָלט מאַכען אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָר

איצט האָט זיך ערשט אָבלאָמאָוו דערמאָנט, אז אין דעם טאָג, ווען ער האָט זיך איבערגעקליבען דאָ אַהער, האָט אים טאַראַנטיעוו געבראַכט אַ פּאַפּיר און ער האָט עס אין דער גיך אונטערגעשריבען, ניט דורכלעזענדיג אפילו, וואָס דאָרט שטעהט.

„גאָט מיינער! וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן!” האָט אָבלאָמאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— איך דאַרף קיין דירה ניט האָבען, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו, — איך פאָר קיין אויסלאַנד.

— קיין אויסלאַנד! — האָט אים טאַראַנטיעוו איבער־געשלאָגען. — מיט אָט יענעם דייטש פאַרסטו דאָס? דו פלוידערסט בלויז, דו וועסט ניט פאָרען!

— פאַרוואָס וועל איך דאָס ניט פאָרען? — האָט אָב־

אַבלאַמאָוו

לאַמאָוו געזאָגט. — איך האָב שוין אַפּילו דעם פּאַס, — אָט ווייז איך אים דיר. איך האָב שוין אַ קופערט אויך גע־קויפט.

— דו וועסט ניט פאָרען! — האָט גלייכגילטיג אַרויס־געריעדט טאַראַנטיעוו. — דו בעסער גיב פאַר אַ האַלב יאָר פאַראויס דירה־געלט.

— איך האָב קיין געלט ניט.

— זוך און קריג. איר ברודער האָט פיינט שפּאַס: ער וועט גלייך איינגעבען אויף דיר. דערצו האָב איך מיין געלט אויסגעלייגט.

— וואו האָסטו עס גענומען אַזויפיל געלט? — האָט אַבלאַמאָוו אים געפרעגט.

— ניט דיין דאגה! אַן אַלטען חוב אָפּגעקראָגען. גיב אהער דאָס געלט. איך בין נאָך דעם עקסטרא געקומען!

— גוט. איך וועל די טעג קומען אין שטאָדט אריין און וועל די דירה איבערגעבען אַ צווייטען; איצט אייל איך זיך.

ער האָט גענומען פאַרשפּילען דעם ראָק.

— און וואָס פאַר אַ דירה דאַרפסטו דאָס האָבען? קיין בעסערע פון דער וועסטו אין דער גאַנצער שטאָדט ניט געפי־נען. דו האָסט דאָך זי אַפּילו ניט געזען! — האָט טאַראַנטיעוו געזאָגט.

— איך וויל זי אַפּילו ניט זען, — האָט אַבלאַמאָוו אָפּגענטפערט. — וואָס וועל איך זיך געהן אהין איבערקלייבען! עס איז מיר צו ווייט...

— פון וואָס צו ווייט? — האָט טאַראַנטיעוו אים גראָב איבערגעשלאָגען.

אָבער אַבלאַמאָוו האָט ניט געזאָגט פון וואָס.

— פון צענטער, — האָט ער שפּעטער צוגעלייגט.

— פון וואָס פאַר אַ צענטער? וואָס דאַרפסטו אים האָ־בען? צו קאָנען ליגען?

— ניין, איך ליג שוין ניט מער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייס?

א. א. גאַנטשאַראָוו

— אַט אַזוי איז עס... אַט... היינט... — האָט אָנגעהויבן אַבלאָמאָוו.

— וואָס? — האָט אים איבערגעשלאָגן טאַראַנטיעוו.

— מיטאָג איך ניט אין דער היים...

— דו גיב נאָר אהער דאָס געלט און דאַמאָלט מעג דאָס גוטע יאָר דיך כאַפּען!

— וואָס פאַר א געלט? — האָט מיט אומגעדולד אַרויסגערעדט אַבלאָמאָוו. — איך וועל די טעג זיין דאָרט, וועל איך שוין אַליין איבעררעדען מיט דער באַלעבאָסטע.

— וואָס ווייס א פּרוי וועגען אַזוינע זאַכען? דו זאָלסט איבעררעדען מיט איר ברודער, וועסטו שוין פון אים קריגען.

— זער גוט; איך וועל איבעררעדען מיט אים.

— נאָך וואַרטען אויף אים! דו גיב בעסער שוין אהער דאָס געלט און גייה דיר צו אַל־די גוטע יאָר.

— איך האָב קיין געלט ניט; איך וועל דאַרפען זען ערגעץ קריגען.

— באַצאָל כאָטש איצט פאַר דער דראָשקע, — איז צוגעשטאַנען צו אים טאַראַנטיעוו, — דריי רענדלעך.

— וואו איז דיין דראָשקע? און פאַרוואָס עפּעס גאַנצע דריי רענדלעך? — האָט געפרעגט אַבלאָמאָוו.

— וואו איז מיין דראָשקע? איך האָב אים אָפּגעלאָזען. פאַרוואָס קומט אים אַזויפיל? ער האָט אפילו פאַר אַזויפיל ניט געוואָלט אהער פאָרען.

אַבלאָמאָוו האָט אים דערלאַנגט דאָס געלט.

— און איצט גיב אויף א מיטאָג.

— אויף וואָס פאַר א מיטאָג?

— איך וועל מוזען עסען אויפ'ן וועג. זיי רייסען שרעקליכע פּרייזען.

שווייגענדיג האָט אַבלאָמאָוו אַרויסגענומען א גאָלדענע מטבע און זי א וואָרף געטאָן טאַראַנטיעוו'ן. ער האָט זיך ניט אונגעזעצט פאַר אומגעדולד, אז טאַראַנטיעוו זאָל שוין אמאָל אוועקגעהן; ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

אבלאַמאָוו

— היים מיר דערלאַנגען עפּעס איבערצוביייסן, — האָט טאַראַנטיעוו געזאָגט.

— דו קלייבסט זיך דאָך געהן אין א קרעטשמע עסן?— האָט זיך אָפּגערופן אָבלאָמאָוו.

— שוין איצט אין דער קרעטשמע? עס איז דאָך ערשט צוויי אזייגער, נאָך צו־פרי צו עסן מיטאָג.

אָבלאָמאָוו האָט געהייסן זאַכאַר'ן עפּעס דערלאַנגען.

— עס איז גאָרנישט ניטאָ, מען האָט ניט צוגעגרייט, — האָט קאַלט געענטפערט זאַכאַר, קוקענדיג מיט שנאה אויף טאַראַנטיעוו'ן. — און ווען וועט איר, מיכעי אנדרעאיטש, שוין אָפּברענגען אמאָל דעם פריצ'ס וועסט און העמד...

— וואָס פאַר א העמד און וועסט? — האָט אָפּגעענטפערט טאַראַנטיעוו. — איך האָב זיי שוין פון לאַנג אָפּגעגעבן.

— ווען האָט איר עס אָפּגעגעבן? — האָט געפרעגט זאַכאַר.

— האָב איך עס דען דיר ניט אָפּגעגעבן אין די הענט אריין, ווען איר האָט זיך געהאַלטען אין איבערקלייבען? דו האָסט עס אליין מיט דיינע הענט אריינגעשטופּט אין עפּעס א פּעקעל אריין, און איצט פרעגסטו נאָך...

זאַכאַר איז ווי פארשטיינערט געוואָרען.

— אוי, גאָט מיינער! וואָס איז דאָס פאַר אן אומגליק! — האָט ער ארויסגעקרעכצט, ווענדענדיג זיך צו אָבלאָמאָוו'ן.

— פאַר'שיכור'ט און איצט פרעגט ער וואו עס געפינט זיך! — האָט געענטפערט טאַראַנטיעוו

— אָ, ניין, איך האָב קיינמאָל ניט פארטרונקען עפּעס וואָס באַלאַנגט צום פריץ, — האָט ארויסגעברומט זאַכאַר. — איר, למשל...

— הער אויף, זאַכאַר! — האָט אים אָבלאָמאָוו שטרענג איבערגעשלאָגען.

— האָט איר דאָס ניט אוועקגעשלעפּט די בארשט? — האָט אויף ס'ניי אים געפרעגט זאַכאַר.

א. א. גאַנטשאַראָוו

— וואס פאר א בארשט? — האָט ארויסגעדונערט טאַ־ראַנטיעוו. — אָ, דו אלטער כלב! דו גיב בעסער עפּעס איבער־צובייסען.

— איר הערט, איליא איליטש, ווי דאָס בילט? — האָט געזאָגט זאכאר. — ניטאָ וואָס איבערצובייסען, אפילו קיין ברויט אין דער היים ניטאָ, און אניסיא איז אין הויז ניטאָ, — האָט דערענדיגט זאכאר און איז ארויס פון צימער.

— וואו מיטאָגסטו? — האָט טאַראַנטיעוו געפרעגט. — ווארהאפטיג, א נס פון הימעל: אָבלאָמאָוו שפּאַצירט ארום אין וועלדער, עסט ניט אין דער היים... און ווען קלייבסטו זיך שוין איבער? עס איז דאָך שוין באלד הערבסט. קום א קוק טאָן.

— יאָ, יאָ, איך וועל די טעג קומען.

— און פארגעס ניט צו ברענגען מיט זיך דאָס געלט.

— יאָ, יאָ, יאָ, — האָט אָבלאָמאָוו גערעדט אן אומגע־דולדיגער, — איך וועל ברענגען.

— דארפסט ניט עפּעס האָבען אויף דער נייער דירה? — האָט זיך ווייטער אָפּגערופען טאַראַנטיעוו. — איר ברודער האָט פאר דיר איבערגעפּארבט די טירען, די פענסטער, דעם באלקען — אלץ... איבער הונדערט רובעל האָט עס געקאָסט.

— יאָ, יאָ, זער גוט... וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָ־גען? — האָט זיך אָבלאָמאָוו געפּרואווט דערמאָנען. — יאָ, זיי אזוי גוט און כאפּ זיך אריין אין דער פּאַלאַטע, איך דארף באשטעטיגען א פולמאכט.

— וואָס בין איך דיר פאר א משרת? — האָט זיך טאַ־ראַנטיעוו אָפּגערופען.

— איך וועל דיר צולייגען אויף א מיטאָג, האָט אָבלאָ־מאָוו געזאָגט.

— איך וועל צורייסען מער שיך, וויפיל דו וועסט געבען.

— פאָר, איך וועל באַצאָלען.

— איך קאָן ניט פאָרען אין דער פּאַלאַטע, — האָט טרויעריג ארויסגערעדט טאַראַנטיעוו.

אַבלאַמאָוו

— פאַרוואָס?

— איך האָב דאָרט שונאים, וואָס טראַכטען אַלץ ווי מיך אומצוברענגען.

— וועל איך עס שוין אַליין באַזאָרגען, — האָט געזאָגט אַבלאַמאָוו און זיך גענומען פאַר'ן הוט.

— אָט זעסטו, אַז דו וועסט זיך איבערקלייבען אויף דער נייער דירה, וועט איוואַן מאַטוועאיטש פאַר דיר טאָן אַלץ. איר ברודער איז אַ גאָלדענער מענש און ניט ווי יענער דייטש דאָרט! אַן אמת רוסישער מענש, זיצט שוין דרייסיג יאָר אויף דעם זעלבען פּלאַץ, איז נידעריגער פון גראָז, שטילער פון וואַסער, קוים וואָס מען הערט ווען ער רעדט, שלעפּט זיך ניט איבער פרעמדע מדינות, ווי דער דייטש דיינער...

— טאַראַנטיעוו! — האָט אַבלאַמאָוו אַ געשריי געטאָן, אַ זעץ טוענדיג מיט דער פויסט אָן טיש. — רעד ניט וועגען זאַכען, וואָס דו פאַרשטעהסט ניט.

טאַראַנטיעוו האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען. ער האָט קיינמאָל ניט געזען אַבלאַמאָוו'ן אַזוי האַנדלען. ער איז געווען אַזוי ערשטוינט, אַז ער האָט אפילו פאַרגעסען צו באַליידיגען זיך, וואָס ער האָט אים געשטעלט נידעריגער פון שטאָלץ'ן

— דו ביסט מיר עפּעס היינט זער מאָדנע, — האָט ער געברומט, נעמענדיג דעם הוט.

ער האָט אַ פיר געטאָן מיט'ן אַרבעל איבער'ן הוט, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין הוט און אויף אַבלאַמאָוו'ס הוט, וואָס איז געלעגען אויף דער עטאַזשערע.

— דו טראָגסט ניט יענעם הוט! — האָט ער געזאָגט, נעמענדיג אַבלאַמאָוו'ס הוט און אָנמעסטענדיג אים. — גיב מיר אים, ברודער.

אָן ווערטער האָט אַבלאַמאָוו אַרונטערגענומען פון טאַראַנטיעוו'ס קאָפּ זיין הוט און אים אָוועקגעלייגט אויף זיין פריערדיגען פּלאַץ, און פאַרלייגענדיג די הענט אויף דער ברוסט האָט ער געוואַרט, אַז טאַראַנטיעוו זאָל אַרויס.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— כאַפּט דיר דאָס גוטע יאָר! — האָט געזאָגט טאַראַנטיעוו, שאַרענדיג זיך צו דער טיר. — עפּעס קאָן איך דיך היינט ניט דערקענען.... דו רעד זיך נאָר דורך מיט איוואַן מאַטוועאיטש'ן, און פּרוביר נאָר ניט מיטצוברענגען מיט זיך דאָס געלט.

2.

ער איז אוועק, און אַבלאַמאָוו האָט זיך אוועקגעזעצט. א לאנגע צייט האָט זיך אַבלאָמאָוו געפילט שלעכט און ניט גע־קאָנט באפרייען זיך פון דעם איינדרוק, וואָס עס איז אים גע־בליבען נאָך טאראַנטיעוו'ס באַזוך. ענדליך האָט ער זיך דער־מאָנט אן דעם היינטיגען פרי־מאָרגען און אויף זיין פּנים האָט זיך ווידער באַוויזען א שמייכעל.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט פאר'ן שפּיגעל, ער האָט א לאנגע צייט זיך פאררירכט דעם שניפּס, ער האָט א לאנגע צייט געשמייכעלט, געקוקט אויף דער באַק, צי עס געפינט זיך נאָך אויף איר א שפּור פון אָלגאַ'ס הייסע קושען.

צוויי מאָל האָט אָלגאַ געזאָגט „קיינמאָל ניט", — האָט אַבלאָמאָוו ארויסגערעדט; ער האָט עס ארויסגערעדט שטיל, מיט א פריידיגען ציטער, — און וואָס פאר אן אונטערשיד איז צווישען זיי: פון איינעם איז שוין לאנג קיין זכר ניטאָ, און דער צווייטער האָט אזוי פרעכטיג זיך פאנאנדערגעבליט...

דערנאָך האָט ער זיך פארטראַכט. ער איז פארזונקען אין טיפע געדאנקען. ער האָט דערפילט, אז עס איז שוין פאר־איבער דער לוסטיגער יום טוב פון ליבע, אז די ליבע הויבט אָן צו ווערען א פליכט און הויבט אָן פארלירען אירע רעגענפאר־ביגע קאָלירען.

עס איז מעגליך, אז היינט אָוונט איז פארלאָשען געוואָ־רען איר לעצטער ראָזער שטראַל, און זי וועט שוין מער ניט גלאַנצען העל, נאָר וואַרעמען אומבאמערקט דאָס לעבען. דאָס לעבען וועט איינשלינגען די ליבע, און די ליבע וועט זיין דעם לעבענס שטאַרקסטע, אָבער פארבאָרגענסטע שפּרינגפעדער.

די פּאָעמע פארשווינדט און עס הויבט זיך אָן א שטרענגע צייט: דאָס געריכט הויז, דאָס פאָרען קיין אַבלאַמאָווקע, דאָס

בויען דאָס הויז, דאָס דורכפיהרען א שאָסיי, דאָס שטענדיגע פאַרנומען זיין מיט די פּויערים א. אז. וו., א. אז. וו.

בלויז אמאָל און דאָס ניט צו־אָפּט לויכט אויף אָלגא'ס בליק, דערהערט זיך איר געזאַנג, גיט א קלונג א גיכער קוש, אָבער גלייך הויבט זיך ווידער אָן דער געוועהנליכער גאַנג פון לעבען.

עס קומען געסט — אָבער דאָס דערפרעהט אויך ניט. זיי רעדען וועגען ווייץ, האָבער, טוך, לייוועגט... גאָט מיינער! איז דאָס זיין צוקונפט? איז דען דאָס בכלל א לעבען? און דאָך לעבען אַלע אזא לעבען. אפילו אנדרעי'ען געפעלט אזא לעבען.

אָבער דאָס חתונה האָבען — דאָס איז דאָך פאָרט די פּאָעזיע פון לעבען, דאָס איז דאָך א קנאָספּ, וואָס איז גרייט זיך פאַנאַנדערצובלאָזען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער פירט אָלגא'ן צום אַלטאַר. זי איז אין א לאַנגען שלייער. עס הערט זיך א געמורמעל פון באוואונדערונג, פון אנטציקונג. א פאַרשעמטע, מיט איר שטאָלצען און גראציעז־איינגעבויגענעם קאָפּ, דערלאַנגט זי אים די האַנט און ווייס ניט, ווי זי זאָל קוקען אויף די איבעריגע. אָט באוויזט זיך אויף איר פּנים א שמייכעל, אָט ווערען נאַס די אויגען פון טרערען.

אין דער היים, ווי נאָר די געסט געהען אוועק, וואַרפט זי זיך אים אויף דעם האלז, פונקט ווי היינט.

„ניין, איך וועל לויפען צו אָלגא'ן, מיר איז שווער צו טראַכטען און איבערלעבען דאָס אַליץ אליין, — האָט ער גע־חלומ'ט, — איך וועל דערצעהלען אַלעמען, דער גאַנצער וועלט דערצעהלען... ניין, צום ערשטען וועל איך דערצעהלען דער טאַנטע, דעם באַראָן, איך וועל שרייבען שטאָלצ'ן — א, ווי ער וועט דאָס פאַרוואונדערט ווערען! דערנאָך וועל איך עס דערצעהלען זאַכאַר'ן: ער וועט פאַלען צו די פיס און זיך צו־יאָמערען פאַר פרייד; איך וועל אים געבען פינף און צוואַנציג רובל. עס וועט קומען אַניסיא, וועט כאַפּען די האַנט און קו־שען: איר וועל איך געבען צען רובל... דערנאָך... דערנאָך

אַבלאַמאָוו

וועל איך עס אַזוי צושרייען איבער דער גאַנצער וועלט, אַז די וועלט וועט זאָגען: „אַבלאַמאָוו איז גליקליך, אַבלאַמאָוו האָט חתונה!" איצט לויף איך צו אָלגאַ'ן: דאָרט וואַרט אויף מיר אַ לאַנג דויערנדעס סוד'ען זיך, אַ געהיימניספול אפּרעדען צוזאַמען צוזאַמענגיסען צוויי נשמות אין איינער!..."

ער איז אַוועקגעלאָפען צו אָלגאַ'ן. מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען האָט זי אויסגעהערט זיינע פאַנטאַזיעס; אָבער ווי נאָר ער איז אויפגעשפּרונגען, כדי עס צו זאָגען דער טאַנטע, האָבען זיך ביי אים צוזאַמענגעצויגען די ברעמען, אַז ער האָט פאַרלאָרען דעם מוט.

— קיינעם קיין וואָרט ניט דערפון! — האָט זי געזאָגט, און האָט צוגעלייגט איר פינגער צום מויל און אים געדראָט, אַז ער זאָל רעדען שטילער, כדי די טאַנטע, אין צווייטען צימער, זאָל ניט הערן. — עס איז נאָך די צייט דערפאַר ניט געקומען.

— וואָס הייסט די צייט איז דערפאַר נאָך ניט געקומען, ווען צווישען אונז איז שוין אַלץ אָפּגערעדט? — האָט אַבלאַמאָוו מיט אומגעדולד אַ פרעג געטאָן. — וואָס זאָל מען איצט טאָן? פון וואָס אָנהויבען? — האָט ער געפרעגט. — מען קאָן דאָך ניט זיצען מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט! עס הויבט זיך דאָך איצט אָן אַ צייט פון פליכטען, אַן ערנסטע צייט...

— יאָ, עס הויבט זיך טאַקע אָן, — האָט זי נאָכגעזאָגט זיינע ווערטער, און געקוקט אָנגעשטרענגט אויף אים.

— האָב איך טאַקע געוואָלט מאַכען דעם ערשטען טראָט אין געהן צו דער טאַנטע...

— דאָס איז שוין דער לעצטער, — האָט געזאָגט אָלגאַ.

— און וואָס איז דער ערשטער?

— דער ערשטער שריט איז צו געהן אין געריכט־הויז, מען דאַרף דאָך פאַרפערטיגען עפּעס אַ פּאַפּיר.

— יאָ... מאָרגען...

— פאַרוואָס ניט היינט?

א. א. גאָנטשאַראָוו

— היינט... היינט איז אַזאַ טאָג... און אויפהויבען זיך און גאָר אוועקגעהן פון דיר, אָלגא.

— זאָל זיין מאָרגען. און דערנאָך וואָס?

— דערנאָך וועט מען זאָגען דער טאַנטע, שרייבען שטאָלצ'ן.

— ניין, דערנאָך דאַרף מען פאָרען קיין אָבלאָמאָווקע... אַנדרעי איוואַניטש האָט דאָך געשריבען, אַז מען דאַרף פאָרען אין דאָרף אריין; איך ווייס ניט וואָס אייגענטליך איר דאַרפט דאָרט באַזאָרגען; איז עס ניט אויפשטעלען עפּעס א געביי־דע? — האָט זי געזאָגט, קוקענדיג אים גלייך אין פּנים אריין.

— גאָט מיינער! — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו, — ווען מען זאָל פאָלגען אַלץ, וואָס שטאָלץ הייסט, וועט קיינמאָל ניט קומען די ריי דערצעהלען דער טאַנטע! ער זאָגט, אַז מען דאַרף צום ערשטען אָנהויבען בויען א הויז, דערנאָך לייגען א שאָסיי, איינאָרדנען שולען... אין הונדערט יאָר וועט מען דאָס אַלץ ניט פאַרטיג מאַכען. מיר, אָלגא, וועלען אהין פאָרען צוזאַמען, און דאַמאָלט...

— און וואו וועלען מיר פאַרפאָרען? איז דען דאָ א הויז?

— ניין, ניטאָ... אַן אַלטע חורבה פאַראַן.

— טאָ וואו וועלען מיר פאַרפאָרען? — האָט אָלגא גע־פרעגט.

— מען דאַרף דאָ זוכען א דירה.

— צוליב דעם דאַרף מען פאָרען אין שטאָדט אריין, — האָט זי באַמערקט, — דאָס איז דער צווייטער שריט, וואָס מען דאַרף טאָן.

— דערנאָך, האָט ער אָנגעהויבען...

— דו מאַך פריער די ערשטע צוויי טריט, דערנאָך וועסטו טראַכטען וועגען ווייטער.

„וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטען? — האָט אָבלאָמאָוו טרויעריג א טראַכט געטאָן. — ניט קיין פליסטערען, ניט קיין געהיימניספולע אפרעדען וועגען צוזאַמענגיסען צוויי לעבענס

אַבלאַמאָוו

אין איינעם! אַלץ איז עפּעס ניט אַזוי ווי ער האָט זיך פאַר־געשטעלט. סאַ'ר אַ זאָנדערבאַרע איז די אָלגאַ! זי בלייבט ניט שטעהן אויף איין אָרט, פאַרטראַכט זיך ניט אויף אַ פּאָע־טישער ערשיינונג, אַזוי ווי זי וואָלט אינגאַנצען ניט געהאַט קיין פאַנטאַזיע, ניט געפילט קיין נויטווענדיגקייט פאַרזונקען ווערען אַמאָל אין חלומות! פּאָר גלייך, טו גלייך — פּונקט ווי אַנדרעי! אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָפּגערעדט אונטערצוזאָ־גען דאָס לעבען!"

צומאָרגענס איז אַבלאָמאָוו געפאָרען מיט אַ פּאַפּיר אין שטאָדט איין. אים איז געווען לאַנגווייליג. ער האָט ניט גע־וואוסט געגנוי ווי עס געפינט זיך די פּאַלאַטע און ער איז אַוועק צו איוואַן געראַסימיטש געוואָר צו ווערען אין וועלכען דע־פּאַרטאַמענט דאַרף מען זיך ווענדען צו באַשטעטיגען אַ פול־מאַכט.

איוואַן געראַסימיטש האָט זיך אַזוי דערפרעהט מיט אָב־לאָמאָוו'ן, אַז ער האָט אים ניט אָפּגעלאָזען און ער האָט גע־מוזט האָבען מיט אים פרישטיק. דערנאָך האָט ער געשיקט נאָך נאָך אַ פריינד געוואָר צו ווערען פון אים וואָס מען דאַרף זיך ווענדען, ווייל אַליין האָט ער שוין ניט געדענקט מער.

דער פרישטיק און דאָס שמועסען האָבען פאַרנומען ביז דריי אַזייגער. עס איז שוין געווען צו שפּעט צו געהן אין דער פּאַלאַטע, און אַזוי ווי מאָרגען איז געווען שבת און די פּאַלאַטע איז געווען צו, האָט מען געמוזט וואַרטען ביז מאָנטאָג.

אָבלאָמאָוו איז אַוועק אין וויבורגער קוואַרטאַל, אויף זיין נייער דירה. ער האָט ניט געקאָנט אויסגעפינען דאָס הויז. אַ לאַנגע צייט איז ער געפאָרען אַהין און צוריק. ער האָט ענד־ליך געטראָפען אַ מענשען, וואָס האָט אים צוגעפירט צו אַ קליין הייזעל, און געזאָגט:

— אָט איז דאָס הויז.

„דאָס הויז פון דער אַלמנה פון קאָלעגיען סעקרעטאַר פּשעניצין", האָט אַבלאָמאָוו דורכגעלעזען אויפ'ן טויער און ער האָט געהייסען אַריינפאָרען אין הויף אַריין.

א. א. גאָנטשאַראָוו

דער הויף איז ניט געווען גרעסער פון א צימער, און דער קאַליאַס האָט א זעץ געטאָן אין דער וואנט אריין אזוי, אז א קופּע הינער האָט זיך דערשראָקען אויף טויט און געלאָזט זיך אויף אַלע זייטען, און דער גרויסער הונט האָט גענומען רייסען זיך אויף דער קייט און פארצווייפעלט בילען; ער האָט זיך אַלץ געוואָלט א ווארף טאָן אויף די פערד.

אַבלאָמאָוו איז געזעסען אויף דעם קאַליאַס און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אין די פענסטער, וואָס זיינען געווען פארשטעלט מיט וואזאנען, האָבען זיך גענומען באווען קעפּ. אַבלאָמאָוו איז אַרויס פון קאַליאַס. דער הונט האָט נאָך שטאַרקער זיך צעבילט.

ער איז ארויף אויפ'ן גאַניקעל און זיך אָנגעשטויסען אָן א זקנה.

— וועמען זוכט איר? — האָט זי געפרעגט.

— די ווירטין פון הויז, פּרוי פּשעניצין, — האָט אַבלאָמאָוו געזאָגט.

די זקנה האָט אומגלויבליך א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— דארפט איר דען ניט איוואַן מאַטוועיאיטש'ען? — האָט זי געפרעגט. — ער איז ניטאָ אין דער היים, ער איז נאָך ניט געקומען פון זיין באַשעפטיגונג.

— איך דארף האָבען די ווירטין, — האָט אַבלאָמאָוו געענטפערט.

דערווייל האָט דער טומעל אין הויז נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען. אָט קוקט פון איין פענסטער, אָט פון א צווייטען ארויס א קאָפּ; הינטער דער זקנה עפענט און פארמאַכט זיך די טיר און פון דאָרטען קוקען ארויס פארשידענע געזיכטער.

אַבלאָמאָוו האָט זיך אומגעדרעהט: אויפ'ן הויף זיינען געשטאַנען צוויי קינדער, א איינגעל און א מיידעל און האָבען אים נייגעריג באטראכט.

פון ערגעץ־וואו האָט זיך באוויזען א פארשלאָפענער פּויער אין א שאָפען פעלצעל און פארשטעלענדיג מיט דער האנט

אַבלאַמאָוו

די אויגען פֿאַר דער זון, האָט ער פֿויל באַטראַכט אַבלאַמאָוו'ן און דעם קאַליאַס.

און דער הונט בילט און בילט אַלץ. קוים האָט זיך אַבלאַמאָוו אַ ריר געטאָן, אָדער דאָס פֿערד האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער קאָפּיטע, האָט דער הונט זיך גענומען פֿאַרצווייפֿעלט רייסען פֿון דער קייט.

— איר דאַרפֿט האָבען אַגאַפֿיאַ מאַטוועיעוונאַ'ן? — האָט געפֿרעגט די זקנה. — צו וואָס דאַרפֿט איר זי?

— זאָג דער ווירטין פֿון הויז, — האָט אַבלאַמאָוו געזאָגט, — אַז איך וויל זי זען: איך האָב דאָ געדונגען אַ דירה.

— איר זייט עס דער נייער שכן, מיכעי אַנדרעיאַיטשעס באַקאַנטער? וואַרט צו אַ רגע, איך זאָג גלייך.

זי האָט געעפֿענט די טיר, און פֿון דער טיר זיינען אָפּגעשפּרונגען אייניגע קעפּ און האָבען זיך געלאָזען לויפֿען אין די צימערען אַריין. ער האָט נאָך באַוויזען צו באַמערקען עפּעס אַ פֿרוי מיט אַנטבלויזטע האַלז און עלענבויגען, אָן אַ הויב, וואָס האָט אַ שמייכעל געטאָן דערפֿון, וואָס עס האָט זי געזען אַ פֿרעמדער; זי איז אויך אָפּגעשפּרונגען פֿון דער טיר.

— קומט אַריין, — האָט געזאָגט די זקנה, ווען זי איז צוריקגעקומען; זי האָט אַריינגעפֿירט אַבלאַמאָוו'ן דורך אַ קליינעם קאָרידאָר אין אַ צימליך געראַמען צימער און געבעטען צו וואַרטען. — די ווירטין וועט גלייך קומען, — האָט זי צוגעלייגט.

„און דער הונט בילט נאָך אַלץ", האָט אַבלאַמאָוו אַ טראַכט געטאָן, באַטראַכטענדיג דאָס צימער.

מיטאַמאָל איז זיין בליק געפֿאַלען אויף באַקאַנטע זאַכען: דאָס גאַנצע צימער איז געווען פֿול מיט זיין גוטס. זיין גאַנץ מעבעל איז געלעגען פֿאַרשטויבט, צוזאַמענגעוואָרפֿען אין אומאָרדנונג.

„וואָס זאָל דאָס באַדייטען? — האָט ער געזאָגט, — אַלץ איז צוואָרפֿען, אין אומאָרדנונג. סאַר אַ שווייַנערייַ!"

מיטאַמאָל האָט הינטער אים אַ סקריפּ געטאָן די טיר און

א. א. גאנטשאראוו

אין צימער איז אריין די זעלבע פרוי, וואס ער האט פריער געזען מיט א נאקעטן האלז און מיט נאקעטע עלנבויגענס.

זי איז געווען א יאר דרייסיג, האט געהאט זער א בלייך און א פול געזיכט; עס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז קיין רויטקייט קאן זיך ניט דורכשלאגן דורך אירע באקן. ברעמען האט זי כמעט ניט געהאט, אויף זייער ארט האבן זיך געפונען צוויי אזוי ווי געשוואלענע, גלאנצענדיגע פאסעקלעך, באוואקסען מיט שיטערע, ליכטיגע הערלעך. די אויגן — גרויע און אפענהערציגע, ווי דאס גאנצע געזיכט; די הענד ווייסע, אבער צושפאלטענע און מיט בלויע אדערן.

דאס קלייד איז געהאנגען אויף איר; עס איז געווען קלאר, אז זי האט ניט באנוצט קיין שום קונסט ביים קליידען זיך, אז זי האט אפילו ניט באנוצט קיין איבריג אונטער קליידעל, וואס דורך דעם וואלט זי אויסגעזען ברייטער ביי די היפטען און שמאלער אין דער טאליע. דערפון האט איר בוזעם, אפילו ווען ער איז געווען פארדעקט, געקענט דינען פאר א מאלער אדער פאר א סקולפטאר אלס מאדעל פון א שטארקער, געזונטער ברוסט. איר קלייד, פארגלייכענדיג עם מיט איר יום־טוב׳־דיגער הויב און שאל, האט געמאכט דעם איינדרוק פון אלט און אפגעטראגען.

זי האט זיך ניט געריכט אויף קיין געסט, און ווען אבלאמאוו האט זי געוואלט זען, האט זי אויף איר וואכעדיג קלייד ארויפגעווארפען איר זונטאגדיגען שאל, און דעם קאפ האט זי פארדעקט מיט א הויב. זי איז אריין אומזיכער און זיך אפגעשטעלט, קוקענדיג א דערשראקענע אויף אבלאמאוו׳ן.

ער האט זיך אויפגעהויבען און באגריסט זי.

— האב איך דאס פארגעניגען צו זען פרוי פשעניצין? — האט אבלאמאוו געפרעגט.

— יא, — האט זי געענטפערט. — איר דארפט געוויס רעדען מיט מיין ברודער, — האט זי אומאנטשלאסען ארויסגערעדט, — ער וועט ערשט פינף א זייגער זיין אין דער היים.

— ניין, איך וויל אייך זען, — האט אבלאמאוו אנגעהויי־

אבלאמאוו

בען, ווען זי האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאפע, ווייט פון אים, און האט געקוקט אויף די שפיצען פון איר שאל, וואס האט זי פארדעקט ביז'ן דיל. די הענט האט זי אויך געהאלטען אונ־טער'ן שאל.

— איך האב געדונגען די דירה. אבער די אומשטענדען האבען געבראכט דערצו, אז איך מוז זוכען א דירה אין א צוויי־טער זייט פון שטאדט, בין איך געקומען מיט אייך איבער־רעדען. . .

שטומפזיניג האט זי זיך איינגעהערט און שטומפזיניג האט זי זיך פארטראכט.

— איצט איז דער ברודער ניטא, — האט זי א ווײַלע שפעטער זיך אפגערופען.

— דאס הויז איז דאך אייער, ניין? — האט געפרעגט אבלאמאוו.

— יא, האט זי געענטפערט.

— גלויב איך, אז איר וועט אליין קאנען באשליסען. . .

— אבער דער ברודער איז ניטא, ער איז אונזער פארוואל־טער, — האט זי איינטאניג געזאגט, א קוק טוענדיג צום ערשטען מאל אבלאמאוו'ן גלייך אין פנים אריין און ווידער ארונטער־לאזענדיג די אויגען.

„זי האט א פשוט, אבער אן אנגענעם געזיכט, — האט אבלאמאוו באשלאסען, — אפנים, א גוטע פרוי.‟

אין דעם מאמענט האט א קאפ פון א מיידעל ארויסגע־רוקט זיך פון דער טיר. אגאפיא מאטוועיעוונא האט איר, אז אבלאמאוו זאל ניט זען, א סטראשע געטאן בייז מיט'ן קאפ און דער קאפ איז פארשוואונדען.

— וואו דינט אייער ברודער? — האט אבלאמאוו גע־פרעגט.

— אין א קאנצעלאריע.

— אין וואס פאר א קאנצעלאריע?

— וואו מען פארשרייבט פויערים... איך וויים ניט ווי מען רופט זי. . .

א. א. גאָנטשאַראָוו

זי האָט הארציג אַ שמייכעל געטאָן, און אין דער רגע האָט איר פּנים ווידער אָנגענומען זיין געוועהנליכען אויס־דרוק.

— איר וואוינט דאָ אליין מיט אייער ברודער? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו.

— ניין, איך האָב צוויי קינדער פון מיין פארשטאָרבענעם מאַן: אַ אינגעל פון אכט און אַ מיידעל פון זעקס יאָר, — האָט זי גאַנץ גערן אָנגעהויבען צו רעדען און איר פּנים איז גע־ווארען אַ ביסעל לעבעדיגער, — אויך מיין באָבע איז מיט מיר; זי איז אַ קראַנקע, קוים וואָס זי רירט זיך, קוים וואָס זי געהט און דאָס בלויז אין דער קירך אריין; און אין דער קירך זיצט זי אָם מיינסטען אויף די טרעפּ, ווייל עס איז איר שווער צו שטעהן. מער וואוינט דאָ קיינער ניט. אמאָל קומט די שוועגערין צו גאַסט אויף אַ קורצער צייט, אַמאָל — אנדרעי אַנדרעיאיטש.

— און אַנדרעי אַנדרעיאיטש קומט אָפט צו אייך? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו.

— קומט גאַנץ אָפט און בלייבט אמאָל אויף אַ גאַנצען מאָ־נאַט דאָ, — האָט זי געענטפערט.

און אַזוי ווי זי וואָלט אויסגענוצט אַלע ווערטער און גע־דאַנקען, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, איז זי געבליבען שטיל.

— אָ, ווי שטיל איז דאָ ביי אייך! — האָט געזאָגט אָבלאָ־מאָוו, — ווען דער הונט וואָלט ניט אַזוי געבילט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז עס געפינט זיך דאָ ניט קיין לעבעדיגער מענש.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— איר געהט אָפט ארויס פון הויז? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט.

— אַמאָל זומער צייט.

— איך זע ביי אייך בלומען. איר האָט ליב בלומען? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— ניין, — האָט זי געענטפערט, — איך האָב ניט קיין צייט, ווען זיך פאַרנעמען מיט בלומען. דאָס איז אַקולינא מיט די קינדער געגאַנגען אין גאָרטען פון גראַף און דער גערטנער האָט זיי געגעבען די בלומען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַקולינא מיטאַמאָל אַריינגעריסען אין צימער אַריין. אין אירע הענט האָט זיך געריסען און געוואָרפען אַ גרויסער האָן.

— אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונא, זאָל איך דאָס אָט דעם האָן אוועקגעבען דעם קרעמער? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס איז דאָס מיט דיר? גאָה דיר! — האָט אַ פאַרשעמטע אַרויסגערעדט די ווירטין. — זעסט דאָך, געסט.

— איך האָב בלויז געוואָלט פרעגען, — האָט זי געענטפערט, נעמענדיג דעם האָן פאַר די פיס מיט דעם קאָפ אַראָפּ, — זיבעציג קאָפּיקעס גיט ער.

— גאָה דיר, גאָה שוין אין קיך אַריין! — האָט די ווירטין געזאָגט, — דעם גרויען גיב אים, ניט דעם, — האָט זי אייַלענדיג צוגעלייגט און אַליין זיך פאַרשעמט; זי האָט באַהאַלטען די הענט הינטער דעם שאַל און אַראָפּגעלאָזען די אויגען.

— אַ באַלעבאַטישקייט! — האָט אָבלאָמאָוו זיך אָפּגערופען.

— יאָ, מיר האָבען אַ סך הינער; מיר פאַרקויפען הינער און אייער. פון אַלע זומער וואוינונגען דאָ אין דער גאַס און פון גראַפס הויף קויפט מען ביי אונז, — האָט זי געזאָגט, קוקענדיג שוין געוואַגט אויף אָבלאָמאָוו'ן.

און איר פּנים האָט אָנגענומען אַ טעטיגען אויסדרוק: די טעמפּקייט איז פאַרשוואונדען, ווי נאָר זיי האָבען אָנגעהויבען רעדען וועגען אַן ענין, וואָס איז איר געווען באַקאַנט. אויף יעדער פראַגע ווידער, וואָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט עפּעס פּאָזיטיווס, האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל און אַ שטיל־שווייגען.

— דאָס וואָלט מען געדאַרפט פאַנאַנדערנעמען,—האָט אָב־לאָמאָוו געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף זיינע זאכען.

— מיר האָבען עס שוין געוואָלט טאָן, אָבער דער ברודער האָט ניט געהייסען, — האָט זי אים לעבעדיג איבערגעשלאָגען און שוין אין גאנצען פריי א קוק געטאָן אים אין פנים אריין. — „גאָט ווייס, — האָט דער ברודער געזאָגט, — וואס עס געפינט זיך אין זיינע טישען און שראנקען, עס קאָן נאָך עפּעס געהן פארלאָרען, וועט ער נאָך האָבען טענות צו אונז. . . ״

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און א שמייכעל געטאָן.

— ווי פאָרזיכטיג אייער ברודער איז דאָס, — האָט אָב־לאָמאָוו באמערקט.

זי האָט ווידער א לייכטען שמייכעל געטאָן און ווידער אָנגענומען איר געוועהנליכען אויסדרוק.

דער שמייכעל איז ביי איר געווען מער אַן אנגענומענער מיטעל צו פארדעקען איר אומוויסענהייט אין א געוויסער פראַגע, אדער ווען זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— מיר איז צו לאנג צו ווארטען, — האָט אָבלאָמאָוו גע־זאָגט, — זייט אזוי גוט און גיט אים איבער, אז די אומשטענ־דען האָבען געמאכט אזוי, אז איך דארף מער די דירה ניט האָבען און דערפאר בעט איך, אז ער זאָל זי איבערגעבען אַ צווייטען; איך, פון מיין זייט, וועל אויך זוכען אימיצען.

טעמפּ האָט זי זיך איינגעהערט צו זיינע רייד און גע־בלינצעלט מיט די אויגען.

— און וועגען דעם קאָנטראקט, זייט אזוי גוט און זאגט אים. . .

— ער איז ניטאָ אין דער היים איצט, — האָט זי ווידער־האָלט דאָס איריגע, — טרעט שוין בעסער מאָרגען נאָך אמאָל דאָ אָפּ, מאָרגען איז שבת, און שבת איז ער ניט פארנומען.

— איך בין זער פארנומען, איך האָב קיין פרייע מינוט ניט, — האָט אָבלאָמאָוו געענטפערט, — איר וועט נאָר אזוי פריינד־ליך זיין און אים זאגען, אז אזוי ווי דאָס האנד־געלט בלייבט ביי אים, און א שכן וועל איך אים קריגען א נייעם, וועט . . .

— ניין, דער ברודער איז ניטא, — האט זי איינטאניג ווי־דערהאלט, — עפעס קומט ער אלץ ניט... — און א קוק טו־ענדיג אויף דער גאס: — ער געהט פארביי דא, פארביי דעם פענסטער, זעט מען ווען ער געהט, איצט איז ער ניטא...

— איך געה, — האט אבלאמאוו געזאגט.

— ווען דער ברודער וועט קומען, ווען, זאל איך אים זא־גען, קלייבט איר זיך איבער? — האט זי געפרעגט, אויפשטע־הענדיג פון דער סאפע.

— איר גיט אים בלויז איבער דאס, וואס איך האב אייך געבעטען, — האט אבלאמאוו געזאגט, — אז אזוי ווי די אומ־שטענדען...

— איר וואלט בעסער מארגען אליין געקומען און אים אי־בערגעגעבען, — האט זי ווידער געזאגט.

— מארגען קאן איך ניט.

— אויב ניט מארגען, קומט איבערמארגען. ביי אונז איז שטענדיג דא שנאפס און עפעס איבערצובייסען. און מיכעי אנדרעיאיטש קומט זונטאג.

— מיכעי אנדרעיאיטש קומט אויך אהער? — האט אב־לאמאוו געפרעגט.

— ערען ווארט, אז ער קומט, — האט זי צוגעלייגט.

— איבערמארגען האב איך אויך קיין צייט ניט, — האט אבלאמאוו ארויסגערעדט אן אומגעדולדיגער.

— וועט איר עס מוזען אפלייגען אויף נעקסטע וואך... — האט זי באמערקט, — און ווען קלייבט איר זיך איבער? איך וואלט געהייסען דעם דיל אפוואשען און דעם שטויב אפווי־שען, — האט זי געפרעגט.

— איך וועל זיך ניט אריבערקלייבען אהער, — האט אב־לאמאוו געפרעגט.

— וואס הייסט? און וואס וועט מען טאן מיט די זאכען?
— האט זי געפרעגט.

— איר וועט אזוי פריינדליך זיין און זאגען אייער ברו־דער — האט אבלאמאוו אנגעהויבען צו רעדען מיט פויזען, און

אָנשטעלענדיג זיינע אויגען גלייך אויף איר ברוסט, — אז די אומשטענדען. . .

— און ער קומט נאָך אַלץ ניט, און מען זעט אים נאָך אַלץ ניט, — האָט זי איינטאָניג אַרויסגערעדט, קוקענדיג אויף דעם צאַם, וואָס האָט אָפּגעטיילט זייער הויף פון דער גאַס. — זיינע טריט אפילו דערקען איך; מען הערט ווען ער געהט אויף דעם הילצערנעם ברוק. דאָ געהען ווייניג מענשען. . .

— וועט איר אים איבערגעבען וואס איך האָב אייך געבעטען? — האָט פאַרנויגענדיג זיך און אוועקגעהענדיג אַבּלאָמאָוו געזאָגט.

— אין א האַלבער שעה אַרום וועט ער אַליין קומען, — האָט מיט אַנגסט אַרויסגערעדט די ווירטין, וועלענדיג אים איינהאַלטען מיט איר קול.

— איך קאָן מער ניט וואַרטען, — האָט ער באַשלאָסען, עפענענדיג די טיר.

ווען דער הונט האָט אים דערזען אויפ'ן גאַניקעל, האָט ער זיך ווייטער צעבילט און גענומען זיך רייסען פון דער קייט. דער קוטשער, וואָס האָט געדרימעלט אָנגעשפּאַרט אָן דעם עלענבויגען, האָט זיך גענומען פאַר די לייצען, די צושראָקענע הינער האָבען זיך ווידער געלאָזען אין אַלע זייטען. א פּאָר קעפּ האָבען אַרויסגעקוקט פון פענסטער.

— וועל איך זאָגען מיין ברודער, אז איר זייט געוועזען, — האָט די ווירטין געזאָגט, ווען אַבּלאָמאָוו האָט זיך אַריינגעזעצט אין קאָליאַס.

— יאָ, און זאָגט אים אויך, אז עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אז איך קאָן זיך ניט באַנוצען מיט דער דירה און אז איך וועל זי איבערגעבען א צווייטען, אָדער ער זאָל עמיצען אָפּזוכען. . .

— אין דער צייט קומט ער געוועהנליך, — האָט זי גערעדט א צוטראָגענע, — איך וועל אים זאָגען, אז איר האָט ניט געוואָלט וואַרטען.

— איך וועל זיך אין גיכען אַריינכאַפּען צו אים, — האָט אַבּלאָמאָוו געזאָגט.

אַבלאַמאָוו

באַגלייט פון דעם שווידערליכען בילען פון הונט, איז אַבּ־לאַמאָוו ארויסגעפּאָרען פון הויף.

אין דער ענדע פון דער גאַס, האָט ער דערזען א מיטעליע־ריגען מענשען אין אן אָפּגעטראָגענעם מאנטעל, מיט א פּאַפּי־רענעם פּאַקעט אונטער׳ן אָרעם, מיט א גראָבען שטעקען און אין גומענע קאַלאָשען, כאָטש אין גאַס איז געווען טרוקען און היים.

ער איז געגאַנגען גיך, אומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטען און נעקלאַפּט האָט ער אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט דורכברעכען דעם הילצערנעם טראָטואַר. אַבלאַמאָוו האָט אים נאָכגעקוקט און ער האָט געזען אַז ער איז אריין אין טויער פון פּשעניצינ׳ס הויף.

„דאָס מוז עס זיין דאָס ברודערל אירס, — האָט ער באַ־שלאָסען. — כאַפּט אים דאָס גוטע יאָר! ער וועט אויך אָפּ־פּלוידערען א שעה צייט, און איך וויל עסען, און עס איז היים! און אַלגא וואַרט אויף מיר. . . ניין, א צווייט מאָל!״

— גיכער! — האָט ער א זאָג געטאָן צום קוטשער.

„געהן אָנקוקען איצט א נייע דירה? — האָט ער זיך מיט־אמאָל דערמאָנט. — ניין, אַן אַנדערש מאָל!״ האָט ער באַשלאָ־סען.

— פאָר גיכער!

8

סוף אויגוסט האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו רעגענען און די קוימענס פון די זומער־וואוינונגען, וואו עס זיינען געווען אויוועגס, האָבען אָנגעהויבען צו רויכערען, און וואו עס זיינען קיין אויוועגס ניט געווען, זיינען די איינוואוינער ארומגעגאַנגען מיט אונטערגעבונדענע באַקען, און ענדליך האָבען די זומער־וואוינונגען גענומען ליידיג ווערען.

אָבלאָמאָוו האָט זיך ניט באַוויזען אין דער שטאָדט. אין איין שעהנעם טאָג האָט מען פאַרביי זיין פענסטער פאַרבייגעטראָגען איליגסקים מעבעל. כאָטש אין זיינע אויגען איז שוין מער ניט געווען קיין העלדענטאַט זיך איבערקלייבען אין א נייער דירה, אָפּעסען וואו ניט איז און ניט צושפּאַרען זיך א גאַנצען טאָג, אבער ער האָט ניט געוואוסט, וואס צו טאָן.

איבערבלייבען איינער אליין אויף א זומער־וואוינונג, ווען פּאַרק און וואלד זיינען שוין פּוסט, ווען עס זיינען שוין פאַרקלאַפּט די לאָדען פון אָלגאַ'ס פענסטער, האָט אין זיינע אויגען אויסגעזען, ווי עפּעס אוממעגליכעס.

ער האָט דורכשפּאַצירט איבער אירע ליידיגע צימערען, ארומגעגאַנגען דעם פּאַרק, ארונטערגעגאַנגען פון באַרג; זיין האַרץ איז געווען דורכגענומען פון טרויער.

ער האָט געהייסען זאַכאַר'ן און אַניסיע'ן אוועקפּאָרען אין וויבורגער קוואַרטאַל, וואו ער האָט באַשלאָסען צו פאַרבלייבען ביז ער וועט אויסזוכען א נייע דירה, און אליין איז ער אוועקגעפּאָרען אין שטאָדט אריין, געמיטאָגט אין א רעסטאָראַן און דעם אָוונט האָט ער פאַרבראַכט ביי אָלגאַ'ן.

אָבער די הערבסטיגע טעג אין שטאָדט זיינען ניט געווען ענליך אויף די לאַנגע און ליכטיגע טעג און אָוונטען אין פּאַרק און אין וועלדעל. אין שטאָדט האָט ער זי שוין ניט געקאָנט זען

אַבלאָמאָוו

דריי מאָל אַ טאָג; דאָ קומט שוין ניט צולויפען צו אים קאַטיאַ און ער שיקט ניט זאכאר'ן מיט אַ צעטעלע. און די גאַנצע זומערדיגע, בליענדיגע פּאָעמע פון ליבע האָט זיך אזוי ווי אָפּגעשטעלט, האָט זיך גענומען ציען פוילער, ווי עס וואָלט איר אויסגעפעלט אינהאַלט.

עס פלעגט טרעפען, אַז זיי האָבען געשוויגען צו האַלבע שעה נאָכאַנאַנד. אָלגא האָט זיך פאַרטיפט אין איר האַנטארבייט און ער — אין זיינע כאַטאָטישע געדאַנקען און ער האָט איבערגעלעבט געשעהענישען פון אַ פיל שפּעטערער צייט.

בלויז טיילמאָל פלעגט פּאַסירען, אַז איינקוקענדיג זיך אויפמערקזאם אין איר פנים, האָט ער אַ ליידענשאַפטליכען ציטער געטאָן, אדער זי האָט, ווארפענדיג אויף אים אַ פאַרביילויפענדען בליק, אַ שמייכעל געטאָן, דערזעענדיג אַ שטראַל פון צאַרטער אונטערטעניגקייט און שווייגענדיגען גליק אין זיינע אויגען.

דריי טעג כסדר איז ער געפאָרען אין שטאָדט אריין צו אָלגא'ן מיט'ן אויסרייד, אַז די נייע דירה איז נאָך אַלץ ניט אין אָרדנונג, אַז נעקסטע וואָך קלייבט ער זיך איבער.

אָבער אויף דעם פערטען טאָג איז אים שוין געווען עפּעס אומבאַקוועם צו קומען און, ארומדרעהענדיג זיך אַ ביסעל צייט פאַר זייער הויז, איז ער מיט אַ טיפען זיפץ אהיים געפאָרען.

אויפ'ן פינפטען טאָג האָבען זיי ניט גענעסען אין דער היים.

אויפ'ן זעקסטען טאָג האָט אים אָלגא געזאָגט, אַז ער זאָל קומען אין עפּעס אַ געשעפט, אַז זי וועט דאָרט זיין, און דערנאָך קאָן ער זי צופוס באַגלייטען אהיים, און דער עקיפּאַזש וועט זיי נאָכפאָרען.

דאָס אַלץ האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט; אויפ'ן וועג האָבען זיי באַגעגענט באַקאַנטע, האָבען זיך באַגריסט, אַנדערע האָבען זיך אָפּגעשטעלט און פאַרפירט אַ געשפּרעך.

— אוי, גאָט מיינער! דאָס זיינען דאָך אמת'ע יסורים! —

א. א. גאַנטשאַראָוו

האָט ער געזאָגט א דערשראָקענער און אַן אומצופרידענער פון זיין אומאנגענעמער לאגע.

די טאַנטע קוקט אויך אויף אים מיט אירע גרויסע מאַטע אויגען און שמעקט דערביי אזוי איר שפּירט, ווי עס וואַלט איר דער קאָפּ וועה געטאָן פון אים. און דאָס פאָרען נעמט אזוי לאַנג! דאָס פאָרען און דאָס צוריקפאָרען נעמט אים גאַנצע דריי שעה.

— לאָמיר זאָגען דער טאַנטע, — איז ער צוגעשטאַנען צו אָלגאַ'ן, — וועל איך קאָנען ביי אייך זיין פון דער פרי אָן, און קיינעם וועט עס ניט אויסקוקען מאָדנע.

— און דו ביסט שוין אין געריכט־הויז געווען? — האָט אים אָלגאַ געפרעגט.

אָבלאָמאָוו האָט שוין געוואָלט זאָגען: „געווען און אַלץ באזאָרגט", אָבער ער האָט געוואוסט, אז אָלגא וועט אויף אים אזוי אויפמערקזאם א קוק טאָן, אז זי וועט גלייך דערקאָנען, אז עס איז א ליגען. ער האָט א טיפען זיפץ געטאָן.

— אַך, ווען דו וואָלסט וויסען ווי שווער דאָס איז! — האָט אָבלאָמאָוו ארויסגערעדט.

— און מיט דער ווירטין'ס ברודער האָסטו גערעדט? און א דירה האָסטו געזוכט? — האָט זי געפרעגט א ווייל׳ע שפּעטער, ניט אויפהויבענדיג די אויגען.

— ער איז קיינמאָל אין דער היים ניטאָ אין דער פרי, און אין די אָווענדען בין איך שטענדיג דאָ, — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו, א צופרידענער וואָס ער האָט געפונען כאָטש אַן אויסרייד.

אָלגאַ האָט אויף דעם קיין וואָרט ניט געענטפערט, נאָר האָט א טיפען זיפץ געטאָן.

— מאָרגען וועל איך שוין געוויס רעדען מיט דער ווירטין'ס ברודער, — האָט אָבלאָמאָוו זי בארוהיגט, — מאָרגען איז זונטאָג, און זונטאָג געהט ער ניט ארויס פון הויז.

— ביז וואַנען דאָס אַלץ וועט ניט באזאָרגט ווערען, קאָן

מען דער טאנטע וועגען קיין זאך ניט זאָגען, און זען זיך דאר־
פען מיר אויך וואָס זעלטענער...

— יאָ, יאָ, אמת... — האָט צוגעלייגט אָבלאָמאָוו, פאר־
לירענדיג אין גאנצען דעם מוט.

— דו וועסט מיטאָגען ביי אונז זונטאָג, — האָט זי באַ־
שלאָסען. — דערנאָך וועלען מיר זיך טרעפען אין טעאַטער;
איך וועל דיר לאָזען וויסען, וואו מיר וועלען זיין, וועסטו אויך
אהין קומען.

— זער גוט, — האָט ער ארויסגערעדט א דערפרעהטער,
וואָס זי האָט אויף זיך גענומען איינצואָרדנען זייערע צוזאַ־
מענקונפטען.

— אויב עס וועט צופאַלען א שעהנער טאָג, — האָט זי
פארענדיגט, — וועל איך פאָרען אין זומער גאָרטען, קום אויך
אהין. דאָס וועט אונז דערמאָנען אָן פארק... אָן פארק! — האָט
זי מיט געפיל ווידערהאָלט.

ניט אויסרעדענדיג קיין וואָרט האָט ער איר געקושט די
האנט און געזעגענט זיך מיט איר ביז זונטאָג. טרויעריג האָט
זי אים באגלייט מיט די אויגען און דערנאָך זיך אוועקגעזעצט
צום פּאָרטעפּיאַן און פארזונקען געוואָרען אין זיינע קלאנגען.
דאָס הארץ האָט אין איר געוויינט און געוויינט האָבען אויך די
קלאנגען. זי האָט געוואָלט זינגען, אָבער עס האָט זיך ניט
געזונגען!

צו מאָרגענס, ווען אָבלאָמאָוו איז אויפגעשטאנען, האָט
ער זיך געהייסען דערלאנגען דאָס רעקעל, וואָס ער האָט גע־
טראָגען אין דאָרף. מיט דעם שלאָף־ראָק האָט ער זיך שוין
פון לאנג געזעגענט און געהייסען איב פארפאקען.

זאכאר, ווי זיין געוועהנהייט איז געווען, האָט זיך ווייטער
געוואקעלט ווען ער האָט דערלאנגט צום טיש. און ווי געוועהנ־
ליך, האָט הינטער זאכאר'ן ארויסגעקוקט פון דער האלב אָפע־
נער טיר אניסיא'ס קאָפּ. דאָס האָט זי אכטונג געגעבען, צי
ער וועט דערטראָגען צום טיש בשלום די טאַץ מיט די גלעזער.
ווען זאכאר האָט דערטראָגען די טאַץ א גאנצע צום טיש, איז

זי אומבאמערקט פארשוואונדען; האָבען אָבער גענומען פאַלען גלעזער, איז זי גלייך צוגעשפּרונגען צו אים און געהאָלפען, אַז די איבעריגע זאָלען ניט פאַלען. אין אַזאַ פאַל פלעגט זיך זאכאר פאַנאַנדערשיטען מיט קללות צום ערשטען אויף די זאַכען, דערנאָך אויף דער ווייב און דערביי זיך פאַרמעסטען מיט'ן עלענבויגען איר אין ברוסט אריין.

— אָ, סאר אַ פיינע קאָפּע! ווער האָט עס צוגעגרייט? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו.

— די' ווירטין אליין, — האָט געזאָגט זאכאר, — שוין דעם זעקסטען טאָג ווי זי אליין מאַכט די קאָפּע. „איר, זאָגט זי, לייגט אריין צופיל ציקאָריע, און לאָזט ניט גענוג קאָכען. לאָזט מיך אמאָל!"

— פיינע, זער פיינע, — האָט אָבלאָמאָוו ווידערהאָלט, אָנגיסענדיג זיך נאָך אַ טאַסע קאָפּע. — דאַנק איר דערפאַר.

— אָט איז זי דאָך אליין, — האָט געזאָגט זאכאר, אָנצייגענדיג אויף אַ האַלב אָפענער טיר פון אַ זייטיגען צימער.

אָבלאָמאָוו האָט נאָר געקאָנט זען די פּלייצע פון דער ווירטין, איר נאַקען, אַ טייל פון איר ווייסען האַלז און די אנטבלויזטע עלענבויגענס.

— וואָס באוועגט זי אַזוי גיך מיט די עלענבויגענס? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו.

— ווער ווייס איר דאָרט, — האָט געענטפערט זאכאר.

אָבלאָמאָוו האָט נאָכגעפאָלגט, ווי עס האָבען זיך באַוואויגען די עלענבויגענס, ווי איר רוקען האָט זיך איינגעבויגען און אויסגעגלייכט זיך.

אונטען, ווען זי האָט זיך איינגעבויגען, האָט זיך ארויסגעזען אַ ווייס אונטערקליידעל, ריינע זאָקען און רונדע אויסגעפילטע פיס.

„בלויז אַ באַאמטען'ס אַ ווייב, און עלענבויגענס האָט זי ווי אַ גרעפין, מיט גריבלעך נאָך!" האָט אָבלאָמאָוו אַ טראַכט געטאָן.

מיטאָג צייט איז זאכאר געקומען און געזאָגט, אַז די באַ־

אַבלאַמאָוו

לעבאַסטע האָט געהייסען פרעגען, צי זיי וועלען פאַרזוכען פון זייער פּיראָג.

— עס מוז ניט זיין זער קיין פיינער פּיראָג, — האָט נאַכלעסיג באַמערקט אַבלאַמאָוו.

— ניט ערגער פון די אַבלאַמאָוועקער פּיראָגן, — האָט זאַכאַר געענטפערט.

— אויב אַזוי, ברענג! ווער באַקט עס ביי זיי? די שמוציגע פרוי דאָרט?

— אַן איינפאַל, — האָט מיט פאַראַכטונג געזאָגט זאַכאַר. — די באַלעבאַסטע זיצט אַליין אין דער קיך. דאָס האָט זי מיט אַניסיאַ'ן צוגעגרייט דעם פּיראָג.

אין פינף מינוט אַרום האָט זיך פון דעם זייטיגען צימער אַרויסגערוקט צו אַבלאַמאָוו'ן אַ נאַקעטע האַנט. די האַנט איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שאַל, וואָס אַבלאַמאָוו האָט שוין פריער געזען. די האַנט האָט געטראָגען אַ טעלערל, אויף וועלכען עס איז געלעגען אַ גרויסער שטיק פּיראָג, וואָס האָט אַרויסגעלאָזען פון זיך אַ הייסען דאַמף.

— אַ שעהנעם דאַנק, — האָט ליבליך אַרויסגערעדט אַבלאַמאָוו, צונעמענדיג דעם פּיראָג, און, אַ קוק טוענדיג אין דער טיר, האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען אויף אַ הויכען בוזעם און אַנטבלויזטע אַקסעל.

די טיר האָט זיך גיך צוגעמאַכט.

— ווילט איר אויך אפשר אַ שנאַפּס? — האָט געפרעגט די שטימע.

— אַ שעהנעם דאַנק, איך טרינק ניט, — האָט נאָך ליבליכער געענטפערט אַבלאַמאָוו. — אָבער אייערען וועל איך פאַרזוכען.

די נאַקעטע האַנד האָט זיך ווידער דורכגעשפּאַרט דורך דער טיר מיט אַ טעלערל און אַ גלעזעל בראַנפען. אַבלאַמאָוו האָט אויסגעטרונקען, דער שנאַפּס איז אים זער געפעלען גע־וואָרען.

— איך דאַנק אייך זער, — האָט ער געזאָגט, וועלענדיג

א. א. גאנטשאראוו

אריינקוקען אין דער טיר אריין, נאר די טיר האט זיך פארקלאפט.

— וואס לאזט איר אויף זיך ניט קיין קוק טאן און ווינשען אייך א גוטען מארגען? — האט אבלאמאוו איר פארגעווארפען.

די ווירטין האט א שמייכעל געטאן הינטער דער טיר.

— איך בין נאך אלץ ניט אנגעטאן. די גאנצע צייט בין איך אין דער קיך. איך טו זיך באלד איבער; דער ברודער קומט גלייך פון דער קירך, — האט זי געענטפערט.

— גוט, וואס איר האט דערמאנט אייער ברודער, — האט באמערקט אבלאמאוו, — איך דארף מיט אים עפעס איבעררעדען. זייט אזוי גוט און זאגט אים, אז ער זאל אריינקומען צו מיר.

— גוט, איך וועל אים זאגען, ווען ער וועט נאר קומען, — האט זי געזאגט.

— און ווער הוסט עס ביי אייך? ווער האט עס ביי אייך אזא טרוקענעם הוסט? — האט אבלאמאוו געפרעגט.

— דאס הוסט די באבע. שוין דאס אכטע יאר ווי זי הוסט.

און די טיר האט זיך פארקלאפט.

„זי איז דאך אזא פראסטע... — האט א טראכט געטאן אבלאמאוו, — אבער עס איז אין איר דא עפעס אזוינס... און זי האלט זיך אזוי ריין!"

ביז איצט איז אים נאך אלץ ניט געלונגען באקאנט צו ווערען מיט דער באלעבאסטע'ס ברודער. ליגענדיג אין בעט האט ער געזען, און דאס אויך זער זעלטען, ווי פארביי דעם דראט פון דער צאם איילט א מאן מיט א גרויסען פאקעט אונטער'ן ארעם און פארשווינדט אין א צווייטען געסעל אריין; פארנאכט ווידער האט ער געזען דעם זעלבען מענשען מיט'ן זעלבען פאקעט פארביישלייכען זיך פארביי זיין פענסטער. אין הויז האט מען אים קיינמאל ניט געהערט.

און דאך האט מען געקאנט גלייך דערקאנען, אז אין הויז

זיינען געווען מענשען, באזונדערס אין דער פרי. פון דער קירך האט זיך דערטראגען א קלאפעריי פון מעסער. מען האט געהערט דורכ'ן פענסטער ווי מען שווענקט וואס אין וואסער אין ווינקעל פון דער קיך, ווי דער דווארניק האקט האלץ, אדער ער פירט אויף צוויי רעדער א פעסעל וואסער; פון אונטער דער וואנט האט זיך דערטראגען א געוויין פון קינדער, אדער דער טרוקענער הוסט פון דער זקנה.

אבלאמאוו האט פארנומען פיר צימערען, די באלעבאסטע מיט איר פאמיליע — צוויי, און דער ברודער האט געהאט א צימערל אין דער הויף.

די פענסטער פון אבלאמאוו'ס קאבינעט און שלאפצימער זיינען ארויסגעגאנגען אין הויף אריין, דער גאסטצימער — אין סעדעל אריין, און די פענסטער פון זאל זיינען ארויסגעגאנגען אין גרויסען גארטען, וואס איז געווען פול מיט קרויט און קארטאפעל. די פענסטער פון גאסטצימער זיינען געווען דראפירט מיט פארהאנגען פון ציץ, וואס זיינען אפגעקראכען געווארען פון דער זון.

דער ברודער איז אריינגעגאנגען אויף די שפיץ פינגער און דריי מאל זיך פארבויגען אויף אבלאמאוו'ס באגריסונג. דער מונדיר איז געווען פארקנעפעלט אויף אלע קנעפלעך, אז מען האט ניט געקאנט וויסען צי ער טראגט אונטען וועש צי ניט.

ער איז געווען ארום פערציג יאר. זיינע גרויע אויגען האבען ניט גלייך א קוק געטאן אויף אייך; אין אנפאנג האבען זיי אזוי ווי בגנבה א קוק געטאן אויף אייך, אבער ביים צווייטען מאל האבען זיי זיך שוין אפגעשטעלט אויף אייך.

ער האט זיך אזוי ווי געשעמט מיט זיינע הענט, און ווען ער האט גערעדט האט ער זיך באמיט צו באהאלטען זיינע הענט, אדער ער האט ביידע הענט באהאלטען אויף דער פלייצע, אדער ער האט איינע באהאלטען אונטער דער פאכווע און די צווייטע אויף דער פלייצע. ווען ער האט געדארפט דערלאנגען א פאפיר און עפעס ערקלערען זיין שעה, האט ער איין האנט

געהאַלטן אויף דער פּלייצע און מיט דעם נאָגעל פון דעם מיטעלסטן פינגער פון זיין צווייטער האנט האָט ער פאַרזיכטיג אָנגעצייגט אויף עפּעס א שורה, א וואָרט. ווי ער האָט עס נאָר געהאַט באַוויזן, האָט ער גלייך צוריקגעכאַפּט און באַהאַלטן די האנט. מעגליך, אַז די אורזאַך פון אַזאַ אויפפירונג איז געווען דאָס, וואָס זיינע פינגער זיינען געווען גראָבליך, רויט און האָבן געציטערט. ער האָט געהאַט אַן אורזאַך צו האַלטן, אַז עס איז ניט זער אַנשטענדיג זיי צופיל אַרויסצואווייזן, ווען מען קאָן זיך באַגעהן אָן דעם.

— איר האָט באַפוילען, — האָט ער אָנגעהויבן, וואַרפענדיג אויף אָבלאָמאָוו'ן זיין צווייענדיגען בליק, — אַז איך זאָל קומען צו אייך.

— יאָ, איך האָב געוואָלט מיט אייך זיך דורכרעדען וועגען דער דירה. ביטע, זעצט אייך! — האָט ליבליך געענטפערט אָבלאָמאָוו.

— די אומשטענדען האָבען געבראַכט דערצו, אַז איך מוז אויפגעבען די דירה, — האָט אָנגעהויבען אָבלאָמאָוו, — און דערפאַר וואָלט איך וועלען זי איבערגעבען א צווייטען.

— איצט איז שווער צו געפינען א שכן, — האָט זיך אָפּגערופען איוואַן מאַטוועיאַטש, אַריינהוסטענדיג אין דער פויסט אַריין און באַהאַלטענדיג זי אויף גיך אין אַרבעל אַריין. — ווען איר זאָלט עס זאָגען צום סוף זומער, וואָלט מען געקאָנט עמיצען געפינען, ווייל א סך האָבען זיך געפרעגט אויף דער דירה.

— איך בין דאָ געווען, אָבער איר זייט אין דער היים ניט געווען, — האָט אים אָבלאָמאָוו איבערגעשלאָגען.

— די שוועסטער האָט מיר דערציילט, — האָט געזאָגט דער באַאַמטער. — איר דאַרפט ניט זיין באַזאָרגט וועגען דער דירה: אייך וועט דאָ זיין זער גוט. אפשר באַלעסטיגען אייך די פייגעל?

— וואָסערע פייגעל?

— די הינער.

אַבלאָמאָוו

כּאָטש אַבלאָמאָוו האָט אַלע אין דער פרי געהערט אונ־טער'ן פענסטער דאָס קוואָקען פון די הינער, האָט ער עס אָבער אַזוי ווי ניט געהערט. פאַר זיינע אויגן האָט שטענדיג גע־שוועבט אָלגאַ'ס בילד, און ער האָט כמעט ווי ניט באַמערקט וואָס עס קומט ארום אים פאָר.

— ניין, דאָס שטערט מיר ניט, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב געמיינט אַז איר רעדט דאָס וועגן די קאַנאַריקלעך, זיי הייבן טאַקע פון דער פרי אָן צו צוויטשערען.

— מיר וועלען זיי ארויסנעמען פון אייער צימער, — האָט איוואַן מאַטוועיאיטש געזאָגט.

— ניין, אפילו דאָס שטערט מיר ניט, — האָט באַמערקט אָבלאָמאָוו, — דער עיקר איז וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מיר איז אוממעגליך צו בלייבען דאָ וואוינען.

— ווי איר ווילט, — האָט געענטפערט איוואַן מאַטוועי־איטש. — אויב איר זאָלט ניט געפינען קיין שכן, וועט איר דאָך דארפען צולייגען אַ סך געלט. איר ווייסט דאָך, דער קאָנטראַקט...

— וויפיל קאָן עס אויסמאַכען? — האָט אים אַבלאָמאָוו געפרעגט.

— איך ברענג גלייך דעם קאָנטראַקט.

ער האָט געבראַכט דעם קאָנטראַקט.

— אָט איז די רעכענונג: פאַר דער דירה אַכט הונ־דערט רובל. געגעבען האָט איר הונדערט, קומט פון אייך זיבען הונדערט, — האָט ער געזאָגט.

— איר ווילט ביי מיר פאַר אַ גאַנץ יאָר, ווען איך וואוין נאָך ביי אייך אפילו קיין גאַנצע צוויי וואָכען ניט? — האָט אַבלאָמאָוו אים איבערגעשלאָגען.

— ווי דען? — האָט ער געוויסענהאַפט און ווייך ארויס־גערעדט. — די שוועסטער איז אַן אָרעמע אַלמנה און זי דאַרף ניט ליידען אומזיסט. איר גאַנצע איינקונפט באַקומט זי פון דעם, וואָס זי קריגט ארויס פון דער דירה. פון די הינער און אייער קען מען זער ווייניג האָבען.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— וואָס מיינט איר דאָס מיט זיך? — האָט אַ זאָג געטאָן אָבלאָמאָוו. — איך האָב קיין גאַנצע צוויי וואָכן דאָ ניט געוואוינט, און איר ווילט, אַז איך זאָל באַצאָלן פאַר אַ גאַנץ יאָר!

— זעט וואָס עס שטעהט אין קאָנטראַקט, — האָט געזאָגט איוואַן מאַטוועיאיטש, אָנצייגענדיג מיט'ן מיטעלסטען פינגער צוויי שורות און באַהאַלטענדיג גלייך דעם פינגער אין אַרבעל אַריין, — זייט אַזוי גוט און לעזט עס איבער: „און זאָל איך, אָבלאָמאָוו, ווען פאַר דער צייט אַרויסקלייבען זיך פון דער דירה, בין איך פאַרפליכטעט צו קריגען אַ צווייטען שכן, אויף די זעלבע באַדינגונגען, אָדער, ווען איך קאָן עס ניט באַווייזען באַפרידיגען זיי, פּשעניצינאַ, פאַר אַ גאַנץ יאָר.", האָט דורכגעלעזען אָבלאָמאָוו.

— וואָס זאָל דאָס הייסען? — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט. — דאָס איז זער ניט יושר'דיג.

— עס איז לויט'ן געזעץ, — האָט באַמערקט איוואַן מאַטוועיאיטש. — איר האָט אַליין גע'חתמ'עט, אָט איז אייער אונטערשריפט.

ווידער האָט זיך באַוויזען דער פינגער אונטער דער אונטערשריפט און ווידער איז ער פאַרשוואונדען אונטער'ן אַרבעל.

— וויפיל־זשע ווילט איר?

— זיבען הונדערט, — האָט ער אָנגעהויבען רעכענען, — פאַר דער דירה, הונדערט און פופציג רובל פאַר אַ שטאַל פאַר פערד...

— נאָט איז מיט איין, — האָט אים איבערגעשלאָגען אָבלאָמאָוו, — איך האַלט ניט קיין פערד. צו וואָס דאַרף איך אַ שטאַל?

— פאַראַן אין קאָנטראַקט, — האָט באַמערקט איוואַן מאַטוועיאיטש, אָנצייגענדיג מיט'ן פינגער אויף אַ שורה. — מיכעי אַנדרעיאיטש האָט געזאָגט, אַז איר וועט האָבען פערד.

— ער לייגט, דער מיכעי אַנדרעיאיטש, — האָט מיט ערגערניש געזאָגט אָבלאָמאָוו. — גיט מיר דעם קאָנטראַקט.

אבלאמאוו

— איר קאָנט קריגען אַ קאָפּיע פון קאָנטראַקט, דער קאָנטראַקט אַליין באַלאַנגט צו דער שוועסטער, — האָט זיך ליבליך אָפּגערופן איוואן מאַטוועיאיטש, נעמענדיג דעם קאָנטראַקט אין דער האַנט אַריין. — אויסער דעם, פאַר דעם רעכט צו באַנוצען זיך מיט קרויט, ריבען און אַנדערע גרינסען פון גאָרטען, צוויי הונדערט און פופציג רובל...

— וואָסער גאָרטען? וועלכע קרויט? איך האָב ניט אָן צו וויסען, וואָס איר ווילט פון מיר! — האָט כמעט אַ צאָרנדיגער אויסגעשריען אַבלאַמאָוו.

— אַט שטעהט עס אין קאָנטראַקט. אַנדריי מיכעי־איטש האָט געזאָגט, אַז איר דינגט די דירה צוזאַמען מיט די פּראָדוקטען פון גאָרטען.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטען? איר ווילט פאַרוואַלטען מיט מיין טיש אָן מיין וויסען? איך דאַרף ניט אייערע ריבען... — האָט געזאָגט אַבלאָמאָוו, אויפהויבענדיג זיך פון שטול.

איוואן מאַטוועיאיטש האָט זיך אויך אויפגעהויבען פון שטול.

— אָן אייער וויסען? וואָס אייך קאָן איינפאַלען! אַט איז דאָך אייער אונטערשריפט! — האָט ער געענטפערט.

און ווידער האָט זיך אַ גראָבער פינגער געטרייסעלט איבער דער אונטערשריפט, און דאָס גאַנצע פּאַפּיר האָט זיך געטרייסעלט אין זיין האַנט.

— וויפיל צוזאַמען פאָדערט איר? — האָט אומגעדולדיג אים געפרעגט אַבלאַמאָוו.

— איצט קומט נאָך פאַר'ן קאַלכען דעם סופיט, פאַר'ן פאַרבען די טיר, פאַר'ן איבערמאַכען די פענסטער אין דער קיך, פאַר'ן פאַרריכטען די טירען — הונדערט און פיר רובל מיט אַכט און צוואַנציג קאָפּיקעס.

— וואָס? דאָס אויך אויף מיין רעכענונג? — האָט אַבלאַמאָוו געפרעגט אָן ערשטוינטער. — דאָס קומט דאָך זיכער אויף דער רעכענונג פון ווירט.

— אין קאָנטראַקט שטעהט, אַז אויף אייער רעכענונג, —

האָט געזאָגט איוואן מאַטוועיאַיטש, אָנווייזענדיג פון דער ווייַ־טען מיט'ן פינגער וואו דאָס שטעהט. — איין טויזענט פיר און פופציג רובל, אַכט און צוואַנציג קאָפּ. צוזאַמען, — האָט ער פאַרענדיגט.

— וואו וועל איך דאָס נעמען? איך האָב קיין געלט ניט! — האָט געענטפערט אַבלאָמאָוו, שפּאַנענדיג אויף און אָפּ אין צימער. — נויטיג דאַרף איך דאָס האָבען אייער קרויט און אייערע ריבען...

— באַאומרואיגט זיך ניט, — האָט שטיל געזאָגט איוואַן מאַטוועיאַיטש, — אייך וועט דאָ זיין זעהר גוט. און וואָס אַנ־באַלאַנגט דאָס געלט, וועט די שוועסטער צוואַרטען...

— איך קאָן ניט... מיינע אומשטענדען ערלויבען עס ניט! איר הערט, וואָס איך זאָג אייך?

— איך הער. טוט ווי עס איז אַם בעסטען פאַר אייך, — האָט מיט אַ געהאָרכזאַמער מינע געענטפערט איוואַן מאַטוועי־איטש, צוריקטרעטענדיג אויף אַ טראָט.

— איך וועל זיך איבערלייגען און זען אימיצען איבער־געבען די דירה, — האָט געזאָגט אַבלאָמאָוו און אַ נויג געטאָן זיך צו אים.

— עס וועט אייך זיין שווערליך; איבריגענס פּרוּ־בירט! — האָט געזאָגט איוואַן מאַטוועיאַיטש און דריימאָל פאַרנויגענדיג זיך פאַר אַבלאָמאָוו'ן, איז ער אַרויס פון צימער.

אַבלאָמאָוו האָט איבערגעצעהלט זיין געלט: אַלץ אַרום איז געווען דריי הונדערט און פינף רובל. ער איז בלייך גע־וואָרען.

„וואו האָב איך אַהינגעטאָן דאָס געלט? — האָט אַב־לאָמאָוו זיך געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג, כמעט מיט שרעק.— אָנפאַנג זומער האָט מען מיר געשיקט פון דאָרף צוועלף הונ־דערט רובל, און איצט האָב איך בלויז דריי!"

ער האָט אָנגעהויבען רעכענען, דערמאָנען זיך, און מער פון צוויי הונדערט און פופציג רובל האָט ער ניט געקאָנט צוזאַמענרעכענען.

אבלאַמאָוו

„וואו איז אַהינגעקומען דאָס געלט?" האָט ער זיך ווידער־אַמאָל געפרעגט.

— זאַכאַר! זאַכאַר!

— וואָס פאַרלאַנגט איר, הער?

— וואו איז אַהינגעקומען דאָס גאַנצע געלט? מיר האָבען דאָך אין גאַנצען קיין געלט ניט איצט? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט.

זאַכאַר האָט גענומען זוכען אין די קעשענעס. ער האָט אַרויסגענומען אַ האַלב קערבעל און אַ קופּערנע מטבע און אַוועקגעלייגט זיי אויפ'ן טיש.

— איך האָב פאַרגעסען אייך אָפּגעבען, עס איז ביי מיר פאַרבליבען פון איבערקלייבען זיך, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס שטופּסטו מיר עפּעס גראָשענס? דו זאָג בעסער וואו און אויף וואָס איז אַוועק אַכט הונדערט רובל.

— וואָס פרעגט איר מיך? פון וואַנען זאָל איך וויסען אויף וואָס איר גיט אויס דאָס געלט? וויפיל האָט איר דאָס אָנגעצאָלט געלט פאַר קאַרעטען? — האָט געפרעגט זאַכאַר.

— יאָ, ביסט גערעכט, אויף עקיפּאַזשען איז אַוועק אַ סך געלט, — האָט זיך אָבלאָמאָוו דערמאָנט, קוקענדיג אויף זאַ־כאַר'ן. — דו געדענקסט ניט וויפיל מיר האָבען דעם זומער באַצאָלט פאַר קאַרעטען?

— ווער קאָן געדענקען! — האָט זיך אָפּגערופען זאַ־כאַר. — איך געדענק בלויז פון דרייסיג דאָלאַר וואָס איר האָט מיך געהייסען באַצאָלען דעם קוטשער.

— דו וואָלסט געדאַרפט פאַרשרייבען! — האָט אים פאָרגעוואָרפען אָבלאָמאָוו. — ניט גוט ווען מען איז אַ גראָבער יונג! מען דאַרף קאָנען שרייבען!

— איך וועל מיר שוין אָפּלעבען מיינע יאָרען ניט ערגער פון אַנדערע, כאָטש איך קאָן ניט שרייבען! — האָט געענטפערט זאַכאַר, קוקענדיג אָן אַ זייט.

„גערעכט איז שטאָלץ, מען דאַרף איינפירען שולען אין די דערפער", האָט אָבלאָמאָוו אַ טראַכט געטאָן.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— אַט איז ביי די איליִנסקים געווען אַ געלערנטער, — האָט ווייטער גערעדט זאַכאַר, — האָט ער טאַקע צוגעצויגען דאָס זילבער פון בופעט.

„פולשטענדיג גערעכט, — האָט אָבלאָמאָוו אַ טראַכט געטאָן, — אַט די אַלע געבילדעטע זיינען אוממאָראַליש, שלעפּען זיך איבער קרעטשמעס... ניין, עס איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר שולען."

— אויף וואָס נאָך איז אַוועק דאָס געלט? — האָט ווייטער געפרעגט אָבלאָמאָוו.

— פון וואַנען זאָל איך וויסען? אַט האָט איר געגעבען געלט מיכעי אַנדרעיאַיטש'ן, ווען ער איז געקומען אין דאָרף אריין צו אונז.

— גערעכט, — האָט זיך דערפרעהט אָבלאָמאָוו, דערמאָנענדיג זיך וועגען דעם געלט. — איז עס אַזוי: דעם קוטשער דרייסיג רובל, מיכעי אַנדרעיאַיטש'ן, דאַכט זיך, פינף און צוואַנציג... וואו איז דאָס איבעריגע געלט?

ער האָט פאַרטראַכט און פרעגענדיג געקוקט אויף זאַכאַר'ן. אַנגעכמורעט, פון אַ זייט האָט זאַכאַר געקוקט אויף אים.

— אפשר געדענקט אַניסיא? — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו.

— זי זאָל גאָר געדענקען! — האָט מיט פאַראַכטונג זיך אָפּגערופען זאַכאַר.

— איך קאָן זיך ניט דערמאָנען! — האָט מיט טרויער זיך אָפּגערופען אָבלאָמאָוו. — זיינען דאָ ניט געווען קיין גנבים?

— ווען עס וואָלטען געווען גנבים, וואָלטען זיי אַלץ צוגענומען, — האָט געזאָגט זאַכאַר, ארויסגעהענדיג.

אָבלאָמאָוו האָט זיך געזעצט אין דער שטול אריין און פאַרטראַכט זיך. „וואו וועל איך נעמען געלט? — האָט ער געטראַכט און באַגאָסען זיך מיט קאַלטען שוויים. — ווען און וויפיל וועט מען מיר צושיקען פון דאָרף?"

אבלאָמאָון

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער: צוויי. עס איז שוין צייט צו פאָרען צו אָלגאַ'ן. היינט מיטאָגט ער ביי איר. ער האָט גענומען ווערען פרעהליכער, געשיקט נאָך אַ דראָשקע און אוועקגעפאָרען צו אָלגאַ'ן.